STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02929

SHAYKEVITSH'S NAYER BRIEFENSHTELER

N. M. Shaykevitsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שייקעוויטש'ם

נייער

בריעפענשטעלער

א פאלשטענדיגער וועגווייזער פאר אלע
קלאסען מענשען, א ריכטיגער לעהרער
אין דער קונסט ווי אזוי צו שרייבען אלע
סארטען בריעף, וואס קומען פאר אין
לעבען

פערפאסט פון

נ. מ. שייקעוויטש (שמ״ר)

מיט א ביילאגע

פון געוועהלטע בריעף פיר קינדער
און שרייב־שריפט

Hebrew Publishing Company
632-34 BROADWAY
NEW YORK
1928

אינהאלטס־פערצייכניס.

זייטע

דער אלף־בית 5
כללים צום שרייבען 6
דיא נעמען פון דיא טעג 15
דיא נעמען פון דיא חדשים 15
דיא נעמען פון דיא סדרות 16
דיא נעמען פון מענליכע פערזאנען 16
דיא נעמען פון ווייבליכע פערזאנען 18
יודישע בוכשטאבען אלס ציפער 20
העברעאישע ווערטער וועלכע ווערען בענוצט אין יודיש . 21
גראטולאציאנען (גליקוואינשע) 36
בריעף פון אמעריקא און פון איירא פא 54
פריינדשאפטליכע בריעפע 84
געוועהנליכע פאמיליען־בריעף 113
ליעבע בריעף 124
טרויסט בריעף 148
פון דער געשעפטס וועלט 156
פערשיעדענע בריעף 161
וועגען ליטעראטור 172
רעקאמענדאציאנ׳ס בריעף 178
דאנקבארע בריפע 181
איינלאדונג׳ס בריעף 186
פארמען פון שטרי חובות 188
פארמען פון תנאים און כתובה 189
איי בי סי איינגליש, דייטש, פראנצויז 190
שרייב־בריעף פיר קינדער.

פארווארט.

דער בריעף שפיעלט איינע פון דיא וויכטיגסטע ראָללען אין דעם מענשענס לעבען.

דער בריעף איז דער צווייטער צונג פון דעם מענשען.

מיט דער ערשטער צונג קען ער בלויס ריידען צו נאהענטע פערזאָנען, וועהרענד מיט דער צווייטער קען ער ריידען צו נאהענטע און צו אזעלכע וואס בעפינדען זיך זאגאר אין עק וועלט.

דער בריעף קען איבערגעבען דעם מענשענס געדאנקען פיל שעהנער אלס דער מונד, ווייל דער שרייבער האט מעהר צייט צו בעקלערען וויא זיינע געדאנקען אויסצודריקען אלס דער רעדנער.

דער בריעף האט אין זיך אמערקווירדיגען צויבער אזעהער קרעפטיגען מאגנעט, דאס קען מען זעהען אן דעם וואס מיליאָנען מענשען ערוואַרטען מיט אונגעדולד בריעף פון זייערע פערוואנדטע, געליעבטע און פריינדע און אלס זיי ערהאלטען דיא ערוואַרטעטע בריעפע, צייגען זיי ארויס אזא צופריעדענהייט וויא זיי זאלען ערהאלטען דיא טהייערסטע ווערטהזאכען.

דיא ווערטער פון א בריעף, ווען זיי זיינען קלוג גוט און בערעכענט געשריעבען, מאכען זיי אפיעל גרעסערען איינדרוק אלס דיא ווערטער וואס געהען ארויס פונ'ם מונד.

מען קען מיט דיא שטומע ווערטער פון א בריעף בריינגען א מענשען צו טרערען, וויא אויך צום לאכען. מען קען מיט דיעזע ווערטער צו ברעכען דיא שטארקסטע הערצער, וויא אויך ערפרעהען דיא טרויעריגסטע געמיטהער.

ליידער אבער זיינען ניט אללע מענשען פעהיג צו שרייבען מיט דער נעטהיגער קראפט.

מערקווירדיג איז דאס, וואס פיעלע זאלכע לייטע וועלכע קענען זעהר קלוג ריידען און מיט זייער שארפער צונג, קענען זיי מאכען דיא געווינשטע ווירקונג אויף דיא לייטע וואס הערען זייערע ווערטער, דיעזע רעדנער זיינען אין שרייבען שוואך, זיי פעהלט דיא נעטהיגע קונסט דאצו.

דאס זעלבע זעהען מיר אויך אין פיעלע טיכטיגע שרייבער, וועלכע קענען מיט זייער פעדער וויא מען זאגט „איבער קעהרען וועלטען” און וויא עס קומט צום ריידען פערליערען זיי זיך און וויסען ניט פון וואנען אנצופאנגען און וואו צו ענדיגען.

בײדע זאכען „שרײבען און רײדען“ איז א גאטטעס גאבע, װעלכע נור א קלײנער פראצענט פון דיא מענשען בעזיטצען.

דוכט זיך יעדער מענש איז קלוג פאר זיך, יעדער האט געפיהלע, יעדער האט רחמנות און אין א געװיסע מאאס גרויזאמקײט, יעדער אײנער װײס װאס ליעבע און האס זײנען און דאך װען זײ דארפען זאלכע געפיהלע אויס רײדען אדער אויס שרײבען בלײבען זײ הינטערשטעליג.

דער פאר האבען קלוגע לײטע אויס געפונען דעם „בריעפענשטעלער“ דאס איז א בוך װאס ענטהאלט אין זיך בריעפע װעגען אללע זאכען װאס פאסירען אין לעבען און װעגען אללעס װאס א מענש קען פיהלען.

מיט זאלכע בריעפע טרעפט מען צו יעדען אײנעם װאס ער װיל, װײל אין אללע פאכען צום בײשפיעל: אין ליעבע אדער האס, טרויער אדער פרײדע, גלײכען זיך דיא מענשען אויס מיט זײערע געפיהלע. דיא װעלכע ליעבע װאס א פערליעבטער רעדט צו זײן געליעבטע קען רײדען אדער שרײבען אנ׳אנדער פערליעבטער. דיא זעלבע טרויסט װערטער װאס אײנער שיקט צו אנ׳אונ־גליקליכען קענען געשיקט װערען צו אנדערע אונגליקליכע א. ז. װ.

דער װאס געפינט אין א בריעפענשטעלער אזא בריעף װיא ער ברויכט. דארף ער זיך ניט שעמען איהם איבער שרײבען און שיקען צו דער פערזאן פאר װעלכער דער בריעף איז פאססענד. דען מיט זײן איבער שרײבען דיעזען בריעף צײגט ער אז אללעס װאס אין איהם איז געשריעבען פיהלט ער אלײן.

דער װאס ערהאלט א בריעף פון א פערזאן און ער ערקענט אז דער בריעף איז ארויס גענומען געװארען פון א בריעפענשטעלער, אויך דארף יעדעס װארט אננעמען װיא יענע פערזאן זאל עס אלײן פון הערצען שרײבען דען דאמיט אלײן װאס ער האט דיא אללע װערטער איבערגעשריעבען, האט ער געצײגט אז זײ האבען ריכטיג צוגעטראפען דאס װאס ער האט געדענקט.

איך האף אז דיעזער נײער בריעפענשטעלער װעט ברײנגען פיעל נוטצען און טויזענדער מענשען, װעלען פאר איהם דאנקבאר זײן דיא הערויסגעבער און דעם

פערפאססער.

דֶער אַלֶף־בֵּית

(גֶעדרוּקְטֶע בּוּכְשְׁטַאבֶּען).

אבגדהוזחטיכדלמם
נןסעפףצץקרשת

(גֶעשְׁרִיבֶּענֶע בּוּכְשְׁטַאבֶּען).

א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ד ל מ ם

א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ד ל מ ם

נ ן ס ע פ ף צ ץ ק ר ש ת

נ ן ס ע פ ף צ ץ ק ר ש ת

נְקוּדוֹת.

◌ָ (קָמֶץ), ◌ַ (פַּתַח), ◌ֵ (צֵירֶה), ◌ֶ (סֶגֹל), ◌ִ (חִירִק),

וֹ (חוֹלָם), וּ (מְלֻאפּוּם), ◌ֻ שׁוּרֻק).

אַיינְטְהֵיילוּנג פוּן דִיא בּוּכְשְׁטַאבֶּען.

דִיא בּוּכְשְׁטַאבֶּען ווערען אִין יודיש אַיינְגֶעטְהֵיילְט אִין וָואַקאלֶען און קָאנְסָאנַאנְטֶען.

וָואַקַאלֶען זַיינֶען דִיא בּוּכְשְׁטַאבֶּען, וועלְכֶע דִיענֶען אָנְשְׁטָאט נְקוּדוֹת, וִויא: אַ, עָ, י, אוּ. אז. וו.

קָאנְסָאנַאנְטֶען זַיינֶען דִיא בּוּכְשְׁטַאבֶּען, וועלְכֶע פָּאדֶערְן צוּ זִיךְ דִיא וָואַקַאלֶען; זֵיי זַיינֶען: ב, ג, ד, אוּ. אז. וו.

דִיא וָואַקַאלֶען.

אִין יודִישׁ זַיינֶען דָא צְווֵיי סָארְטֶען וָואַקַאלֶען: אֵיינְפַאכֶע און צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְטֶע. דִיא אֵיינְפַאכֶע וָואַקַאלֶען זַיינֶען: א, ע, י, וּ; דִיא צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְטֶע: יי, וי.

א קוּמְט פִיר פַּתַח און קָמַץ (ַ ָ): האנד (הַנְד), בּארד (בָּרְד).

ע קוּמְט פִיר סֶגוֹל (ֶ): מענש (מֶנְשׁ).

י קוּמְט פִיר חִירִיק (ִ): מילך (מִלְךְ).

וּ קוּמְט פִיר מְלָאפוּם (וּ): בּוּך (בּוּךְ).

יי קוּמְט פִיר צֵירֶה (ֵ) און אוֹיךְ פִיר דֶעם קְלַאנְג אַי: קליין (קְלֵין), פַיין (פַאיְן).

אַנְמֶערְקוּנְג. וואו יי ווערען אויסְגֶעשְׁפְּרָאכֶען וויא צֵירֶה און וואו וויא אַי, לֶערְנְט דִיא פְּרַאקְטִיקֶע.

וי קוּמְט פִיר חוֹלֶם (וֹ) אָדֶער פִיר דֶעם קְלַאנְג אָי: הויך (הוֹיךְ), בּויך (בָּאיך).

אַנְמֶערְקוּנְג. וואו וי ווערען אויסגעשְׁפְּרָאכֶען וויא חוֹלֶם און וואו וויא אָי, לֶערְנְט דִיא פְּרַאקְטִיקֶע.

בעמערקונגען און כללים פיר דיא וואקאלען.

ווען א שטעהט פיר פתח קומט אפט אונטער איהם א פתח (אַ), ווען ער שטעהט פיר קמץ קומט אונטער איהם א קמץ (אָ): האַנד באָרד.

ווען דיא וואקאל־בוכשטאבען ו, י, יי, וי, קומען אין אנפאנג ווארט האבען זיי דעם בוכשטאב א פאר זיך, און ווען זייא קומען צום סוף האבען זיי דעם בוכשטאב א נאך זיך: אונז, איך, איין, אויך (אנשטאט: ונז, יך, יין, ויך); דוא, זיא, נייא, פרויא (אנשטאט: דו, זי, ניי, פרוי). צום סוף פון ווארט ווערט דער א אפט אויסגעלאזען.

י אהן אן א פאר זיך אין אנפאנג ווארט איז אימער א קאנסאָ־נאנט און ווערט אויסגעשפראכען וויא א יוד מיט א נקודה אין העברעאיש אדער וויא א דייטשער יאט (j) יאק, יאך, יונג, יויך.

דיא קאנסאנאנטען.

אין יודיש זיינען דא צוויי סארטען קאנסאנאנטען: איינפאכע און צוזאמענגעזעצטע. דיא איינפאכע קאנסאנאנטען זיינען: ב, ג, ד, ה, ז, ח, ט, י (j), כ, ל, מ, נ, ס, פ, צ, ק, ר, ש, ת; דיא צוזאמענגעזעצטע זיינען: וו, דזש, זש, טש.

וו ווערט געלעזען וויא א ווייכער ב אין העברעאיש אדער וויא דער בוכשטאב w *) אין דייטש: וואנד, וויסען.

*) וו איז טאקי איינגעפיהרט געווארען נאך דעם מוסטער פון דעם דייטשען W, וועלכער בעשטעהט פון צוויי לאטייניש וואווען (VV).

דזש ווערט אויסגעשפּראָכען וויא דער ענגלישער (j): דזשאַד.

זש ווערט אויסגעשפּראָכען וויא דער פראַנצויזישער (j) אָדער וויא דער פּוילישער (z): זשורנאַל, זשאַבע.

טש ווערט אויסגעשפּראָכען וויא ch אין ענגליש: טשיקאַגאָ, טשיקאַווע.

בּעמערקונגען און כּללים פיר דיא קאָנסאָנאַנטען.

ווען דיא וואָקאַלען ו, וי דאַרפען שטעהן נאָך וו, קומט פאַר זיי אַן א: וואו, וואויל.

נאָך דעם וואָקאַל ו ווערט פאַר וו געשטעלט אַן א: פּרואווען.

נאָך דעם וואָקאַל ו ווערט אָפט וו פון בּעקוועמליכקייט וועגען פערבּיטען אויף בֿ: פּרובֿען, סובֿאַלק (פיר: פּרווען, סוואַלק).

כ ווערט אין ניט־העבּרעאישע ווערטער אימער אויסגעשפּראָכען ווייך, וויא ח: מאַכען (מאַחען), כריין (חריין). אין לשון־קודש'דיגע ווערטער ווערט כ אויך געלעזען וויא ק: כלל (קלאַל).

פּ ווערט מאַנכע מאָל געלעזען האַרט — וויא מיט אַפּינטעל, (פּ), און מאַנכע מאָל ווייך — וויא אָהן אַפּינטעל, אָדער וויא f אין ענגליש: שלעפּען (שלעפֿן), שלאָפּען (שלאָפֿן).

כּ, וואס ווערט געלעזען וויא ח, און פֿ, וואס ווערט געלעזען ווייך (וויא f), קומען אָפט מיט אַ שטריכעלע פון אויבען (כֿ, פֿ): מאַכֿען, כֿריין; פֿאַלען, שלאָפֿען.

כ, מ, נ, פ, צ נעהמען צום סוף ווארט זייערע שלוס־פארמען, וויא אין העברעאיש: בוך, קראם, דאן, הויף, קורץ (אנשטאט: בוכ, קראמ, דאנ, הויפ, קורצ).

ח קומט געוועהנליך נאר פאר אין העברעאישע ווערטער, אבער מאנכע מאהל אויך אין ניט־העברעאישע: חוואט, חריין (אנשטאט: כוואט, כריין).

ת, קומט נאר פאר אין לשון־קודשדיגע ווערטער, וויא: תורה, תלמיד, נחת (טוירע, טאלמיד, נאכאס).

וועגען אויסלעגען.

יודיש בעשטעהט פון ווערטער פון פערשיעדענע שפראכען— דייטש, העברעאיש, רוסיש או א.

דיא דייטשע ווערטער, וועלכע קומען אין יודיש, קענען אויסגע־לעגט ווערען אויף צוויי ארטען: נאהענט צוא דייטש, וויא געהן, צעהן, הערום, ענטגעגען, הערבאב, אב, אדער איינפאך וויא זיי ווערען אויסגערעדט: גיין, צען, ארום, אנטקעגען, אראפ, אפ. פיר דיא, וואס קענען ניט קיין דייטש, איז דיא גלייכסטע זאך אויסצולעגען וויא מען רעדט.*)

*) מאנכע יודישע שרייבער, וועלכע לעגען אוים נאהענט צו דייטש, שרייבען דאס ווארט מאן—מאהן (מיט דעם ה נאכ'ן א); דיזעס ווארט דארף לויט דעם דייטשען אויסלעגען געשריעבען ווערען מהאן (מיט'ן ה פאר'ן א). עבענפאלס שרייבען מאנכע טיהר אנשטאט טהיר (אן עפנונג) אד. טהיער (א טיר).

פערשיעדענע יודישע ווערטער פון דייטש, וועלכע דארפען לויט זייער אויסשפראכע אין יודיש געשריבען ווערען אויף איין אופן, זאלען געשריבען ווערען מיט ענדערונגען, אום מען זאל קענען גענוי אונטערשיידען איינס פון אנדערן. דאס בעסטע איז אזעלכע ווער־טער צו שרייבען נאהענט צו דייטש; צ. ב. פילען (füllen פול מאַ־כען), פיהלען (fühlen מרגיש זיין); איך פיל (ich fülle איך מאך פול), איך פיהל (ich fühle איך בין מרגיש), פיעל (viel א סך); זייער (sie פון זיי), זעהר (sehr שטארק); איהר זייט (ihr seid איהר זייט), ער זייהט (er seihet ער פלייצט דורך), ער זעעט (er säet ער שפרייט אויס); זייען (seien זיינען), זייהען (seihen דורכפלייצען), זעען (säen אויסשפרייטען).

דיא, וואס ווייסען ניט קיין דייטש, קענען אזעלכע ווערטער שרייבען לויט דער געוועהנליכער רעגעל, דאס הייסט, לויט דער יודישער אויסשפראכע, און מען וועט זיי שוין פערשטעהן צו אונטער־שיידען נאך דעם געדאנק פון דעם זאץ, אין וועלכען זייא קומען פאר: צ. ב.:

דער דענטיסט פילט (füllet) דיא ציינער;
דער קראנקער פיהלט (fühlt) שמערצען;
עס פרייט מיר זייער גליק (זייער פון sie);
עס רעגענט זייער (sehr) שטארק.
דער בויער זייט (säet) קארן;

ער זייט (seihet) וואסער דורך אלייונענד;
איהר זייט (seid) בעסער אלס ער;
זיי ליעגען אויף איין זייט (Seite).
ער לייט (leihet) געלד אויף פראצענט;
דער חולה לייט (leidet) יסורים;
זיי זיינען גרויסע לייט (Leute).
איך פיר (führe) דעם וואגען;
דאס געלד איז פיר (für) מיך;
א וואגען האט פיר (vier) רעדער.
איך פאר (fahre) אין דארף;
ער שטעלט זיך פאר איהם פאר (vor)
דיא נעמען (Namen) פון דיא מענשען;
נעמען (nehmen) אנוטען פרייז.

מען זאל ניט שרייבען אלעס אנשטאט אלס. אלעס מיינט יעדע זאך; אלס בעדייטעט: אין פערגלייך, וויא, ווען; צ. ב.:

אלעס (יעדע זאך) איז גוט געמאכט.
דיזעס בוך איז בעסער אלס (וויא) יענעס.
זיך ווייזען אלס (וויא) א נאר.
אלס ער איז געוועזן (ווען ער איז געוועזן).

אנדערע ווערטער, אויסער לשון־קודש׳דיגע, ווערען אימער אויס־געלעגט וויא מען רעדט; צ. ב. דזשענאבץ (אנשטאט: דיענאט, סינגאציע (אססינאציא, דאליע (דאליא).

לשון־קודשדיגע ווערטער ווערען אויסגעלעגט גענוי וויא אין לשון־קודש: חָכְמָה (ניט כאכמע), תּוֹרָה (טוירע), אֶמֶת (עמעס), מְלַמֵּד (מלאמעד).

אין לשון־קודש׳דיגע ווערטער מיט צוגעזעצטע דייטשע פארזילבען און ענדונגען שרייבט מען דעם לשון־קודש׳דיגען טהייל וויא אין העבּ־רעאיש און דיא אנדערע טהיילען לויט דער געוועהנליכער רעגעל און מען זונדערט דערביי אב דורך שטעהענדע שטריכעלאך פון אויבען דעם לשון־קודש׳דיגען טהייל פון דיא ניט לשון־קודש׳דיגע טהיילען: חַתְמ׳ענען (כאסמענען), פערגַנְבְ׳ענען (פערגאנווענען), גע־דַרְשׁ׳עט (געדארשעט). מען זאל ניט שרייבען דעם בוכשטאב ת אנשטאט דיא ענדונגען ט, עט נאך לשון־קודש׳דיגע ווערטער. געיַחסנ׳ט, ניט: געיַחסנ׳ת; גע׳דרשׁ׳עט, ניט: גע׳דַרשׁ׳ת:

פרעמדע ווערטער ווערען אויסגעלעגט אזויא, אז זיי זאלען זיך לייענען וויא אין דיא שפראכען, צו וועלכע זיי געהערען: ניו־יארק (New York); דזשאירנאל (Journal), איווונינג סקול (Evening School).

פיר דיא איבערגעבונג פון פרעמדע ווערטער זיינען דיא געוועהנ־ליכע יודישע וואקאלען אפט ניט גענוג. דיא קלענגע, וועלכע פעה־לען געוועהנליך אין יודיש, זיינען דיא, וועלכע קומען הערויס פון דער צוזאמענשטעללונג פון אַ—ו און אָ—ו; דיזע קען מען איינפאך איבערגעבען דורך אַו, אָו: באַוערי (Bowery), לאָו (Low), דעססאַו (Dessau).

אין פרעמדע ווערטער איז נויטהיג צו מאכען אן אונטערשיעד צווישען יי, וואס ווערט הערויסגערעדט וויא צירה און יי, וואס ווערט הערויסגערעדט וויא אַי; דיזער אונטערשיעד קען געמאכט ווערען

אויף אזא ארט: דער קלאנג צירה זאל געשריבען ווערען לויט דער געוועהנליכער רעגעל—אין מיטען ווארט יי און צום אנהייב ווארט איי; דער קלאנג אי זאל אימער געשריבען איי מיט פתח (איי; צ. ב.: איימי (Amie), אייבעל (Abel), דזשיימז (James), פיין (Paine); אייאווא (Iowa), איידאהא (Idaho), בראייען (Bryan), לאיים(Light).

דער וואקאל צירה נאך אי זאל בעצייכענט ווערען דורך עי אנ־שטאט יי: יעיל (Yale); יעיטס (Yates). דער וואקאל אי נאך י זאל בעצייכענט ווערען דורך איי: יאייצע (אויף רוסיש: אן איי).

ווען מען שרייבט וויא מען רעדט דארף מען ניט בענוצען קיין דאפעלטע קאנסאנאנטען: פאלען (אנשטאט: פאללען), שטימען (שטיממען): אויסער ווען איינער פון דיא צוויי קאנסאנאנטען געהערט צו א צונעשטעלטען טהייל, וויא: פערריכטען (פער־ריכטען), אוממאכען (אום־מאכען), איננעהמען (איין־נעהמען).

טהיילונג פון ווערטער אין זילבען.

דיזע רעגעל איז נויטהיג צו קענען אום צו וויסען וויא זיך צו בע־געהן, ווען א ווארט קען זיך ניט אויסשטעלען אין גאנצען צו ענדע פון א צייל און א טהייל פון איהם דארף איבערגעטראגען ווערען אויף דיא צווייטע צייל.

ווען מען האלט אין ענדיגען א שורה און עס איז ניטא גענוג ארט פיר דאס לעצטע ווארט, קען מען א טהייל דערפון שרייבען אין דיזער צייל און דעם איבעריגען טהייל איבערטראגען אויף דיא צווייטע צייל. ביי אזא איבערטראגען דארף דיא טהיילונג פון דעם ווארט געמאכט ווערען נאך זיינע זילבען.

אַן אײנְצֶעלְנֶער קָאנְסָאנַאנְט צְוִוישֶׁען צְוֵוײ וָואקַאלֶען גֶעהֶערְט צוּ דֶער וַוײטֶערְדִיגֶער זִילְבֶּע: נוּ־צִיג, קַא־פָּא־טֶע, קְלֶע־נֶער.

וֶוען עֶס שְׁטֶעהֶען צְוֵוײ קָאנְסָאנַאנְטֶען צְוִוישֶׁען צְוֵוײ וָואקַאלֶען, גֶע־הֶערְט דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ דֶער פְרִיהֶערְדִיגֶער אוּן דֶער צְוֵוײטֶער צוּ דֶער וַוײטֶערְדִיגֶער זִילְבֶּע: זִינְ־קֶען, שְׁפַּאלְ־טוּנְג.

אַי, אָי פַאר אַ וָואקַאל גִיבֶּען דֶעם בּוּכְשְׁטַאב י צוּ דֶער וַוײטֶער־דִיגֶער זִילְבֶּע: נַא־בַא־יֶען, וַו־יֶע־וֶוען; פַאר אַקָאנְסָאנַאנְט גֶעהֶערֶען אַי, אָי אִין גַאנְצֶען צוּ דֶער פְרִיהֶערְדִיגֶער זִילְבֶּע: בַּאי־קֶע, סְטָאי־קֶע.

דִיא צוּזאַמֶענְגֶעזֶעצְטֶע קָאנְסָאנַאנְטֶען וו, דזש, זש, טש וֶוערֶען קֵיינְמָאל נִיט גֶעטְהֵיילְט אוּן אִין מִיטֶען וָוארְט גֶעהֶערֶען זֵיי אִימֶער צוּ דֶער וַוײטֶערְדִיגֶער זִילְבֶּע: קַא־וִוי־רֶען, גְוַוא־דְזְשֶׁען, הוּ־זְשֶׁען, פַּא־טְשֶׁען.

צוּגֶעזֶעצְטֶע טְהֵיילֶען וֶוערֶען אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דֶעם הוֹיפְּט־טְהֵייל (שׁוֹרֶשׁ): גֶע־דְרִיקְט, פֶער־שְׁטַאנְד, גְלִיקְ־לִיךְ, פְרֵיינְדְ־שַׁאפְט, וַוייכְ־קֵייט.

צוּ עֶנְדֶע פוּן אַשׁוּרָה וֶוערֶען צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְטֶע וֶוערְטֶער פֶערְנַאנְ־דֶער גֶעטְהֵיילְט: דְרַיי־פוּס, מִילְךְ־קַאן, בְּלֵיי־וַוייס, וִוינְשְׁ־פִינְגֶערְל.

בַּיי דֶער טְהֵיילוּנְג פוּן וֶוערְטֶער דַארְף צוּ עֶנְדֶע פוּן דֶער שׁוּרָה קוּמֶען אַבִּינְדְ־שְׁטְרִיכֶעלֶע (־).

לְשׁוֹן־קוֹדֶשׁדִיגֶע וֶוערְטֶער וֶוערֶען קֵיינְמָאל נִיט גֶעטְהֵיילְט צוּ עֶנְדֶע פוּן אַשׁוּרָה.

דיא נֶעמֶען פוּן דיא טֶעג.

יודיש	ענגליש
יוֹם רִאשׁוֹן, אָדֶער יוֹם־א׳—זוּנְטַאג	Sunday.
יוֹם שֵׁנִי, אָדֶער יוֹם־ב׳—מָאנְטַאג	Monday.
יוֹם שְׁלִישִׁי, אָדֶער יוֹם־ג׳—דִינְסְטַאג	Tuesday.
יוֹם רְבִיעִי, אָדֶער יוֹם־ד׳—מִיטְוָואך	Wednesday.
יוֹם חֲמִישִׁי, אָדֶער יוֹם־ה׳—דָאנֶערְשְׁטָאג	Thursday.
יוֹם שִׁשִּׁי אָדֶער יוֹם־ו׳—פְרַייטָאג	Friday.
יוֹם שַׁבַּת קֹדֶשׁ	Saturday.

פְרַייטָאג שְׁרַייבְּט מֶען (עשׁ״ק) ד. ה. עֶרֶב שַׁבָּת קֹדֶשׁ

שַׁבָּת בַּייא נַאכְט שְׁרַייבְּט מֶען (מוש״ק) ד. ה. מוֹצָאֵי שַׁבָּת קֹדֶשׁ.

דיא נֶעמֶען פוּן דיא חָדָשִׁים.

יודיש	דייטש	ענגליש
תִּשְׁרֵי	סֶעפְּטֶעמְבֶּער.	September.
חֶשְׁוָן	אָקְטָאבֶּער.	October.
כִּסְלֵו	נָאוֶועמְבֶּער.	November.
טֵבֵת	דֶעצֶעמְבֶּער	December.
שְׁבָט	יַאנוּאַר	January.
אֲדָר א׳—אֲדָר ב׳	פֶעבְּרוּאַר	February,
נִיסָן	מֶארְץ.	March,
אִיָּר	אַפְּרִיל.	April.
סִיוָן	מַאי	May.
תַּמּוּז	יוּנִי	June.
מְנַחֵם־אָב	יוּלִי.	July.
אֱלוּל	אוֹיגוּסְט.	August.

דיא נעמען פון דיא סדרות.

בראשית, נח, לך־לך, וירא, חיי־שרה, תולדות, ויצא, וישלח, וישב, מקץ, ויגש, ויחי, שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפטים, תרומה, תצוה, כי־תשא, ויקהל, פקודי, ויקרא, צו, שמיני, תזריע, מצורע, אחרי־מות, קדושים, אמור, בהר, בחוקותי, במדבר, נשא, בהעלותך, שלח־לך, קרח, חוקת, בלק, פינחס, מטות, מסעי, דברים, ואתחנן, עקב, ראה, שופטים, תצא, תבא, נצבים, וילך, האזינו, ברכה.

א שנה פשוטה, ד. ה. ניכט קיין עבור יאהר געהען דיעזע סדרות צו זאממען.

ויקהל־פקודי, תזריע־מצורע, אחרי־קדושים, בהר־בחקותי, מטות־מסעי, נצבים־וילך.

נעמען פון פערזאנען.

1. מענליכע נעמען.

א.

אבא, אבנר, אברהם, אביגדור, אהרן, אורי, אוריאל, אייזיק, איסר, איתמר, אליה, אליהו, אליעזר, אלחנן, אליקום, אלימלך, אנשיל, אלכסנדר, אפרים, אריה, אשר, אשכנזי.

ב.

בועז, בונם, בן ציון, בנימין, בינה, בענדיט, בצלאל, ביינוש, בער, ברוך.

ג.

גבריאל, גדליהו, גד, גימפעל, גמליאל, געציל, גאטליב, גוטמאן, גרשון, גרונם.

ד.

דוד, דן, דניאל, דוב.

ה.

הֶענְךְ, הִלֵּל, הֶעשִׁיל, הִירְשִׁיל, הֶערְשׁ, הַיימַאן, הֶערְץ.

ו.

װָאלְף, װֶעלְװֶעל.

ז.

זְאֵב, זֶרַח, זַלְמָן, זַלְקִינְד, זִיסְקִינְד, זְכַרְיָה, זַאנְוִויל, זוּסְמַאן, זִימִיל, זֶעלִיג, זְבוּלוּן.

ח.

חַיִּים, חָנָן, חַצְקִיל, חֲנוֹךְ, חֲנִינָא, חֲנַנְיָה.

ט.

טוּבְיָה, טוֹדְרוֹס, טְרַייטִיל.

י.

יוֹסֵף, יִצְחָק, יַעֲקֹב, יִשְׂרָאֵל, יְרַחְמִיאֵל, יְדִידְיָה, יוֹאֵל, יְהוּדָה, יְרוּחָם, יוֹנָה, יוֹנָתָן, יְהוֹנָתָן, יוֹחָנָן, יוֹזְפָא, יְחֶזְקֵאל, יְחִיאֵל, יְהוֹשֻׁעַ, יִשָּׂשכָר, יְשַׁעְיָהוּ, יוֹם טוֹב.

כ.

כָּלֵב, כַּתְרִיאֵל.

ל.

לֵוִי, לֵיבּ, לֵייזֶער, לֶעמֶעל, לִיפְּמַאן, לִיפָּא, לִיבֶּערְמַאנְן, לִיטְמַאנְן.

מ.

משֶׁה, מְנַחֵם, מֶענְדִיל, מָרְדְּכַי, מֵאִיר, מְנַשֶּׁה, מִיכָל, מִיכָאֵל, מְשׁוּלָם, מַתִּתְיָהוּ.

נ.

נֹחַ, נַחְמָן, נָחוּם, נְחֶמְיָה, נִיסָן, נַפְתָּלִי, נָתָן, נָטֶע.

ס.

סַעֲדְיָה, סֶענְדֶער.

ע.

עוֹבַדְיָה, עוֹזֵר, עֶזְרָא, עֻזִּיאֵל.

פ.

פֶּרֶץ, פְּתַחְיָה, פִּינְחָס, פַּלְטִיאֵל, פֵּייוּוִישׁ, פִּישֶׁל, פַּייטִיל, פֶּסַח.

צ.

צְבִי, צֶמַח, צָדוֹק.

ק.

קָלוֹנִימוּס, קַלְמָן, קוֹיפְּמַאנְן.

ר.

רְאוּבֵן, רְפָאֵל.

ש.

שְׁמוּאֵל, שְׁלֹמֹה, שְׂרַגָא, שֶׁבַח, שַׁבְּתַי, שָׁלוֹם, שַׁכְנָא, שִׁמְעוֹן, שִׂמְחָה, שְׁמַרְיָה, שְׁנֵיאוֹר, שְׁמַעְיָה, שֶׁבְתִיל, שָׁאוּל, שֶׁעפְּטִיל.

ת.

תַּנְחוּם, תַּלְמַי.

---

2. ווייבּלִיכֶע נֶעמֶען.

א.

אֶסְתֵּר, אֵיידִיל, אַסְנָה, אִיטָּה.

ב.

בֵּיילֶע, בַּתְיָה, בְּלוּמָה, בַּת־שֶׁבַע, בְּרָכָה, בְּרֵיינְדִיל, בּוּנָה.

ג.

גֶעלָה, גְרוּנָה, גוּטָה, גִיטֶל, גָאלְדָה, גְעגֶעגְדִיל, גִיסָה, גֶענֶעסֶע.

ד.

דָאבֶּע, דְבוֹרָה, דִינָה, דָאבְּרֶע, דְוָואסְיָע, דָאבְּרִישׁ, דְרָעזִיל.

ה.

הֶענָה, הִינְדָא, הֶענְדִיל, הָדָס, הֲדַסָּה.

ו.

וִיטִיל, וִויתָּה, וִיטָע, וִיטְקָע.

ז.

זלאטה, זעלדע, זיסיל, זילפה.

ח.

חוה, חנה, חסידה, חיענע, חיה, חישע.

ט.

טויבה, טילה, טאלצע, טריינע, טעמע.

י.

יהודית, יוכבד, יודאסיע, יענטע, יוטקע.

כ.

קיינע ווייבליכע נעמען פאנגט זיך אן מיט דעם בוכשטאב „כ".

ל.

לאה, ליפשע, ליבה, לאנה.

מ.

מרים, מלכה, מנוחה, מחלה, מיטע, מיכיל, מינה, מיכליע
מאריאסע, מאשע, מאטלע, מינדיל.

נ.

נחמה, נעחה, נעמי.

ס.

סאסיע, סלאווע, סימע, סטיפיע, סילקע.

ע.

עלקע, עטיא, עסקע.

פ.

פריידה, פיינה, פאיה, פעריל, פעסיא, פייקע.

צ.

צפורה, ציפה, צביה, צארטיל, צירל.

ק.

קײלָה, קְרײנָה, קוּנָה.

ר.

רִבְקָה, רָחֵל, רֵײזיל, רוּיזָה, רַאשְׁקָה, רַאסְיָה, רִיסְיָה, רִיטִיל, רײשְׁקָה, רוּחָמָה, רָאכָה, רֵײנָה, רֶעלֶע.

ש.

שֵׁײנָה, שָׁאשָׁע, שִׁפְרָה, שָׂרָה, שֶׁבַע, שֵׁײנְדִיל, שָׁאשְׁקֶע.

ת.

תַּמַרָה, תָּמָר, תִּרְצָה.

יוּדִישֶׁע בּוּכְשְׁטַאבֶּען אַלְס צִיפֶער.

א — אַלֶף, אײנְס, עֶרְשְׁטֶער.

ב — בֵּית, צְװײא, צְװײטֶער.

ג — גִימֶל, דְרַײא, דְרִיטֶער.

ד — דַלֶת, פִיער, פִיעְרְטֶער.

ה — הֵא, פִינְף, פִינְפְטֶער.

ו — וָו, זֶעכְס, זֶעקְסְטֶער.

ז — זַיִן, זִיעבֶּען, זִיעבֶּעטֶער.

ח — חֵית, אַכְט, אַכְטֶער.

ט — טֵית, נַײעֶן, נַײעֶנְטֶער.

י — יוּד, צֶעהְן, צֶעהֶנְטֶער.

כ — כַּף, צְוַואנְצִיג, צְוַואנְצִיגְסְטֶער.

ל — לָמֶד, דְרַײסִיג, דְרַײסִיגְסְטֶער.

מ — מֶם, פֶערְצִיג, פֶערְצִיגְסְטֶער.

נ — נוּן, פוּנְפְצִיג, פוּנְפְצִיגְסְטֶער.

ס — סַמֶך, זֶעכְצִיג, זֶעכְצִיגְסְטֶער.

ע — עַיִן, זִיבֶּעצִיג, זִיבֶּעצִיגְסְטֶער.

פ — פֵּא, אַכְצִיג, אַכְצִיגְסְטֶער.

צ — צַדִי, נַײעֶנְצִיג, נַײעֶנְצִיגְסְטֶער.

ק — קוּף, הוּנְדֶערְט, הוּנְדֶערְטְסְטֶער.

ר — רֵישׁ, צְװײא הוּנְדֶערְט—עֶר.

ש — שִׁין, דְרַײא הוּנְדֶערְט—עֶר.

ת — תָּו, פִיער הוּנְדֶערְט—עֶר.

הֶעבְּרֶעאִישֶׁע וֶוערְטֶער.

וֶועלְכֶע וֶוערֶען בֶּענוּצְט אִין יִדִישׁ.

א

אָב (חוֹדֶשׁ אָב)
אָבוֹת
אָבֵל, אֲבֵלִים
אֲבֵלָה, אֲבֵלוֹת
אֲבֵלוּת
אֶבֶן טוֹב
אֵבֶר, אֵבָרִים
אֲגַב, אֲגַב אוֹרְחָא
אַדִּיר (גְבִיר אַדִּיר)
אֲדָר (חוֹדֶשׁ אֲדָר)
אַדְרַבָּה
אוֹרֵחַ, אוֹרְחִים
אוֹת, אוֹתִיּוֹת
אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים
אַחְדוּת
אַחֲרָיוּת
אֵימָה, אֵימוֹת
אֲבִילָה, אֲבִילוֹת
אַכְלָן, אַכְלָנִים
אַכְסַנְיָה, אַכְסַנְיוֹת
אֶלָּא
אֱלוּל (חוֹדֶשׁ אֱלוּל)
אַלְמָן, אַלְמָנִים
אַלְמָנָה, אַלְמָנוֹת

אֶלֶף, אֲלָפִין
אַלֶף בֵּית
אֲמָרוֹת
אֱמוּנָה, אֱמוּנוֹת
אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
אִם כֵּן
אָמֵן
אֱמֶת
אָסוּר
אֲסֵיפָה, אֲסֵיפוֹת
אַפִּיקוֹרוֹס
אַפִּיקוֹרְסוּת
אַרְבַּע כַּנְפוֹת
אֲרוֹן קוֹדֶשׁ
אֲרוּכָה, אֲרוּכוֹת
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
אִשָּׁה, נָשִׁים
אַשְׁמְדַאי
אַשְׁפָּה אַשְׁפּוֹת
אֵשֶׁת אִישׁ
אֵשֶׁת חַיִל
אֶתְרוֹג, אֶתְרוֹגִים

ב

בְּאַלְכְּסוֹן
בַּאֲרִיכוּת
בַּאֲשֶׁר
בֶּגֶד, בְּגָדִים
בִּגְנֵבָה
בַּדְחָן, בַּדְחָנִים
בְּדִיעֲבַד
בְּדִיל הַבַּל
בְּדִיקָה, בְּדִיקוֹת
בְּדָלוּת
בְּדֵעָה
בְּהִיוֹת
בֶּהָלָה, בֶּהָלוֹת
בְּהֵמָה, בְּהֵמוֹת
בּוֹדֵק
בּוֹלֵט
בּוּר, בּוּרִים
בּוֹרֵא
בּוֹרֵר, בּוֹרְרִים
בּוּשָׁה
בָּזוּי, בְּזוּיִים
בִּזָּיוֹן, בִּזְיוֹנוֹת
בָּחוּר, בַּחוּרִים
בְּחַיָּם
בָּחִיר
בַּחֲצִי חִנָּם
בְּחָרִים

בְּטֶבַע
בָּטוּחַ, בְּטוּחִים
בִּטָּחוֹן, בִּטְחוֹנוֹת
בָּטֵל
בַּטְלָן, בַּטְלָנִים
בִּיוּשׁ, בִּיוּשִׁים
בֵּין הַזְּמַנִּים
בֵּינִי לְבֵינִי
בַּיִת בָּתִּים,
בֵּית (אוֹת ב) בֵּיתִין,
בֵּית דִּין
בֵּית הַמִּדְרָשׁ
בֵּית עוֹלָם
בְּכָבוֹד
בִּכְדֵי
בְּכִוּוּן
בְּכַוָּנָה
בְּכוֹר, בְּכוֹרִים
בִּכְלָל
בְּכֵן
בִּכְתָב
בִּמְזוּמָּן
בְּמַתָּנָה
בֵּן יָחִיד, בָּנִים יְחִידִים
בִּנְיָן בִּנְיָנִים
בֶּן מֶלֶךְ
בְּנַעֲשׂוֹת

בֶּן שִׁבְעִים
בְּסַךְ הַכֹּל
בַּעַל גַּאֲוָה
בַּעַל דָּבָר
בַּעַל הַבַּיִת, בַּעֲלֵי בָּתִּים
בַּעַל חוֹב, בַּעֲלֵי חוֹבוֹת
בַּעַל טוֹבָה, בַּעֲלֵי טוֹבוֹת
בַּעַל מְלָאכָה
בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת
בַּעֲלָן, בַּעֲלָנִים
בַּעַל נֶאֱמָנוּת
בַּעֲלֵי נֶאֱמָנוּת
בַּעֲלָנוּת
בַּעַל עֲגָלָה, בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת
בַּעַל צְדָקָה, בַּעֲלֵי צְדָקָה
בַּעַל שִׂמְחָה
בַּעֲלֵי שִׂמְחָה
בְּעֵת, בְּעֵת מַעֲשֶׂה
בְּפֵירוּשׁ
בְּפַרְהֶסְיָא
בִּפְרָט
בַּקָּשָׁה, בַּקָּשׁוֹת
בַּר דַּעַת
בְּרוֹגֶז
בָּרוּךְ הַבָּא
בְּרִיָּה, בְּרִיּוֹת
בְּרִית, בְּרִית מִילָה

בַּר מִנָּן
בַּר מִצְוָה
בְּשׂוֹרָה, בְּשׂוֹרוֹת
בְּשָׁלוֹם
בְּשָׁמַיִם
בְּשָׁעַת, בְּשָׁעַת מַעֲשֶׂה
בְּתוּלָה, בְּתוּלוֹת
בַּת יְחִידָה
בַּת מַלְכָּה
בַּת קוֹל

ג

גָּאוֹן, גְּאוֹנִים
גַּבַּאי, גַּבָּאִים
גִּבּוֹר, גִּבּוֹרִים
גְּבוּרָה, גְּבוּרוֹת
גְּבִיר, גְּבִירִים
גְּבִירָה, גְּבִירוֹת
גְּדוּלָּה, גְּדוּלּוֹת
גַּדְלוּת
גּוֹי, גּוֹיִם
גּוֹלֶם, גּוֹלְמִים
גּוֹסֵס, גּוֹסְסִים
גּוֹרָל, גּוֹרָלוֹת
גְּזֵלָה, גְּזֵלוֹת
גַּזְלָן, גַּזְלָנִים
גֵּזֶר, גְּזֵרָה, גְּזֵרוֹת
גַּם, גַּמָּן

גֵיהִנֹּם
גִימֶל, גִימְלִין
גִלְגּוּל, גִלְגּוּלִים
גָלוּת
גַלָּח, גַלָּחִים
גְמִילוּת חֶסֶד
גְמָרָא, גְמָרוֹת
גַנָּב גַנָּבִים
גְנֵבָה, גְנֵבוֹת
גַנָּבוּת
גְסִיסָה, גְסִיסוֹת
גֵרוּשׁ, גֵרוּשִׁים
גֵרוּשׁ
גְרוּשָׁה, גְרוּשׁוֹת
גַשְׁמִיּוּת

ד

דַאֲגָה, דַאֲגוֹת
דִבּוּר, דִבּוּרִים
דָבָר אַחֵר
דְבָרִים אֲחֵרִים
דְהַיְנוּ
דַיָּן, דַיָּנִים
דִין, דִינִים
דִירָה דִירוֹת
דַלּוּת
דָלֶת (אוֹת ד׳) דַלְתִין
דָמִים
דִקְדּוּקֵי מְלַמֵּד
דָרוֹם
דְרוּשׁ
דֶרֶךְ, דְרָכִים
דֶרֶךְ אֶרֶץ
דְרָשָׁה, דְרָשׁוֹת
דַרְשָׁן, דַרְשָׁנִים

ה

הַבְדָּלָה, הַבְדָּלוֹת
הַבְטָחָה, הַבְטָחוֹת
הֶבֶל, הֲבָלִים
הָגֵם
הֲוָיָה, הֲוָיוֹת
הוֹסָפָה, הוֹסָפוֹת
הוֹצָאָה, הוֹצָאוֹת
הוֹשַׁעְנָא, הוֹשַׁעְנוֹת
הַכֹּל
הֲכָנָה, הֲכָנוֹת
הַכְנָסָה, הַכְנָסוֹת
הַכְרָעָה, הַכְרָעוֹת
הֶכְשֵׁר, הֶכְשֵׁרִים
הַלְוַאי
הִלּוּךְ
הֲלָכָה, הֲלָכוֹת
הַמְצָאָה, הַמְצָאוֹת
הֲנָאָה הֲנָאוֹת
הֶסְפֵּד, הֶסְפֵּדִים
הַסְכָּמָה, הַסְכָּמוֹת
הֵפוּךְ, הִפּוּכִים
הַפְלֵא וָפֶלֶא
הֶפָּנִים
הֶפְקֵר
הַצְלָחָה
הַקְדָּמָה, הַקְדָּמוֹת
הֶקְדֵּשׁ, הֶקְדֵּשִׁים
הָרוּג, הֲרוּגִים
הֲרִיגָה, הֲרִיגוֹת
הָרִים וּגְבָעוֹת
הַשְׂכָּלָה
הַשְׁלָמָה
הַשְׁעָרָה, הַשְׁעָרוֹת
הִשְׁתַּנָּה
הִתְחַיְּבוּת
הַתְחָלָה, הַתְחָלוֹת
הַתְמָדָה
הִתְפַּעֲלוּת
הִתְקָרְבוּת

ו

וַאֲדָר (חֹדֶשׁ וַאֲדָר)
וַיִּבְרַח
וִידּוּי
וִכּוּחַ

ז

זַיִן (אוֹת ז)

זְכוּת
זֵכֶר
זָכָר, זְכָרִים
זִכָּרוֹן, זִכְרוֹנוֹת
זְמִירוֹת
זָקֵן, זְקֵנִים
זְקֵנָה, זְקֵנוֹת
זִקְנָה
זְרִיעָה

ח

חִבּוּט הַקֶּבֶר
חִבּוּר, חִבּוּרִים
חָבֵר חֲבֵרִים
חֶבְרָה, חֲבָרוֹת
חַבְרוּתָא
חָגָא, חֲגָאוֹת
חֶדֶר, חֲדָרִים
חֹדֶשׁ, חֳדָשִׁים
חוֹב, חוֹבוֹת
חוֹזֶק
חוֹלֶה, חוֹלִים, חֲלָאִים
חוֹל הַמּוֹעֵד
חוּמָשׁ, חוּמָשִׁים
חוֹנֵף, חוֹנְפִים
חוּץ
חוּצְפָּה
חוּשׁ, חוּשִׁים

חֲזִיר, חֲזִירִים
חַזָּן, חַזָּנִים, חַזָּנוּת
חֲזָקָה, חֲזָקוֹת
חֲזָרָה
חֵטְא, חֲטָאִים
חַטָּאת
חִידּוּשׁ, חִידּוּשִׁים
חַיָּה, חַיּוֹת
חַיָּה רָעָה, חַיּוֹת רָעוֹת
חִיּוּב, חִיּוּבִים
חִיּוּנָה
חִיּוּת
חַיָּיב
חַיִל, חֲיָלוֹת
חִילּוּק
חִיסּוּר
חֵית (אוֹת ח) חֵיתִין
חָכָם, חֲכָמִים
חֲכָמָה, חֲכָמוֹת
חָכְמָה, חֲכָמוֹת
חָכָם עַתִּיק
חַלָּאַת
חֵלֶב
חַלָּה, חַלּוֹת
חִלּוּל הַשֵּׁם
חֲלוֹם, חֲלוֹמוֹת
חִלּוּק (חִילּוּק)

חֲלוּקַת
חֲלִילָה
חֲלִיצָה
חַלְפָן, חַלְפָנִים
חֵלֶק חֲלָקִים,
חֲלָשׁוּת
חֲמוֹר, חֲמוֹרִים
חָמֵץ
חֵן
חֲנֻכָּה
חֲנֻכַּת הַבַּיִת
חַס, חַס וְחָלִילָה
חִסּוּר (חִיסּוּר)
חַס וְשָׁלוֹם
חָסִיד, חֲסִידִים
חֲסַר דֵּעָה
חִסָּרוֹן, חִסְרוֹנוֹת
חֵפֶץ, חֲפָצִים
חָצוּף, חֲצוּפִים
חֲצוּפָה חֲצוּפוֹת
חֲצִי חִנָּם
חֲקִירָה, חֲקִירוֹת
חָרֵב
חֻרְבָּן (חוּרְבָּן), חֻרְבָּנוֹת
חֲרוֹסֶת
חֲרָטָה
חֵרֶם, חֲרָמוֹת

חֲרָפָה, חֲרָפוֹת
חֶשְׁבּוֹן, חֶשְׁבּוֹנוֹת
חָשׁוּב, חֲשׁוּבִים
חֶשְׁוָן (חֹדֶשׁ חֶשְׁוָן)
חֲשִׁיבוּת
חֵשֶׁק
חֲתוּנָּה, חֲתוּנּוֹת
חֲתִימָה, חֲתִימוֹת

ט

טְבִילָה טְבִילוֹת
טֶבַע
טֵבֵת (חֹדֶשׁ טֵבֵת)
טָהֳרָה
טוֹבָה, טוֹבוֹת
טוֹבֵל
טוּמְאָה, טוּמְאוֹת
טַלִּית, טַלִּיתִים (טליות)
טַלִּית קָטָן
טָעוּת, טָעוּתִים (טעיות)
טַעַם, טְעָמִים
טַעֲנָה, טַעֲנוֹת
טַעֲנָה וּמַעֲנָה

י

יַבָּשָׁה
יָד, יָדַיִם
יְדִיעָה, יְדִיעוֹת
יוֹבֵל
יוּד, יוּדִין
יוֹם הַדִּין
יוֹם טוֹב, יָמִים טוֹבִים
יוֹם כִּפּוּר
יוֹצֵא
יוֹרֵד
יוֹשֶׁר
יִחוּס
יָחִיד, יְחִידִים
יַחְסָן, יַחְסָנִים
יֵין נֶסֶךְ
יֶלֶד, יְלָדִים
יַלְדָּה
יָם, יַמִּים
יִמַּח שְׁמוֹ
יָמִים נוֹרָאִים
יְנִיקָה
יְסוֹד
יִסּוּרִים
יְצִיאַת נְשָׁמָה
יֵצֶר הָרָע
יַקְרוּת
יַקְרָן, יַקְרָנִים
יִרְאָה
יְרוּשָּׁה, יְרוּשּׁוֹת
יָרִיד, יְרִידִים
יֹשֵׁב
יְשׁוּעָה, יְשׁוּעוֹת
יְשִׁיבָה, יְשִׁיבוֹת
יַשְׁרָנוּת
יִשְׂרָאֵל
יָתוֹם, יְתוֹמִים
יְתוֹמָה, יְתוֹמוֹת
יִתּוּר

כ

כְּדַאי
כֹּהֵן, כֹּהֲנִים
כּוֹלֵל, כּוֹלְלִים
כַּוָּנָה, כַּוָּנוֹת
כּוֹס, כּוֹסוֹת
כּוֹכָב, כּוֹכָבִים
כְּוִית
כֹּחַ, כֹּחוֹת
כָּךְ הֲוָה
כִּלְאַחַר יָד
כְּלֹא יָדַע
כֶּלֶב, כְּלָבִים
כָּל בּוֹ
כַּלָּה, כַּלּוֹת
כָּל זְמַן
כְּלִי, כֵּלִים
כְּלֵי נִגּוּן
כְּלֵי זֶמֶר
כְּלָל, כְּלָלִים

כְּמְעַט
כְּמַשְׁמָעוֹ
כְּסֵדֶר
כִּסְלֵיו (חֹדֶשׁ כִּסְלֵיו)
כַּעַס
כַּעְסָן, כַּעְסָנִים
כַּף (אוֹת כ), כַּפִּין
כַּף הַקֶּל (הקלע)
כֹּפֶל
כַּפָּרָה, כַּפָּרוֹת
כֶּרֶת, כֶּרֶת יָמִים
כִּשּׁוּף
כַּשּׁוּרָה
כָּשֵׁר
כַּשְׁרוּת
כְּתָב, כְּתַב יַד
כְּתוּבָּה, כְּתוּבּוֹת

ל

לֹא עֲלֵיכֶם
לֵב, לְבָבוֹת
לְבָנָה
לְהַבְדִּיל
לְהַכְעִיס
לֹוֶה (לווה)
לוּחַ, לוּחוֹת
לֵוִי, לְוִיִּם
לְוָיָה, לְוָיוֹת
לִוְיָתָן
לוּלָב, לוּלָבִים
לוֹמְדוּת
לְחַיִּים
לַחֲלוּטִין
לְכַתְּחִילָה
לְמַאי
לָמֶד (אוֹת ל), לַמְדִין
לַמְדוּת
לַמְדָן, לַמְדָנִים, לוֹמְדִים
לִמּוּד, לִמּוּדִים, לִמּוּדִיּוֹת
לַעֲזָאזֵל
לְעֵת עַתָּה
לְפָנִים
לֵץ, לֵצִים
לֵצָנוּת
לְקוּי חַמָּה
לְקוּי לְבָנָה
לָשׁוֹן, לְשׁוֹנוֹת
לְשׁוֹן קֹדֶשׁ

מ

מַאֲמָר, מַאֲמָרִים
מְאַסֵּף
מַאֲרִיךְ
מַבּוּל
מְבֻזֶּה
מַבְטִיחַ
מְבַטֵּל
מֵבִין, מְבִינִים
מְגֻוָּם
מַגִּיד, מַגִּידִים
מְגִלָּה
מָגֵן דָּוִד
מַגֵּפָה, מַגֵּפוֹת
מִדְבָּר, מִדְבָּרִיּוֹת
מִדָּה, מִדּוֹת
מְדִינָה, מְדִינוֹת
מְדַקְדֵּק, מְדַקְדְּקִים
מַדְרֵגָה, מַדְרֵגוֹת
מַדְרִיךְ
מְהוּמָה, מְהוּמוֹת
מֵהֵיכִי תֵּיתֵי
מַהֲלָךְ
מְהַנֶּה
מֵהַסְּתָם
מַהְפֵּכָה, מַהְפֵּכוֹת
מְהַרְהֵר
מוֹדֶה
מוֹדִיעַ
מוֹהֵל, מוֹהֲלִים
מוֹכֵר סְפָרִים
מוּם, מוּמִים
מוּמְחָא
מוּסְמָךְ, מוּסְמָכִים

מוֹסֵר (מָאסֶר), מוֹסְרִים
מוּסָר
מוּפְלָג, מוּפְלָגִים
מוּפְקָר, מוּפְקָרִים
מוּפְקֶרֶת
מוּקְצֶה
מוֹרָא, מוֹרָאוֹת
מוֹרֶה הוֹרָאָה
מוֹרֵנוּ
מוּשְׁוָה
מוּשְׁלָם, מוּשְׁלָמִים
מוּשְׁלֶמֶת
מוּתָּר
מִזְבֵּחַ, מִזְבְּחוֹת
מֶזֶג, מֶזֶג טוֹב
מְזוּזָה, מְזוּזוֹת
מְזוּמָּן, מְזוּמָּנִים
מַזִּיק, מַזִּיקִים
מְזַכֶּה
מַזָּל, מַזָּלוֹת
מַזָּל בְּרָכָה
מַזָּל טוֹב
מִזְמוֹר, מִזְמוֹרִים
מִזְרָח
מְחַבֵּל, מְחַבְּלִים
מְחַבֵּר, מְחַבְּרִים
מַחֲזוֹר, מַחֲזוֹרִים

מְחֻזָּקָה, מְחֻזָּקוֹת
מְחַיֶּה
מְחַיֵּב
מַחֲלוֹקֶת, מַחֲלוֹקוֹת
מְחַלֵּל
מַחֲמַת
מַתָּנָה, מַתָּנוֹת
מַחֲשָׁבָה, מַחֲשָׁבוֹת
מַטְבֵּעַ, מַטְבְּעוֹת
מְטַהֵר
מְטוּפָּל
מְטוּשְׁטָשׁ
מֵטִיב
מְטַמֵּא
מַטְעַמִּים
מַטְרִית
מִיאוּס
מִיחוּשׁ
מַיִם אַחֲרוֹנִים
מַיִם חַיִּים
מִיתָה, מִיתוֹת
מִיתָה מְשׁוּנָּה
מְכַבֵּד
מַכָּה, מַכּוֹת
מְכֻוָּן (מְכוּוָּן)
מְכוּלָּה
מֹכִחַ

מְכִירַת חָמֵץ
מַכְנִיס אוֹרֵחַ
מְכַשֵּׁף, מְכַשְּׁפִים
מְכַשֵּׁפָה, מְכַשְּׁפוֹת
מָלֵא
מַלְאָךְ, מַלְאָכִים
מְלָאכָה, מְלָאכוֹת
מַלְאַךְ הַמָּוֶת
מַלְבּוּשׁ, מַלְבּוּשִׁים
מִלָּה, מִלּוֹת
מַלְוֶה
מִלְחָמָה, מִלְחָמוֹת
מֵלִיץ, מְלִיצִים
מְלִיצָה, מְלִיצוֹת
מֶלֶךְ, מְלָכִים
מְלוּכָה, מְלוּכוֹת
מַלְכָּה, מַלְכּוֹת
מַלְכוּת
מַלְקוֹת
מֶם (אוֹת מ), מֶמִין
מִמָּה נַפְשָׁךְ
מָמוֹן, מָמוֹן קֹרַח
מַמְזֵר, מַמְזֵרִים, מַמְזֶרֶת
מִמֵּילָא
מְמַלֵּא
מַמָּשׁ
מַמָּשׁוּת

מֶמְשָׁלָה, מֶמְשָׁלוֹת
מָן
מָגֵן, מְגִנִּים
מְנַדֵּב, מְנַדְּבִים
מִנְהָג, מִנְהָגִים
מָן הַשָּׁמַיִם
מְנוֹרָה, מְנוֹרוֹת
מִנְחָה, מְנָחוֹת
מַנְיָה וּבֵיָה
מִנְיָן מִנְיָנִים
מְנִיעָה, מְנִיעוֹת
מְסַדֵּר, מְסַדֵּר קִדּוּשִׁין
מַסְכְּתָא, מַסְכְּתוֹת
מִסְתָּמָא
מְעוּבֶּרֶת
מָעוֹת, מָעוֹת חִטִּים
מַעֲלָה, מַעֲלוֹת
מַעֲמָד, מַעֲמָדוֹת
מַעֲנֶה לָשׁוֹן
מַעֲרָב
מַעֲרִיב
מַעֲרָכָה, מַעֲרָכוֹת
מַעֲשֶׂה, מַעֲשִׂים;
מַעֲשִׂיּוֹת
מַעֲשֵׂה שָׂטָן
מַעֲשֵׂר
מְפוּנָק מְפוּנָקִים

מְפוּרְסָם
מְפוֹרָשׁ
מַפִּיל
מַפָּלָה, מַפָּלוֹת
מַפְסִיק
מַפְקִיד
מְפַרְנֵס
מְפַרְסֵם
מַצָּב
מַצֵּבָה, מַצֵּבוֹת
מִצְוָה מִצְווֹת
מַצָּה, מַצּוֹת
מַצָּה שְׁמוּרָה
מְצִיאָה, מְצִיאוֹת
מְצַעֵר
מְקַבֵּל, מְקַבֵּל פָּנִים
מַקְדִּים
מְקַבֵּר
מְקַדֵּשׁ
מִקְוֶה, מִקְווֹת
מָקוֹם, מְקוֹמוֹת
מָקוֹר, מְקוֹרִים
מֶקַח, מְקָחִים
מֶקַח טָעוּת
מְקַנֵּא
מַקְפִּיד
מְקַצֵּר

מְקָרֵב
מַקְרִיב
מַרְאֵה מָקוֹם
מָרָה שְׁחוֹרָה
מְרוּצָה
מַרְחִיק
מְרַחֵם
מֶרְחָץ
מֶרְחָק, מֶרְחַק רַב
מַשָּׂא, מַשָּׂאוֹת
מַשָּׂא וּמַתָּן
מַשְׂבִּיעַ
מַשְׁגִּיחַ, מַשְׁגִּיחִים
מְשַׁדֵּךְ
מֹשֶׁה רַבֵּנוּ
מְשׁוּגָּע, מְשׁוּגָּעִים
מְשׁוּגַּעַת
מְשׁוּלָּח, מְשׁוּלָּחִים
מְשׁוּמָּד, מְשׁוּמָּדִים
מְשׁוּמֶּדֶת
מְשׁוּנֶּה
מְשׁוּפָּע
מְשׁוֹרֵר, מְשׁוֹרְרִים
מַשְׁחִית, מַשְׁחִיתִים
מַשִּׂיג
מָשִׁיחַ
מַשְׁכּוֹן, מַשְׁכּוֹנוֹת

מַשְׂכִּיל, מַשְׂכִּילִים
מָשָׁל, מְשָׁלִים
מְשַׁלֵּחַ
מִשְׁלַחַת
מְשֻׁלָּשׁ
מְשַׂמֵּחַ
מַשְׁמָעוּת
מִשְׁנֶה, (מִשְׁנֵיו)
מְאֻשָּׁר
מִשְׁפָּט, מִשְׁפָּטִים
מַשְׁפִּיעַ
מַשְׁקֶה, מַשְׁקָאוֹת
מִשְׁקֹלֶת, מִשְׁקָל
מִשְׁתַּדֵּל
מַשְׁתִּין
מֵת, מֵתִים
מְתוּבַּח
מִתְחַיֵּב
מְתִיקוּת
מַתִּיר
מַתְמִיד, מַתְמִידִים
מַתָּן בַּסֵּתֶר
מַתָּנָה, מַתָּנוֹת
מַתַּן תּוֹרָה
מַתְּנַת יָד
מִתְעַסְּקִים
מִתְפַּלֵּל

מְתַקְּנָא
מִתְרַעֵם

נ

נֶאֱמָן, נֶאֱמָנִים
נֶאֱמָנוּת
נָבִיא, נְבִיאִים, נְבִיאוֹת
נְבֵלָה, נְבֵלוֹת
נִגּוּן, נִגּוּנִים
נָגִיד, נְגִידִים
נְגִידָה, נְגִידוֹת
נְגִידוּת
נְגִינָה, נְגִינוֹת
נְגִישָׁה, נְגִישׁוֹת
נֶגַע, נֶגַע צָרַעַת
נְדָבָה, נְדָבוֹת
נַדְבָן, נַדְבָנִים
נִדָּה, נִדּוֹת
נַדָּן
נֶדֶר, נְדָרִים
נֶהֱנֶה
נֶהֱרַג
נוֹהֵג
נוֹטֶה לָמוּת
נוּן (אוֹת נ), נוּנִין
נוּסַח, נוּסְחָאוֹת
נוֹקֵם
נוֹזֵק

נֶחָמָה, נֶחָמוֹת
נַחַת, נַחַת רוּחַ
נִיסָן (חֹדֶשׁ נִיסָן)
נִמְאָס
נֵס, נִסִּים
נִסָּיוֹן, נִסְיוֹנוֹת
נְסִיעָה, נְסִיעוֹת
נָע וָנָד
נְעִילָה
נֶעֱלָם, נֶעֱלָמִים
נַפְקָא מִנַּיְהּ
נֶפֶשׁ, נְפָשׁוֹת
נִצָּחוֹן, נִצְחוֹנוֹת
נְקֵבָה, נְקֵבוֹת
נְקֻדָּה, נְקֻדּוֹת
נְקָמָה, נְקָמוֹת
נְשָׁמָה, נְשָׁמוֹת
נִשְׁתּוֹמֵם
נִתְפָּעֵל

ס

סִבָּה, סִבּוֹת
סְבִיבָה, סְבִיבוֹת
סְבָרָא, סְבָרוֹת
סְגֻלָּה, סְגֻלּוֹת
סִדּוּר, סִדּוּרִים
סֵדֶר, סְדָרִים
סוֹד, סוֹדוֹת

סוֹחֵר, סוֹחֲרִים
סוּף
סוֹפֵר, סוֹפְרִים
סְחוֹרָה, סְחוֹרוֹת
סִיוָן (חֹדֶשׁ סִיוָן)
סִילּוּק
סִימָן, סִימָנִים
סַךְ, סַךְ הַכֹּל
סְכוּם
סְכַךְ
סַכָּנָה, סַכָּנוֹת
סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת
סִכְסוּךְ, סִכְסוּכִים
סְלִיחָה, סְלִיחוֹת
סַם, סַם הַמָּוֶת
סַמְבַּטְיוֹן
סְמִיכָה, סְמִיכוֹת
סָמֶךְ, (אוֹת ס) סַמְכִין
סָמַךְ
סַנְדָק
סְעוּדָה, סְעוּדוֹת
סִפְרָא רַבָּא
סְפָרַדִּי, סְפָרַדִּים
סֵפֶר, סְפָרִים
סֵפֶר זִכְרוֹנוֹת
סֵפֶר תּוֹרָה, סִפְרֵי תוֹרָה
סְקִילָה

סִרְכָא, סִרְכוֹת
סַרְסוּר סַרְסוּרִים
סְתָם
סִתְרֵי תוֹרָה

ע

עֶבֶד, עֲבָדִים
עֲבוֹדָה, עֲבוֹדוֹת
עֲבוֹדָה זָרָה
עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ
עִבּוּר, עִיבּוּר יָאהְר
עֲבֵירָה, עֲבֵירוֹת
עִבְרִי
עֲגוּנָה, עֲגוּנוֹת
עֵגֶל, עֵגֶל הַזָּהָב
עַגְמַת נֶפֶשׁ
עֵדוּת
עוּבְדָא, עוּבְדוֹת
עוֹלָם, עוֹלָם הַבָּא
עוֹלָמוֹת
עוֹף, עוֹפוֹת
עוֹקֵר
עוֹשֶׁר
עֲזָאזֵל
עַזּוּת
עֶזְרַת נָשִׁים
עֲטָרָה, עֲטָרוֹת
עַיִן (אוֹת ע), עיִנין

עַיִן הָרָע
עִיקָּר, עִיקָּרִים
עִלּוּי, עִלּוּיִים
עַל חֵטְא
עֲלִיָּה, עֲלִיּוֹת
עָלָיו הַשָּׁלוֹם
עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם
עָלֵינוּ
עַל כָּל פָּנִים
עַם הָאָרֶץ, עַמֵּי הָאָרֶץ
עַם הָאֲרָצִים
עַמּוּד, עַמּוּדִים
עָנָו, עֲנָוִים
עָנִי, עֲנִיִּים
עֲנִיוּת, (עֲנִיּוּוֹת)
עֲנִיּוֹת
עִנְיָן, עִנְיָנִים
עֲנֵנוּ
עֵצָה, עֵצוֹת
עֵץ חַיִּים
עָצֵל, עֲצֵלִים
עַצְלוּת
עֲקֵידָה
עֲקָרָה, עֲקָרוֹת
עַקְשָׁן, עַקְשָׁנִים
עַקְשָׁנוּת
עָרֵב, עֲרֵבִים

עֲרָבוֹת
עֵרוּב, עֵרוּב תַּבְשִׁילִין
עֵרֶךְ
עָרֵל, עֲרֵלִים
עָרְלָה, עָרְלוֹת
עָשִׁיר, עֲשִׁירִים
עֲשִׂירָה, עֲשִׂירוֹת
עֲשִׂירוּת
עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת
עֶשֶׂר מַכּוֹת
עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה
עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן
עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת

פ

פֵּא (אוֹת פ), פֵּאִין
פֵּאָה, פֵּאוֹת
פְּגִימָה, פְּגִימוֹת
פְּגִירָה, פְּגִירוֹת
פְּגָם
פֶּגֶר, פְּגָרִים
פִּדְיוֹן, פִּדְיוֹנוֹת
פֶּה אֶחָד
פּוֹעֵל, פּוֹעֲלִים
פּוֹעֵל יוֹצֵא
פּוּרִים
פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל
פּוֹתֵר
פִּזְמוֹן, פִּזְמוֹנִים
פַּחַד, פְּחָדִים
פִּטּוּם
פָּטוּר
פֶּלֶא, פְּלָאִים
פְּלוֹנִי, פְּלוֹנִית
פְּלֵטָה
פִּלְפּוּל, פִּלְפּוּלִים
פְּנֵי
פְּנִיָּה, פְּנִיּוֹת
פָּנִים
פִּנְקָס
פָּסוּל, פְּסוּלָה
פְּסֹלֶת
פָּסוּק, פְּסוּקִים
פֶּסַח
פֶּסֶק, פְּסָקִים
פְּעֻלָּה, פְּעוּלוֹת
פִּקּוּחַ, פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ
פִּקֵּחַ, פִּקְּחִים, פִּקְּחִית
פֶּרֶא, פְּרָאִים
פֶּרֶא אָדָם
פָּרָה אֲדוּמָה
פְּרוּטָה, פְּרוּטוֹת
פָּרֹכֶת
פָּרוּשׁ פְּרוּשִׁים
פְּרָט, פְּרָטִים
פְּרִי, פֵּרוֹת
פַּרְצוּף, פַּרְצוּפִים
פֶּרֶק, פְּרָקִים
פָּרָשָׁה, פָּרָשׁוֹת
פָּשׁוּט
פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ
פְּשָׁט
פְּשִׁיטָא
פְּשָׁרָה, פְּשָׁרוֹת
פַּתָּח (ַ)
פִּתְחוֹן פֶּה
פֶּתִי, פְּתָאִים
פִּתְרוֹן, פִּתְרוֹנוֹת

צ

צְאֶינָה, וּרְאֶינָה
צֹאן קָדָשִׁים
צַד, צְדָדִים
צָדִי (אוֹת צ)
צַדִּיק, צַדִּיקִים
צְדָקָה, צְדָקוֹת
צִדְקוּת
צַוָּאָה, צַוָּאוֹת
צוּרָה, צוּרוֹת
צוֹרֶךְ,
צוּרַת מַטְבֵּעַ
צוֹרֵר, צוֹרְרִים
צוֹרֵר הַיְּהוּדִים

צִיּוֹן
צִיצִית
צֵירֶה (..)
צֶלֶם, צְלָמִים
צֶלֶם
צְנוּעָה, צְנוּעוֹת
צְנִיעוּת
צַעַר
צָפוֹן
צָרָה, צָרוֹת
צָרַעַת

ק

קַדַּחַת, קַדַּחַת רְבִיעִית
קְבוּרָה, קְבוּרוֹת
קַבָּלָה, קַבָּלוֹת
קַבָּלַת פָּנִים
קַבָּלַת קִנְיָן
קַבְּצָן, קַבְּצָנִים
קֶבֶר, קְבָרִים
קַבְּרָן, קַבְּרָנִים
קָדוֹשׁ, קְדוֹשִׁים
קִדּוּשׁ, קִדּוּשׁ הַשֵּׁם
קְדוּשָּׁה קְדוּשּׁוֹת
קִדּוּשִׁין
קַדִּישׁ, קַדִּישִׁים
קְדֵרָה, קְדֵרִים
קָדְשֵׁי קָדָשִׁים
קָהָל, קְהִלָּה, קְהִלּוֹת
קוֹל, קוֹלוֹת
קוֹל נְגִינָה
קוֹנֶה, קוֹנִים
קַל וָחוֹמֶר
קְלִיפָּה, קְלִיפּוֹת
קְלָלָה, קְלָלוֹת
קָמֵיעַ, קְמֵיעוֹת
קֶמַח
קַמְצָן, קַמְצָנִים
קִנְאָה
קָנֶה, קָנוֹת
קְנָס
קַצָּב, קַצָּבִים
קִצְבּוֹת
קִצּוּר, קִצּוּרִים
קָצִין, קְצִינִים
קָרְבָּן, קָרְבָּנוֹת
קָרְבַּן מִנְחָה
קָרוֹב, קְרוֹבִים
קְרוֹבָה, קְרוֹבוֹת
קְרִיאַת הַתּוֹרָה
קְרִיאַת שְׁמַע
קֶרֶן, קֶרֶן קַיֶּמֶת
קֻשְׁיָא, קֻשְׁיוֹת
קֶשֶׁר

ר

רֹאשׁ
רֹאשׁ הַמְדַבְּרִים
רֹאשׁ הַקָּהָל
רֹאשׁ הַשָּׁנָה
רִאשׁוֹן
רֹאשׁ חֹדֶשׁ
רָאשֵׁי פְּרָקִים
רֹאשׁ יְשִׁיבָה
רָאשֵׁי תֵּיבוֹת
רַב, רַבָּנִים
רַבִּי
רְבִיעִי
רְבִיעִית
רַבָּנוּת
רַבָּנָן קַדִּישׁ
רְגִילוּת
רֶגַע
רוּחַ, רוּחוֹת
רוֹפֵא, רוֹפְאִים
רוֹשֶׁם
רָחֵל, בְּרָחֵל בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה
רַחֲמִים
רַחֲמָן, רַחֲמָנִים
רַחֲמָנָא לִצְלַן
רַחֲמָנוּת
רִיאָה, רֵיאוֹת

רֶוַח, רְוָחִים
רֵיחַ, (רֵיחוֹת)
רֵישׁ (אוֹת רֵישׁ), רִישׁוֹן
רְכִילוּת
רַמַּאי, רַמָּאִים
רַמְבַּ"ם
רְפוּאָה, רְפוּאוֹת
רָצוֹן
רְצוּעָה, רְצוּעוֹת
רְצִיחָה, רְצִיחוֹת
רְשִׁימָה, רְשִׁימוֹת
רְשָׁעָה, רְשָׁעִים
רְשָׁעוּת
רִשְׁעַת

ש

שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל
שְׁאֵלָה, שְׁאֵלוֹת
שְׁאֵלָה וּתְשׁוּבָה
שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת
שְׁבוּעָה, שְׁבוּעוֹת
שָׁבוּעוֹת
שֶׁבַח, שְׁבָחִים
שְׁבָט (חֹדֶשׁ שְׁבָט)
שֵׁבֶט, שְׁבָטִים
שְׁבִיעִי, שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח
שְׁבִיעִית
שֶׁבַע בְּרָכוֹת

שִׁבְעָה
שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז
שֶׁבֶר
שְׁבָרוֹת הַלֵּב
שְׁבָרִים
שַׁבָּת, שַׁבָּתִים (שַׁבָּתוֹת)
שַׁבַּת הַגָּדוֹל
שַׁבַּת חֲזוֹן
שַׁבַּת נַחֲמוּ
שַׁבַּת שׁוּבָה
שַׁבַּת תְּשׁוּבָה
שִׁגָּעוֹן, שִׁגְעוֹנוֹת
שֵׁד, שֵׁדִים
שִׁדּוּךְ, שִׁדּוּכִים
שַׁדְכָן, שַׁדְכָנִים
שַׁדְכָנוּת
שְׁהִיּוֹת
שְׁוָא (ְ)
שׁוֹחַד
שׁוֹחֵט, שׁוֹחֲטִים
שׁוֹטֶה, שׁוֹטִים
שׁוֹכֵן עָפָר
שׁוֹמֵר, שׁוֹמְרִים
שׂוֹנֵא שׂוֹנְאִים
שׁוֹפֵט, שׁוֹפְטִים
שׁוֹפֵךְ,
שׁוֹפָר, שׁוֹפָרוֹת

שׁוּרָה, שׁוּרוֹת
שׁוֹר הַבָּר
שׁוּרוּק (וּ)
שֹׁרֶשׁ, שָׁרָשִׁים
שׁוֹשַׁן פּוּרִים
שׁוּתָּף, שׁוּתָּפִים
שׁוּתָּפוּת
שָׁחוֹר, שְׁחוֹרִים
שְׁחִיטָה, שְׁחִיטוֹת
שַׁחֲרִית
שְׁטוּת
שַׁיָּךְ
שַׁיָּכוּת
שִׁיעוּר, שִׁיעוּרִים
שִׁיר, שִׁירִים
שִׁירָה
שִׁיר הַמַּעֲלוֹת
שִׁיר הַשִּׁירִים
שִׁירַיִם
שְׁכוּנָה, שְׁכוּנוֹת
שִׁכּוֹר
שְׁכִינָה
שִׁכְחָה
שְׂכִירוּת
שֵׂכֶל
שָׁכֵן, שְׁכֵנִים
שְׁכֵנָה, שְׁכֵנוֹת

שְׁכֵנוּת
שְׂכַר
שִׁכְרוּת
שְׂכַר יוֹם
שְׂכַר לִמּוּד
שְׂכַר מְלָאכָה
שָׁלוֹם, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם
שְׁלוּמִיאֵל
שַׁלַּח מָנוֹת
שֻׁלְחָן עָרוּךְ
שֶׁל יַד
שָׁלִיחַ, שְׁלִיחִים
שְׁלִיחוּת
שְׁלִיטָה
שְׁלִישִׁי, שְׁלִישִׁית
שָׁלָל
שֶׁל רֹאשׁ
שִׁלְשׁוּל
שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת
שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה
שְׁמַד
שֵׁם דָּבָר
שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה
שְׁמוּעָה, שְׁמוּעוֹת
שְׁמוּרָה
שְׁמוֹת
שִׂמְחָה, שְׂמָחוֹת

שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה
שִׂמְחַת תּוֹרָה
שְׁמִטָּה, שְׁמִטּוֹת
שְׁמִינִי עֲצֶרֶת
שְׁמַע יִשְׂרָאֵל
שַׁמָּשׁ, שַׁמָּשִׁים
שַׁמָּשׁוּת
שִׂנְאָה, שִׂנְאוֹת
שִׂנְאַת חִנָּם
שֶׁנֶּדֶר
שֵׁנִי
שַׁ"ס
שַׁעַטְנֵז
שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל
שְׁפִיכַת דָּם
שֶׁפַע
שֶׁקֶץ, שְׁקָצִים
שֶׁקֶר, שְׁקָרִים
שַׁקְרָן, שַׁקְרָנִים
שְׂרֵפָה, שְׂרֵפוֹת
שֶׁרֶץ, שְׁרָצִים
שְׂרָרָה, שְׂרָרוֹת
שֹׁרֶשׁ, שָׁרָשִׁים
שִׁשִּׁי
שְׁתַדְּלָן, שְׁתַדְּלָנִים
שְׁתִיָּה
שְׁתִיקָה

ת

תַּאֲוָה, תַּאֲווֹת
תֵּבָה
תְּבוּאָה, תְּבוּאוֹת
תְּבִיעָה, תְּבִיעוֹת
תְּהִלִּים
תָּו (אוֹת ת), תָּוִין
תּוֹךְ (טָאָךְ)
תּוֹכָחָה, תּוֹכָחוֹת
תּוֹקֵעַ
תּוֹרָה, תּוֹרוֹת
תַּחְבּוּלָה, תַּחְבּוּלוֹת
תְּחוּם שַׁבָּת
תְּחִנָּה, תְּחִנּוֹת
תְּחִיַּת הַמֵּתִים
תַּחֲנוּן, תַּחֲנוּנִים
תַּחַת
תַּחְתּוֹנִים
תֵּרוּץ, תֵּרוּצִים
תַּכְלִית,
תַּכְלִיתִים, (תַּכְלִיּוֹת)
תֵּכֶף, תֵּכֶף וּמִיָּד
תַּכְרִיכִים
תַּכְשִׁיט, תַּכְשִׁיטִים
תֵּל, תֵּל עוֹלָם
תָּלוּי
תְּלִיָּה תְּלִיּוֹת

תַּלְיוֹן, תַּלְיוֹנִים
תַּלְמוּד
תַּלְמוּד תּוֹרָה
תַּלְמִיד, תַּלְמִידִים
תַּלְמִיד חָכָם
תַּם
תַּמּוּז (חֹדֶשׁ תַּמּוּז)
תָּמִיד
תְּמוּנָה, תְּמוּנוֹת
תַּמְצִית
תַּנָּא, תַּנָּאִים
תְּנַאי, תְּנָאִים
תְּנוּעָה, תְּנוּעוֹת

תְּנַ"ךְ
תַּעֲנוּג, תַּעֲנוּגִים
תַּעֲנִית
תַּעֲנִיתִים (תַּעֲנִיּוֹת)
תְּפִיסָה, תְּפִיסוֹת
תְּפִקָּה, תְּפִלּוֹת
תְּפִלָּה
תְּפִלִּין
תְּקוּמָה
תִּקּוּן, תִּקּוּנִים
תְּקוּפָה, תְּקוּפוֹת
תְּקִיעָה, תְּקִיעוֹת
תְּקִיעַת כַּף

תַּקִּיף, תַּקִּיפִים
תַּקִּיפוּת
תַּקָּלָה, תַּקָּלוֹת
תַּקָּנָה תַּקָּנוֹת
תַּרְבּוּת
תַּרְגּוּם
תְּרוּפָה, תְּרוּפוֹת
תַּרְיַ"ג
תְּשׁוּבָה, תְּשׁוּבוֹת
תְּשׁוּקָה, תְּשׁוּקוֹת
תַּשְׁלִיךְ
תִּשְׁעָה בְּאָב
תִּשְׁרֵי (חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי)

גראטולאציאנען (גליקווינשע).

1.

צו א פריינד וואס איז בעגליקט געווארען מיט אנייגעבארענעם זאהן.

ווערטהער פריינד!

מיט דער גרעסטער פריידע האב איך ערהאלטען דיא נאכריכט דאס דיינע ליעבע פרויא האט דיר אזאהן געשענקט. מיינע פריידע איז אדאפעלטע, ערשטענס וואס דיינע פרויא איז שוין בעפרייט געווארען פון דיא ליידען און שרעק וואס אפרויא אין זעלבע אומ־שטענדע מוז ערטראגען. צווייטענס וואס עס איז צוגעקומען אנייעס מיטגליעד אין דיין קליינע פאמיליע.

צווישען אללע גליקען וואס זיינען פון דער נאטור געשענקט געווא־רען דעם מענשען אין זיין קורצען דא־זיין, איז נאך מיין מיינונג אקינד דאס גרעסטע גליק.

אפאטער פון קינדער ווייס אז ער ארבייט ניט אומזאנסט אין דער וועלט. דיא שווערסטע ארבייט ווערט איהם זיס בייא דעם גע־דאנק, אז זיינע קינדער וועלען פון זיינע פערדינסטע געניעסען.

קומענדיג אהיים פון דער ארבייט גיעבט עס קיין גרעסער פער־גניגען וויא עמפפאנגען צו ווערען מיט דעם קינדס פריידיגען אויס־געשרייא „פאפא“ און אומגעארעמט צו ווערען פון זיינע קליינע וויכע הענטעלאך.

דאס זיסטע שמייכעל פון א ליעב קינד איז דער באלזאם וואס פערזיסט דעם ביטערסטען בעכער, דער שטראהל וואס פעריאגט אללע פינסטערע שאטטענס.

אקינד דארף בעטראכט ווערען אלס אמארגענשטערע אין דער געגענווארט און אזאנגע אין דער צוקונפט.

אקינד איז אויך דיא שטארקע גאלדענע קעטטע וואס פערבינדעט דיא הערצער פון ביידע עלטערען.

אבער דארף איך דיר דען ערצעהלען און פארשטעלען דעם גרויסען ווערטה פון אקינד. דוא פיהלסט דאס געוויס אליין און מיר בלייבט נור איבער, דיר מיין ליעבער פריינד צו ווינשען אז דוא זאלסט פון דיין נייגעבארענעם זאהן נור פערגעניגען האבען און דוא מיט דיינע ליעבע פרויא זאלט ערלעבען איהם צו זעהן, אלס איינעם פון דיא נוטצליכסטע מיטגליעדער אין דער מענשליכער געזעלשאפט און אלס איטמער געטרייא קינד צו זיינע עלטערען וועלכע עס שעצט און ליעבט איער וואהרער פריינד

דוד ליפשיטץ.

2.

צו אברודער ביא אזא געלעגענהייט.

מיין ליעבער איזאק

דער טאג, אין וועלכען איך האב ערהאלטען דיין בריעף מיט דעם פרעהליכען בעריכט אז דיינע ליעבע חנה האט אזאהן געבארען. דיעזער טאג איז ביא מיר און ביא מיין גאנצע פאמיליע געוועזן יום טוב, אונזער פריידע איז אונבעשרייבליך.

געלויבט איז גאטט וואס חנהלע איז בשלום ענטבונדען געווארען און וואס זיא און דיין געבארענע קינד בעפינדען זיך וויא דוא שרייבסט, אין דער בעסטער געזונדהייט. איך גראטולירע איך ביידען פון מיין טיעפסטען הערצען און איך ווינש איך איהר זאלט פון איער זאהן איטמער נחת האבען.

יעצט ביזט דוא איך אפאטער, יעצט וועסט דוא אויך קענען

האבע דאס פערגעניגען פון ניט קענען רוהיג שלאפען, ווייל דיין בן יחיד'ל וועט דיין שלאף שטערען מיט זיינע קווינטשערייען, יעצט וועסט דוא, אויך דיין חנה זאל לעבען, קענען האבען המן'ס תענוג צו עמפפאנגען פון אייער זאהן אויף צייער שוים דאס וואס ער (המן) האט עמפפאנגען פון זיין פלוני'ת'טע (ווייב) אויף זיין קאפף.... דוא האסט דאס אליין געוואלט. דוא האסט אלין געבעטען צו גאטט ער זאל דיך מזכה זיין (בעגליקען) מיט אקינד און דיין תפלה איז ערהערט געווארען.

אבער שפאס אן א זייט. ביא עלטערען זיינען דיא אלע זאכען וואס איך האב דערמאנט ווירקליך אפערגעניגען. אלעס וואס אגע־ליעבט קינד טוהט חכמות אדער דומהייטען, שעהנעס אדער עקעל־האפטעס, אללעס איז זיי אנגענעהם, אללעס עמפפאנגען זיי מיט ליעבע. דאס פלאפלען פון אקינד קלינגט אין אונזערע אויערען שעהנער אלס דיא שעהנסטע מוזיק. זאגאר דיא דומהייטען פון אונזער קינד ווייזט אונז אויס אלס דיא גרעסטע חכמות. דערפאר מיינען דאך אללע עלטערען אז זייערע קינדערלאך זיינען דיא שעהנסטע און דיא קליגסטע.

אבוואהל איך בין צו דיין נייא געבארענעם זאהן בלויס אן אנקעל, פון דעסט וועגען וועל איך זעהער צופריעדען זיין צו טהיילען מיט דיר אקורצע צייט דיא פערגעניגען וואס איך האב דערמאנט. ווייל דיינס אקינד וועט מיר אזוי ליעב זיין וויא מיינס.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטע איך דיא צייט, ווען איך וועל קענען צו דיר קומען און צודריקען דיין נייא געבארענעם זאהן צו מיין ברוסט.

זאג אידם אן אז ער זאל זיך ניט דערשרעקען פאר מיר זיין אנקעל און דיין געטרייער גליקווינשענדער ברודער

יאסעף.

3.

צו א פריינד אבר מצוה'ניק. (דרייצעהן־יעהריגעס יונגעל).

מיין בעסטער פריינד!

דיין איינלאדונג איך זאל קומען צו דעם בר־מצוה פעסט פון דיין חיים'קען האב איך ערהאלטען.

עס טוהט מיר זייער לייד וואס געוויססע אומשטענדע ערלויבען מיר ניט איך זאל אנטהייל נעמען אין דיעזער שמחה. אבער דיר ליעבער פריינד דארף דאס ניט לייד טאהן. דוא ווילסט דאך געווים איך זאל זיין אויף דיעזען יום טוב. אום איך אזא כשר'ער יוד וויא איך בין, זאל קענען דיין געליעבטען זאהן מיין זעגען (ברכה) געבען אין דעם טאג וואס ער וועט נאך דיא יודישע געזעטצע ערקלערט, אלס פעראנטווארטליכע פערזאן פאר זיינע אייגענע זינדע. און מיין ברכה שיק איך דיר דורך דיעזען בריעף, ביא מיר איז קיין צווייפעל אז גאטט אליין און אללע מלאכים פונ'ם הימעל וועלען אויף מיין הערצליכע ברכה ענטווערען אמן.

איך ווינש דיין חיים'קען ער זאל פערדינען דעם נאמען „בר־מצוה“ (וואס זיין בעדייטונג איז „וואהלטהעטיגער מאן“) אימער זאל ער נור גוטעס און וואלטהאטען טאהן. אימער זאל ער זיך בעמיהען צו לינדערען דיא שמערצען פון דיא אונגליקליכע און פערבעססערען דיא לאגע פון געדריקטע, גאטט זאל איהם שיינקען לאנגע יאהר, געזונד און רייכטהום, אום ער זאל אין שטאנדע זיין מצוות צו טאהן.

א גרויסען אירהטום האבען דיא וואס דענקען, אז דער צוועק פון דעם בר־מצוה טאג איז צו ערפרעהען דיא עלטערען מיט דער ערזיהערונג, אז פון דעם טאג אן און ווייטער וועט ער גאנץ אליין ניט זיי, ליידען פאר זיינע זינדע. ווען עס זאל אזוי זיין וואלט מען אנשטאט דעם נאמען „בר־מצוה“ דעם יונגעל גערופען „בעל עבירה“. דער נאמען „בר־מצוה“ צייגט אז אין דעם טאג דארף מען דעם

יונגעל אויפמערקזאם מאכען אויף דעם, אז ער טרעט אריין אין זעלכע יאהרען אין וועלכע ער דארף שוין ברייננען נוטצען דער מענשהייט.

מאך ליעבער פריינד דיין חיים'קען אויף דעם אויפמערקזאם, ערוועק אין איהם די לוסט צו טאהן לויטער גוטעס און איך בין זיכער אז אזא קלוג קינד ווי ער איז וועט אימער געהן אין גראדען וועג, ער וועט אימער זיך בעמיהען צו געבען עהרע דעם נאמען פון זיינע עלטערען און עס וועט געווים קומען אצייט ווען אללע וואס וועלען זיין נאמען ערהערען וועלען זאגען „אשרי יולדתו" (אזוי וואויל איז דער מוטער וואס האט אזא זוהן געבארען).

האפפענדיג אז מיין זעגען וועט ערפילט ווערען פערבלייבע איך

דיין בעסטער ערגעבענסטער פריינד

דזשיקאב האבשטיין.

4.

אויף אנ'אנדער ארט.

ליעבער גוטער פריינד!

די נאכריכט פון דעם וואס דוא פייערסט דיין זאהנ'ס בר־מצוה טאג האט מיר פיעלע פריידע פערשאפט.

די היינטוועלטיגע חכמים לאכען זיך אויס פון אזעלכע פייער טעג. זיי בעטראכטען א בר־מצוה יום טוב אלס אלט־מאדישע זיטטע, אבער אזא פשוט מענשעלע ווי איך בין פערעהרע זעהער דיעזען פעסט.

ווי בעדארפען זיך עלטערען פרעהען ווען זיי ערלעבען צו זעהען זעהער ליעבען זאהן אריינטרעטען אין דעם פערצעהנטען לעבענס יאהר.

צו דרייצעהן יאהר פאנגט אן דער יונגע צו פערשטעהען, אז פאר איהם איז שוין צייט ער זאל אוועקווארפען די קינדערשע פערגעניגען און זאל זיך נעהמען צו עטוואס ערנסטעס.

די ערשטע דרייצעהן יאהר פון דעם מענשענס לעבען זיינען די ערנסטע פאר זיינע עלטערען. דען אין זיי האט זיך זיין ענטוויקלונג

אנגעפאנגען, און זיי מוז דאס קינד ערטראגען פערשיעדענע קראנקהייטען און פערשיעדענע אונגליקספעלע און די עלטערען שוועבען בעשטענדיג אין שרעק און זארג וועגען זייער געליעבט קינד.

ביז צו זיין דרייצעהנטען לעהרענס־יאהר דענקט דער יונגע אז איהם איז אללעס ערלויבט, ווייל ער איז נאך א קינד.

עס איז דארום די שולדיגקייט פון די עלטערען, זיי זאלען איהם דערמאנען אז ער איז שוין קיין קינד מעהר, אז עס איז געקומען די צייט ער זאל מיט אנדערע, ערנסטערע בליקען קוקען אויף דער וועלט.

אדרייצעהן יעהריגער יונגע פערשטעהט שוין וואס מען רעדט צו איהם. און קלוגע ווערטער קענען שוין מאכען אויף איהם דעם ריכ־טיגען איינדרוק.

אלזא איז דער בר־מצוה טאג א צווייפאכיגער יום טוב.

ערשטענס פרעהען זיך די עלטערען וואס די געפאהרפאלע קינדער יאהרען זיינען שוין פאראיבערגעלאפען, וואס זייער קינד איז בשלום דורכגעגאנגען אללע קראנקהייטען און אללע אונגליקספעלע.

צווייטענס איז דער בר־מצוה טאג די סטאנציע, ביי וועלכע מען הייסט דעם קינד ארויסשטייגען פון זיין קינדער וואגען און מען צייגט איהם אן א נייעם, דעם ריכטיגען וועג, וואס קען איהם צום גליק פיהרען.

און אז דו מיין פריינד האסט ערלעבט צו פייערען דיזען שעה־נעם יום טוב דארפסטו זיך גליקליך פיהלען.

איך ווינש דיר דו זאלסט ערלעבען צו פייערען דיין זאהנ׳ס האכ־צייט און ער זאל אימער געהן אין דעם גראדען עהרליכען וועג וואס דו וועסט איהם אנצייגען.

דו ווייסט וויא טהייער דו ביזט מיר און וויא הערצליך מיינע גליקסווינשע זיינען. דען דיין גליק איז אויך דאס גליק פון דיין טרייען פריינד.

אלקנה איזענשטיין.

5.

גליקווינשע צו אפערלאבונג.

ווערטהער ליעבער מאקס!

דוא האסט מיך איבערראשט מיט'ן בריעף אין וועלכען דוא האסט מיר געמעלדעט אז דוא ביזט אחתן געווארען פאר מיסס גאלדבערג.

יא דאס וואר פאר מיר אפריידיגע איבערראשונג, ווייל איך וויים וויא שטארק און גרענצענלאז דוא האסט געליעבט פריילין גאלדבערג און וואס פאר שוועריגקייט דיר זיינען אין דיין גליקסוועג געשטאנען.

דוא האסט אבער מיט דער קראפט פון דיין ליעבע אללע שוועריגקייט בעזייטיגקט און האסט זא ערפאלגרייך דיין ציעל ערדייכט.

בראווא! בראווא ליעבער מאקס, דיר פאסט צו זיין אהעלד אין ארמאן. דוא האסט געצייגט אז מיט ענערגיע און אונערמיעדליכע שטרעבונג קען מען אללעס ערדייכען.

איך קען אייגענטליך זיך ערשפארען דיא מיהע דיר גליק צו ווינשען, דען דוא ביזט שוין גליקליך און איך וויים אז דוא אליין בעטראכטעסט זיך זעלבסט אלס גליקליכסטער אין דער וועלט. דאך וואס קען שאדען דער זעגען פון אוואהרען גוטען פריינד.

און דערפאר ווינש איך דיר גאר אקליינינקייט: אז דיין ליעבע צו פריילין גאלדבערג און איהר ליעבע צו דיר זאל קיין מאהל שוואכער ווערען אלס זיא איז יעצט. אין דיעזער ליעבע זאלט איהר זיך ביידע עלטערען און ביז צו דעם לעצטען טאג פון אייער לעבען זאלט איהר דאנקבאר זיין דעם טאג אין וועלכען איהר האט זיך פעראייניגט מיט דער היילינער פערשפרעכונג איינס דאס אנדערע עוויג ליעבען און עוויג געטרייא צו פערבלייבען.

דאס זיינען פארלויפיג מיינע ברכות פאר אייערע תנאים און מיט נאמטעם הילף פאר אייער האכצייט, וועל איך געווים אויסגעפינען נאך עטליכע הערצליכע גליקסווינשע פאר איך ביידע.

דוא זאלסט וויססען ליעבער מאקס אז מיינע אויערען וועלען אימ־מער אנגעשטרענגט זיין, צו הערען נור גוטעס און פרעהליכעס פון דיר און דארום זאלסט דוא בעשטענדיג מיט גוטע נייעס ערפרעהען דיין וואהרען אויפריכטיגען פריינד

נאטענזאהן.

6.

אויף אנ'אנדער ארט.

מיין הערצענספריינד מאקס!

ניט וויל עס איז אמאדע שיק איך דיר מיין מזל־טוב צו דיינע תנאים מיט פריילין ראזענקראנץ נור וויל מיין הערץ איז ווירקליך פול מיט ברכות און גליקוואונשע פאר דיר און פאר דיין הייסגעליעבטע ברוט.

מיין פעדער איז צו שוואך אויסצושרייבען מיינע געפיהלע און מיין צופריעדענהייט פון דעם וואס דוא ביסט גליקליך.

יא מיין פריינד, איך שטעל מיר פאר וויא גליקליך דוא פיהלסט זיך יעצט.

דעם מענשענס לעבען האט פיעלע סטאציאנען וואו ער מוז זיך אבשטעלען און נעמען אנ'אנדער ווענדונג. צווישען דיעזע אללע סטאציאנען זיינען דא צוויא, איינע נאהענט פון דער צווייטע און ביידע זיינען פראכטפאל. ביידע זיינען דיא שעהנסטע סטיישענס אין זיין לעבענסוועג. דאס זיינען זיין פערלאבונגס טאג און דער האכ־צייט טאג.

דיא שעהנסטע צייט אין אונזער לעבען איז יענע, ווען דיא ליעבע בעשטראהלט אונז מיט איהר מיסטעטישעס פייער. דיא ליעבע איז אזא קינסטלערין דאס זיא קען זאגאר אוויסטע אין אפאראדיעס פער־וואנדלען. דיא בילדער וואס זיא מאלט פאר אונז זיינען זא ערהאבען, זא בעצויבערנד שעהן. דאס ווען מיר פערטראכטען זיך איבער זיי

פערגעססען מיר אללע ליידען אללע ביטטערסטע שמערצען.

ווען דיא ליעבע טראגט איינעם צו איהר בעסער איז קיין קעניג צו איהם גלייך אבוואהל ער איז ארים וויא א קירכענמויז.

און אז דיא היילינע ליעבע האט דיר מיין פריינד איהר בעסער דערלאנגט ביזט דווא אהנע צווייפעל איינער פון דיא גליקליכסטע און איך ווינ'ש דיר אז דיין גליק זאל זיך פערגרעססערען דורך רייכטהום, דווא מיט דיינע ליעבע ברויט זאלסט דיענען אלס מוסטער פון צופריעדענהייט און טרייהייט.

גיעב איבער מיין גרוס און מיין זעגען צו דיינע שעהנע ברויט זאג איהר אז דורך דעם וואס זיא איז דיינע געווארען האט זיא זיך ערווארבען אנ'אויפריכטיגען געטרייען פריינד און דער בין איך דיין

ארענזאהן.

7.

גליקווינשע צו א חתונה.

מיין גליקליכער פריינד יאזעף!

אבוואהל איך בין זעהר בעשעפטיגט, דאך בעטראכטע איך מיך פערפפליכטעט אויף איניגע מינוטען אללע מיינע ביזנעס פערגעססען אום דיר מיינע גליקווינשע צו שיקען און פאר דיר אויסדריקען דאס פערגעניגען וואס איך פיהל, זייט איך האב ערהאלטען דיין איינלאדונג צו דיין האכצייט.

אין היינטיגער צייט האבען מיר פיעלע פעסימיסטען וואס ווילען אבלייקנען אללע נאטירליכע נאטהווענדיגקייטען.

דיעזע פעסימיסטען האבען דיא פרעכהייט צו זאגען, אז הייראטען איז אנ'איבעריגער זאגאר אלעסטיגער געגענשטאנד. זיי זאגען: אז דאמיט וואס מען הייראטהעט נעמט מען א שרעקליכע לאסט אויף דיא פלייצעס, דען מען מוז דאך ערנעהרען א פרויא און קינדער און

פון דעם גרעסטען טהייל פרויען האט מען בלויס צרות, אז קינדער ברענגען מעהר שמערצען אלס פערגעניגען און נאכדעם וואס מען אפפערט פאר זיי אללע קרעפטע זיינען זיי אונדאנקבאר.

ווען איך זאל דוכט זיך קענען געבען דיעזע פעסעמיסטען צוא שפייא אין זייערע געזיכטער אז מיין שפייא זאל זיי ערטרינקען וואלט איך דאס געווים געטאהן.

עס איז קיין גרויסע קונסט צו מאכען פון ווייס שווארץ. צו געפי־נען פעהלער אין דער שעהנסטער זאך. אויך אין דער ליכטיגער זאנגע קען מען געפינען פלעקען.

אללע קלוגע אנשטענדיגע מענשען ווייסען אז דער מענש קען קיין מאהל גליקליך זיין לעבענדיג איינזאם. אהן ליעבענדע פערזאנען און אהן געטרייע פריינדע,

דאס לעבען קען ניט אנגענעהם זיין ווען מען האט אין דער וועלט קיין אינטערעסע.

און ווער איז נאך אזוי געטרייא, ווער האט אונז נאך אזוי ליעב וויא אנ׳אייגען ווייב און אייגענע קינדער?

וויא גוט מיר פיהלען ווען מיר ווייסען אז עס זיינען דא פערזאנען וואס אונזער לעבען איז ביא זיי זא טהייער וויא זייער אייגען לעבען, פערזאנען וואס בעטען איממער גאטט פאר אונז, פערזאנען וואס טהיילען מיט אונז פרייד און לייד.

און אזעלכע פערזאנען זיינען קיינע אנדערע וויא אנ׳אייגען ווייב מיט אייגענע קינדער.

א פאמיליענפאטער, וועלכער דארף ערנעהרען א פרויא און קינ־דער האט אגוואלטיגע אינטערעססע אין לעבען. ווייל ער ווייס אז ער ארבייט פאר זיינע ליעבלינגע, ער וויל זיי צופריעדען שטעלען ער וויל זיי פערזארגען מיט אלעם גוטען. דארום איז איהם קיין זאך שווער און ווען עס געלינגט איהם זיי פערגעניגען פערשאפען פיהלט ער זיך

גליקליך און אויף דער העכסטער שטופע צופריעדען.

און וואס פאר אווערט האט דאס לעבען פון אנ'אונפערהייראטהעטען און קינדערלאזען מאן?

זיינע בעסטע פריינדע זיינען איהם נור פריינדע ווען זיי קענען פון איהם ציהען נוטצען, אדער ווען ער בעדארף צו זייער טובה ניט אנקומען, קוים אבער ווערט ער ארים, דאן צופליהען אללע פריינדע וויא דיא פליעגען אלם מען פערטרייבט זיי פון א זיססע זאך. זיי בעהאלטען זיך פאר איהם און ערקענען איהם גאר ניט.

וואס פאר אינטערעססע קען אנ'אונפערהייראטהעטער מאן האבען אין לעבען?

אללע פערגעניגען, זיי מעגען דיא בעסטע זיין ווערען זיי איבערדריסיג, און ער זעהט זיך ענדליך ארום אז ער איז עלענד און זעהער הילפלאז.

אבער איבער צו צייגען יעמאנדען וויא נאטהווענדיג פאר א מאן איז דאס הייראטהען, איז דאס זעלבע וויא מען זאל וועלען ברענגען בעווייזע אז צוויא מאהל צוויא איז פיער.

דערפאר פרעהט מיר זעהער וואס דוא מיין פריינד האסט איינגעזעהען דיא נאטהווענדיגקייט פון הייראטהען, איך בין זיכער אז דוא וועסט זיך אין דער בעשטענדיגער געזעלשאפט פון דיין ליעבע שעהנע פרויא גליקליך פיהלען. איך שיק אייך ביידען מיינע בעסטע גליקסווינשע צוזאממען מיט א קליינעם פרעזענט. איך האף אז איהר וועט דיא ביידע זאכען ערהאלטען מיט פערגעניגען ווייל זיי קומען פון אייער בעסטען געטרייעסטען פריינד

מיכאל מעלניק.

8.

אויף אַנ'אַנדערע אַרט.

מײן גוטער ליעבער אײבּראם!

זא עבען האב איך ערהאַלטען דײן פרײנדליכע אײנלאַדונג צו דײן האָכצײט, װעלכע װעט שטאַטפינדען פרײטאג דעם צעהנטען מערץ.

איך דאַרף ניט ערצעהלען װיא ערפרײט איך בין געװאָרען לעזענדיג דאס נאָך אין דיעזער װאָכע װעסט דוא דאס גרויסע גליק האָבען, צו געהען מיט דײן היסגעליעבטע ברויט צו דער חופּה. דוא װײסט זעהער גוט אַז מײן הערץ איז אימער פול מיט דיא װאַרעמסטע פרײנדשאַפט פאר דיר. אָבער צו דער זעלבער צײט טהוט מיר אונענדליך לייד װאָס גראַדע אין דעם טאָג, קען איך מיך ניט אָבּרײסען פון מײן געשעפט און מיר איז אונמעגליך אין דײן פרײדע אַנטהײל צו נעהמען.

איך װײס אַז דוא װעסט זײן בײז דאַפיר, אָבער װען איך װעל דיר מינדליך ערקלערען װאָס מיך האָט אָבגעהאַלטען צו דײן האָכצײט צו קומען, בין איך זיכער אַז דוא װעסט מיר פערצײהען.

אָבער מײן טהײל פון דיא גוטע זאַכען װאָס מען װעט דערלאַנגען צו דײן האָכצײטס־טיש װעל איך דיר ניט שענקען. איך װעל זיי פאַרדערען נאָך דײן חתונה, װען איך װעל צו דיר אין הויז אַרײנפאַלען מיט אַ מונדליכען „מזל טוב“.

דערװײל מײן ליעבער פרײנד מוזט דוא זיך בעגניגענען מיט דיא ברכות װאָס איך שיק דיר אין מײן בריעף.

איך װינש דיר און דײנע ברויט בלויס פיער זאַכען:

1) לאַנגע יאָהר.
2) געזונד.
3) רײכטהום.
4) צופרידענהײט.

זאל איך נור גאטט געבען דיעזע פיער קליינגקייטען, ועט שטארק צופריעדען זיין דיין נאהרער אויפריכטיגער פריינד

שמעון איזענשטיין.

9.

גראטולאציאן צו אגעבורטסטאג.

מיין גוטער ליעבער פאטער! *)

טהייער ביזט דוא ביא מיר אונ טהייער איז מיר יעדע זאך וואס בעלאנגט צו דיין לעבען. דערפאר האט דיינער אגעבורטסטאג ביא מיר זעהער אגרויסען ווערטה.

דיינער אגעבורטסטאג ערמאנערט מיך אן דעם טאג אין וועלכען מיין טהייערער געליעבטער פאטער האט צום ערשטען מאהל דיא ליכט פון דער וועלט דערזעהען.

דיינער אגעבורטסטאג דערמאנט מיר אין דעם צאהל פון דיא יאהרען וואס דוא מיין גוטער פאטער ביזט איבער געשפרונגען.

אונ אזוי וויא אונז איז היילינ אונ טהייער דער טאג, אין וועלכע אונז האט עטוואס וויכטיגעס, גליקליכעס פאססירט, אזוי איז ביא מיר טהייער דער היילינער טאג אין וועלכען מיין פאטער איז געבאָ־רען געוואָרען.

אונ צו דיעזען טאג וועלכען דוא פייערסט אין דיעזער וואכע שיק איך דיר מיין ברכה.

דאס איז דער זעגען פון אדאנקבארעס קינד. דער זעגען פון אזאהן, וועלכער פערשטעהט צו שעטצען דאס וואס זיינע עלטערען האבען פאר איהם געטאהן דאס איז דיא הערצליכע ברכה פון אקינד, וואס איז מיט לייב אונד זעעלע צוגעבונדען צו דעם איינציגען מאן,

*) דיעזער בריעף קען אויך געשיקט ווערען צו אמוטער, וועלכעס פערשטענדליך מיט דער אומענדערונג דאס ווארט פאטער אויף מוטער.

װעלכער האט מיט זעלבסט אויפאפפערונג איהם ערצויגען, איהם ערנעהרט, געבילדעט און פון פיעלע אומגליקען איינגעהיט.

איך בעט יעצט ביים גאטט נור איין זאך, ער זאל מיר שיינקען דאס פערגעניגען, צו פייערען נאך פיעלע, פיעלע געבורטסטאגע פון דיר מיין פאטער און איך זאל דיר אימער זעהן פריש, מונטער און קרעפטיג.

קיין בעססערען גרעססערען װאונש האט דיין דיך ליעבענדער זאהן
דזשאן זילבערשטיין.

10.

צו א ברודער.

מיין טהייערער ברודער יצחק!

דיין יום טוב מיין ליעבער ברודער איז אויך מיינער. דיין פריידע איז דיא זעלבע װיא מיינע און דארום בעטראכטע איך דיין געבורטס־טאג װעלכען דוא פייערסט אין דיעזער װאכע אלס איינעם פון מיינע פרעהליכסטע װילקאממענסטע טעג.

דער געבורטסטאג פון יעדען מענשען איז א העראלד װאס קומט צו איהם מיט א בעריכט, אז נאך א יאהר פון זיין לעבען איז פער־זונקען אין דער עװיגקייט. צו דער זעלבער צייט ערמאנערט ער איהם װאו ער האלט אין דער װעלט.

דעם יונגען מאן מאכט ער אויפמערקזאם אז דיא בעסטע צייטען פון זיין לעבען פאנגען זיך ערשט אן און דארום זאל ער צוזאמענגע־מען זיין גאנצען מוטה, זיין גאנצע ענערגיע צו קעמפפען געגען דיא פערשיעדענע לעבענס פעלע. דעם אלטען ערמאנערט ער אז זיין צייט זייגער װעט אין גיכען דיא לעצטע שטונדע שלאגען און ער זאל זיך פארבערייטען אריינצוטרעטען אין יענער געהיימניספאלער װעלט פון װעלכע מען קומט שוין ניט צוריק.

דוא מיין ליעבער ברודער ביזט נאך יונג. דרייסיג יאהר' ועט דיר ערשט ווערען. דוא האסט נאך פאר זיך זייער אלאנגען וועג און איך וויניש דיר דוא זאלסט אין דיעזען וועג בלוים גליק בעגעגענען און מיט יעדען יאהר זאלסט דוא דיין געבורטסטאג מיט אפרעהלי־כערעס הערץ פייערען.

ווען דיינע געסטע וועלען אין דעם טאג פון דיין געבורטסטאג טרינקען פאר דיין געזונד, וועל איך היער אין מיין הויז, ווייט פון דיר, אויך דאס זעלבע טאהן. איך וועל טרינקען פאר דיין געזונד און גליק, דען אין דיין גליק איז פערבונדען דאס גליק פון דיין בעסטען פריינד.
דיין געטרייער ברודער

יעקב גאלבערג.

11.

צו אבלה'ס געבורטסטאג.

מיינע הערצענסגעליעבטע בעללא!

דארף איך דיר דען מיינע טהייערע ערצעהלען וויא גליקליך איך פיהל מיך, דאמיט וואס איך בעזיטצע אזא טהייערען שאטץ וויא דוא ביזט? זייט דוא ביזט צו מיר פערלאבט געווארען פיהל איך מיך וויא נייא געבארען, מיר ווייזט אוים דאס איך בין אין א שעהנער וועלט אריינגעטראטען, איך בין דאנקבאר דעם הימעל דערפאר וואס ער האט דיר פאר מיר בעשטימט. איך בין דאנקבאר דיינע עלטערען דאפיר וואס זיי האבען אזא ענגעל וויא דוא ביזט, אין דיעזער וועלט געבראכט און דאנקבאר בין איך דעם גליקליכען טאג, אין וועלכען אזא שעהנע בלומע וויא דוא האט אנגעפאנגען צו וואכסען אום מיין לעבען צו פערציערען.

און אז דיעזער גליקליכער טהייערער טאג איז אנגעקומען, בעטראכטע איך אידם אלס מיין טהייערסטען גאסט, ווען איך זאל דוכט

זיך קענען איהם אומארמען און דאנקען פאר דעם גליק וואס ער האט מיר געבראכט. וויא גערען וואלט איך דאס געטאהן און וויא גליקליך איך וואלט מיך געפיהלט.

און צוזאממען מיט דיין געבורטסטאג וועלכער איז מיר אזוי ליעב, בעגריסטע איך אויך דיך מיין לעבען. איך ווינשע דיר דוא זאלסט וויינגסטענס מיט הונדערט זעלבע טעג מיך בעגליקען. מיר זאלען איהם צוזאממען איממער פייערען מיט פרעהליכע הערצער.

צוזאממען מיט מיינע גליקווינשע שיק איך דיר א בוקעט בלומען. גאטט זאל געבען אז אונזער לעבענסוועג זאל בעשטענדיג מיט בלומען אויסגעשפרייט זיין און איך זאל איממער קענען דיר נור פערגנינגען פערשאפפען, דאס איז דער איינציגער וואונש פון דיין עוויג ליעבענדע

אדאלף ראזענקראנץ.

12.

צו אחתנ׳ס געבורטסטאג.

מיין טהייערער סאלאמאן!

מען זאגט דאס דיא געבורטסטעג זיינען דיא ווארסט־צייכענס פון מענשענס לעבען. יעדער ווארסט צייגט איהם אן וויפיעל ער איז שוין אבגעפאהרען.

מיר שיינט אז דאס איז ניט אזא גלייך־ווארט וויא א ווארהייט.

דער ווארסט־צייכען פון דיין היינטיגען געבורטסטאג צייגט אונז אן, אז דוא ביסט פינף און צוואנציג יאהר דורכגעגאנגען.

איך ווייס ניט וויא דוא פיהלסט ביים ערדייכען דעם פינף און צוואנציגסטען ווארסט. איך פיהל מיר דאביי זעהער גליקליך. דען אין דעם פינף און צוואנציגסטען ווארסט האבען מיר זיך בעגעגענט און האבען איינס דאס אנדערע אונזערע הענד און אונזער

שבועה געגעבען, מיר זאלען ווייטער נור צוזאממען געהען, מיר זאלען איינם דאס אנדערע בעגלייטען ביז דעם גרענעץ פון אונזער לעבען.

וויא צופריעדען איך בין מיט אזא בעגלייטער וויא דוא מיין טהייערער סאלאמאן ביזט. מיר ווייזט אוים אז ביז אהער האב איך גאר ניט געלעבט, אז איך פאנג ערשט אן צו לעבען.

קענסט דוא זיך דען פארשטעלען מיט וואס פאר א פריידע מיט וועלכע אנגענעהמע געפיהלע איך בעגריססע דיין היינטיגען געבורטסטאג?

מיין הערץ איז פול מיט בעגייסטערונג. מיין קאפף איז פול מיט זיססע פאנטאזיען, ווען איך זאל זיי קענען אללע אויסשרייבען, וואלט דוכט זיך דאס גאנצע פאפיער פון דער וועלט וועניג געווען, דארום מוז איך פון דיא אללע גליקליכע פאנטאזיען ארויסנעהמען פאר דיר בלויס דיא געצעהלטע ווארטען: מיין סאלאמאן איך ליעבע דיך! מיין סאלאמאן, איך ווינש דיר דאס גרעסטע גליק.

דאס איז אייגענטליך עגאאיסטיש. פערשטעהט מען דען ניט אז דאמיט וואס איך ווינשע דיר גליק ווינשע איך זיך אויך דאס זעלבע? אבער רוף דאס אן וויא דוא ווילסט, און זאל ערפיהלט ווערען דער וואונש פון דיין דיך הערצליך ליעבענדע ברוית

בעללא זילבערבלאט.

13.

אויף אנ'אנדער ארט.

טהייערער געליעבטער איזאק!

דער טאג אין וועלכען דוא האסט צום ערשטען מאהל דאס ליכט פון דער וועלט דערזעהן, איז אויך פאר מיר דער שענסטער פריי־דענטאג, דען מיט אידם איז אויפגעגאנגען דער שטערען פון מיין וואהרעס גליק. דער שטערען וועלכער בעליכטעט און פערשעה־

נערט מיט זיין זאנפטען ליכט מיין לעבענסוועג. אך! וויא האב איך לוסט יעצט געבען דיר צו זיין און דיר אללע מיינע הערצענס־ווינשע מינדליך אויסדריקען. דיא טויטע בוכשטאבען פון מיין בריעף זיינען ניט אין שטאנדע זאגאר א טויזענדסטער טהייל אויסצודריקען פון דעם וואס מיין הערץ פיהלט יעצט. דיא שטאלענע פעדער האט ניט דיא קראפט אויסצושרייבען דיא געפיהלע פון מיין ליעבע צו דיר און דיא גליקווינשע וואס איך וויל דיר געבען צו דיין געבורטסטאג.

איך שיק דיר מיין טהייערער א קליינעם געשענק, קוק ניט אויף זיין ווערטה, בעטראכט איהם נור אלס אנדענקונגס צייכען פון דער פערזאן וועלכע איז צו דיר צוגעבונדען מיט לייב און זעעלע, דיא פערזאן וואס זעהט איהר גליקליכע צוקונפט נור אין דיר.

אללעס גוטעס וואס נור א מענשליכע פאנטאזיע קען שאפפען ווינשט דיר דיינע עוויג ליעבענדע ברויט

בערטהא הורוויץ.

14.

צו א זילבערנעם חתונה־יובילעאום.

ווערטהער הערר!

ערהערענדיג דיא פאר מיר וויכטיגע נאכריכט, דאס קינפטיגע וואכע פייערט איהר אייער זילבערנעם יובילעאום, דעם פינף און צוואנציגסטען יאהר זינט איהר האט געהייראטהעט אייער ווערטהע פרויא, שיק איך אייך מיינע גליקווינשע בעגלייטעט פון א קליינעם געשענק.

א זילבערנער חתונה־יובילעאום פערדינט דיא אכטונג און אויפמערקזאמקייט פון אללע פריינדע און בעקאנטע פון דעם פאאר.

ערשטענס צייגען זיי דאמיט ארויס זייער צופריעדענהייט, דאמיט וואס זיי האבען זיך מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק פער־

איינעם, זיי צייגען אז זיי האבען איינם אין אנדערען געפונגען דאס וואס זיי האבען געזוכט און דאמיט געווינען זיי דיא אכטונג פון אללע זייערע בעקאנטע.

צווייטענס איז אזא יובילעאום זעהער וויכטיג פאר דיא קינדער פון דעם פאאר.

דיא קינדער לערנען פון אזא יובילעאום אז זייערע עלטערען האבען אגליקליך לעבען פערבראכט, אז זיי האבען איינם דאס אנדערע געליעבט און געאכטעט און דאס ווירקט זעהער אויף זייער (אויף דיא קינדערס) עהע לעבען.

איך ווינש אייך איהר זאלט ערלעבען צו פייערען אייער גאלדענעם יובילעאום מיט פראכט און גלאנץ.

אונטער דער צייט וועל איך בעקלערען אייך א שעהנערען בריעף צו יענעם יובילעאום צו שרייבען.

לאזען מיר דאס נור ערלעבען און נייע גליקווינשע וועט אייך דאן שיקען אייער פריינד און פערעהרער

נאטהאן פעלדמאן.

בריעף פון אמעריקא און פון איראפא.

15.

פון א מעדכען צו איהרע עלטערען.

מיינע ליעבע טהייערע עלטערען!

ווערהרענד איך שרייב דיעזען בריעף וואלט איך וועלען אז מיין בריעף זאל האבען פליעגלען און ער זאל אין איינגע מינוטען צו אייך אנקומען. ווייל איך ווייס וויא אונרוהיג איהר זייט וועגען מיר, איך ווייס וואס פאר שלעכטע געדאנקען אייך קומען אין קאפף וועגען אייער

מאכטער וועלכע האט אייך פערלאזען אום נאך אנ'אנדער וועלט צו רייזען.

איהר קלערט: ווער ווייס אויב איך בין בשלום דעם גרויסען שטורמישען ים דורכגעפאהרען. אויב בעהיטע גאטט דעם שיף אויף וועלכען איך פאהר האט קיין אונגליק געטראפען. אויב איך בין אויף דער לאנגער געפעהרליכער רייזע ניט קראנק געווארען. און אויב קומענדיג נאך דער נייער וועלט האב איך מיך ניט בעגעגענט מיט אנדערע אונגליקען.

דער פאר וויל איך אז מיין בריעף זאל וואס גיכער צו אייך אנקומען און זאל אייך ערפרעהען מיט דער גוטער נאכריכט, אז איך בין געזונד און מונטער נאך ניויארק געקומען.

איך קען ניט זאגען אז מיין רייזע איז געוועזען אנ'אנגענעהמע. עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אז דער מענש וואס איז ניט געוואהנט צו פאהרען אויף אדאמפפער איבער דעם ים האט גענוג דיא ערשטע צייט, ביז ער געוואהנט זיך דאצו אויסצושטעהען.

אין וועג, בעזאנדערס אין אזא לאנגען וועג מאכען זיך אויך אנדערע פערשיעדענע אונאנגענעהמע פאססירונגען

אבער געלויבט איז גאט איך האב שוין איבערגעפאקט און בין ביא דער בעסטער געזונדהייט

אין אונזער שטעדטעל זאגט מען זיך גלאט אזייא דאס ווערטעל „איך האב שוין איבערגעפאקט„ אדער יענער האט איבערגעפאקט, אבער איך זאג דאס גאנץ ערנסט, וייל אויף דעם דאמפפער איז איינגעפיהרט געווארען מען זאל אללע פאסאזשירען שטעלען פאקען און אזוי וויא מען האט אויך אויף מיר דיעזע אפעראציאן געמאכט, קען איך זאגען אהן שפאס: איך האב שוין איבערגעפאקט.

יא מיינע ליעבע עלטערען איך בין שוין אין דער נייער וועלט און אין דער גרעסטער שטאדט אין דער וועלט ניויארק.

איך זאל אייך אויסשרייבען וויא איבעראשט איך בין געוואָרען דערזעהענדיג דיעזע גרויסע שטאדט מיט דער מערקווירדיגער טהעטיגקייט וואס אין איהר קומט פאר, דאס איז פאר מיר אונמעגליך וויפיעל איך וועל שרייבען וועט אללעס קיין אנפאנג ניט זיין.

איך וועל אייך נור בענאכריכטען אז אונזער פריינד (אדער פערוואנדטער) ה... האט מיך אבגענומען פון עללים איילאנד (דאס איז דער פלאטץ וואהין עס קומען היינט אן אללע עמיגראנטען פון דער דריטער קלאססע) און האט מיך געפיהרט צו זיך אהיים

זיינע פרויא מיט זיינע קינדער האבען מיך זעהער פריינדליך עמפפאנגען, און אבוואהל זייא וואהנען אין אנ׳ענגע דירה, פון דעסט וועגען האבען זייא פאר מיר געמאכט אפלאטץ וואו צו שלאפען און זייא בעהאנדלען מיר זעהער פיין.

זייא פערזיכערען מיר אז איך וועל אין אמעריקא ניט פערפאלען ווערען, אז איך וועל זא וויא אנדערע טויזענדער מעדכענס פערדינען געלד און וועל דא אויך אגוטע פארטיע געפינען,

איך בין נאך מיעד פון דעם וועג דערפאר מאך איך אנ׳ענדע צו מיין בריעף און בעט אז איהר זאלט מיר באלד אנטווארטען, איהר זאלט מיר בעשרייבען פון אללעס וואס איך און מיינע ברידער און שוועסטער אנבעלאנגט.

איך וועל אויך אין דער נייער וועלט פערבלייבען אימער אייער געטרייע געהארכזאמע טאכטער.

לאה גאלדבערג

16.

אנטווארט

לאהניו מיין טאכטער!

איך האב דיין בריעף ערהאלטען.

זאל איך דיר בעשרייבען די פריידע וואס מיר האבען געהאט אלס מיר האבען דיין בריעף געלעזען?

ניין טאכטער! פערלאנג דאס ניט. אזא פריידע קען מען נור פיהלען אבער ניט אויסרעדען וויא אויך ניט אויסשרייבען.

דוא האסט געטראפען מיין קינד, די געדאנקען וואס האבען אונז בעאונרוהיגט זיינען געוועזען שרעקליכע.

קיין פיינד קען דאס אונז ניט ווינשען וואס מיר האבען איבערלעבט. דוא וועסט געוויס גלויבען מיין טאכטער ווען איך וועל דיר זאגען אז זייט דוא ביסט אבגעפאהרען ביז מיר האבען דיין בריעף ערהאלטען, האבען מיר, איך און דיינע מוטער, ניט איין נאכט רוהיג געשלאפען.

ערשטענס האסט דוא אונז געפעהלט אויף שריט און טריט, וואו מיר האבען אקוק געטאהן האבען מיר זיך דערמאנט אז דוא ביזט ניטא.

איך אלס מאנספערזאן האב געקענט מיינע שמערצען פערשטיקען אין הערצען, אבער דיינע מוטער, פרעג שוין גאר ניט מיין טאכטער. איהרע אויגען האבען די גאנצע צייט ניט געטריקענט און עס איז ניט איבערגעגאנגען די שטונדע זיא זאל אביטערען זיפצען ניט טאהן.

וואו איז ערשט לאהניו? וואס טוהט יעצט לאהניו? ווער ווייס אויב לאהני לעבט? ווער ווייס אויב זיא ליגט ניט קראנק? ווער ווייס און ווער ווייס....

זעלבע ווערטער האב איך די גאנצע צייט פון איהר געהערט.

איך זאג דיר דיא וואהרהייט אז איך האב שטארק בערייהעט וואס איך האב דיך געלאזט אוועקפאהרען פון אונז, אבער וואס האט מיין בערייאונג געקאנט העלפען, עס איז שוין געוועזען נאך אלעסען.

נוא שטעל זיך פאר וויא אונז איז ליכטיג געווארען א'ן דיא אויגען אלס מיר האבען דיין בריעף דערזעהען.

דוא ביסט שוין איבערגעפאהרען דעם ים, דוא האסט שוין וויא דוא האסט זיך אויסגעדריקט „איבערגעפאקט" און דוא ביזט שוין אין אמעריקא, אין נויארק.

איך דאנק דיר הימלישער פאטער!

יא מיין קינד איך האף אז דוא ועסט אין נויארק ניט פער־פאלען ווערען, אונזער פריינד .... וועט דיר געוויס אן צייגען דעם ריכטיגען וועג אין וועלכען דוא בעדארפסט געהען, אויסער דעם ביזט דוא גאט זייא דאנק אקלוג קינד און דוא וועסט אליין פערשטעהן וואס דוא האסט צו טאהן.

טאכטער מיינע דיא וואונד פון דעם וואס דוא האסט אונז פערלאזען איז נאך פריש, דוא קענסט זייא אויסהיילען דורך דיינע אפטע בריעפע, דוא פערשטעהסט אליין וויא טהייער און וויא נאטהווענדיג איז דיינער א בריעף פאר אונז.

שרייב מיר מיין קינד פון אלעם וואס מיט דיר וועט פאססירען, ערקוויקע מיט דיינע ווארטען דיא פערביטערטע הערצער פון דיינע עלטערען, ענטזאגע ניט דיא ביטע פון דיין פאטער וועלכער הערט ניט אויף איין מינוט צו דענקען וועגען דיר.

אברהם גאלדבערג.

17.

פון לאה'ן צו איהרע עלטערן.

מיינע ליעבע טהייערע עלטערן!

ניט אומזאנסט זאגט דיא וועלט אווערטעל „דער טייפעל איז ניט אזויא שרעקליך וויא מען מאלט איהם אב". דאס איז זעהער ריכטיג, ביי אונז אין דיא קליינע שטעדטליך מיינט מען אז פאהרען נאך אמעריקא איז אסארט רייזע אין גיהינם, מען שטעלט זיך פאר וועגען דיעזע רייזע דיא שרעקליכסטע זאכען און מען מיינט קומענדיג נאך אמעריקא שוועבט מען איממער אין געפאהר און אויף יעדען טריט און שריט קען מען פעראונגליקט ווערען.

עס איז ניט אזויא שרעקליך ליעבע עלטערן, טויזענדער מענשען מענער פרויען און קינדער מאכען דיא רייזע דורך דעם שטורמישען אקעאן און זייא שאדעט דאס גאר ניט און ווען עס טרעפט יא אמאל אנ'אונגליק אויף דעם ים, דארף מען ניט פערגעסען אז אויף דער יבשה (אויף דער ערד) טרעפט אויך גרויסע אונגליקען, ווען בהיטע גאטט עס איז בעשערט אנ'אונגליק טרעפט דאס זאגאר אויף דעם זיכערסטען ארט.

דיא רייזע אויף דעם אקעאן איז אנפאנגס אונאנגענעהם. אבער שפעטער ווערט מען דאמיט געוואהנט און זיא ווערט אנגענעהם, אויף דעם שיף ווערט מען בעקאנט מיט פיעלע מענשען און מערקווירדיג איז דאס וואס אלע ווערען דארט שטארק בעפריינדעט מיט איינאנדער, עפעס פיהלט מען זיך וויא צוגעבונדען איינם צום אנדערען,

ווען מען קומט נאך ניוארק בעגעגענט מען זא פיהלע בעקאנטע פון דער היים דאס מען מיינט אז מען איז ביי זיך אין שטעדטעל.

עס איז פאסט ניטא אין שטעדטעל אין רוסלאנד, עסטרייך און רומעניען וואס פון דארטען זיינען נאך אמעריקא ניט געקומען עטליכע פאמיליען, דערפאר ווערט דא אנייא אנגעקומענער מענש, אדער וויא עס הייסט דא אגרינער, ניט פערפאלען, זיינע לאנדס־לייטע העלפען איהם מיט ראטה (און מאנכעס מאל מיט טהאט).

געבענשט איז אמעריקא דאמיט וואס ארבייטען איז דא קיין שאנדע, אללע ארבייטען אלט און יונג מענער און פרויען און ווען מען וויל נור ארבייטען פעהלט אין ניויארק קיין ארבייט.

אויך איך האב שוין געפונען ארבייט אבוואהל עס זיינען נאך קיין פיער וואכען דא זייט איך בין אהער געקומען. איך האב אריינגעטראטען אין אפאבריק פון האנדשוהע (דא הייסט עס גלאווס) און איך פערדין דיא ערשטע וואכען בלויס צוויא דאללער אוואך, ווייל איך בין נאך מיט דער ארבייט ניט גוט בעקאנט. איך האף אז איך וועל מיך דיא קונסט גיך אויסלערנען און וועל אנפאנגען פערדיענען וואס ווייטער מעהר.

מיר פעהלט גאטט זייא דאנק קיין זאך, איך עס, טרינק און שלאף געשמאק.

איהר ברויכט זיך וועגען מיר ניט צו קיממערן ליעבע עלטערען. איהר וועט נאך ערלעבען צו הערען זעהר גוטע נייעס פון אייער געטרייע אויך היים ליעבענדע טאכטער.

לאה גאלדבערג.

18.

לאה צו א פריינדין אין אייראפא.

מיינע ליעבע פריינדין רחל!

איך האב דיר פערשפּראכען פון אמעריקא בריעף צו שרייבען און דיך בעקאנט מאכען מיט דער היזיגער וועלט און מיין פער־שפּרעכען וועל איך ערפיללען.

איך שיק דיר יעצט מיין ערשטען בריעף.

אנפאנגען וועל איך דאמיט וואס איך וועל דיר ליעבע פריינדין זאגען, אז איך בענג שטארק נאך דיר און נאך אללע אונזערע פריינדינס, איך בענג זאגאר נאך אונזער קליין שטעדטעל וועלכע איז אמילב געגען דער שטאדט ניוארק.

איך מוז איינגעשטעהן אז ניוארק האט דעם ווערטה מען זאל זיא בעוואונדערען, ווען א מענש זאל האבען הונדערט אויגען וואלטען זיי ניט זאט געווארען קוקענדיג אויף דיא אנטיקען וואס מען זעהט אין איהר, אבער דער מענש וואס מוז ברעכען דעם קאפף וועגען פרנסה, דער מענש וואס איהם פעהלט דאס נאטה־ווענדיגסטע, דעם ליגט ניט אין זינען קוקען זאגאר אויף דיא שעהנסטע טייערסטע אנטיקען.

דוא ווייסט אין וואס פאר אלאגע איך בין פון דער היים אוועק געפאהרען און מיט וואס פאר א ביטער הערץ איך האב פון מיינע ליעבע עלטערען און פון אללע מיינע פערוואנדטע און בעקאנטע אבשיעד גענומען.

דוא ווייסט ליעבע פריינדין, אז ניט אום פערגעניגען בין איך נאך דער נייער וועלט געפאהרען, זאנדערן אויס נויט. איך האב ניט געוואלט לענגער פאלען מיינע עלטערען צו לאסט איך האב ניט געקאנט צוזעהן וויא זיי קוועלען זיך און איך האב זיך דערפאר בעשלאסען אפרואוו טאהן מיין גליק אפאהר טאהן נאך אמעריקא, פיעלייכט וועל איך קענען פערדינען געלד און זיי מיינע ארמע עלטערען, וויא ווייט מעגליך צו שטיטצען.

דוא ווייסט וואס פאר א מיינונג אונזערע שטאדטלייט האבען פון אמעריקא. מען מיינט אז דא שארט מען געלד מיט לאפעטעס וויל חיים יעקעל דער שניידער, וועלכער האט אין אונזער שטעדטעל אויף א שטיקעל טרוקענן ברויט ניט פערדינט, האט

אין דעם ערשטען יאהר וואס ער לעבט אין אמעריקא, זיין חנה דבורה'ן גאנצע צוויי הונדערט רובעל ארויסגעשיקט און חאסיע דער קרעמערינס טאכטער ביילע, האט ארין געשיקט איהר מוטער געלד אויף א פארריק און אויף א מאנטעל.

ביי אונז אין שטעדטעל מיינט מען אז דא אין אמעריקא לעבען אללע וויא דיא מאנארכען, אין שעהנע פאלאצען מיט דיא טהייערסטע מעבעל און מען פאהרט דא ארום אין עקיפאזשען.

אבער אז מען קומט אהער זעהט מען וואס פאר אן'אירטהום מען האט ביי אונז.

דאס איז וואהר אז אין נויארק קען מען גיכער פערדינען געלד וויא אין אונזערע שטעדלאך. אבער מען מוז זעהער שווער און ביטטער הארעווען, דיא ארבייטער קלאססע וואהנען דא ניט אין פאלאסטען, נור אין פערשטיקטע לופטלאזע צימערליך.

דאס איינציגע שטיקעל גליק איז וואס דער אמעריקאנער רובעל (דאללער) איז אונזערע רוססישע צוויא און ווען חיים יעקעל דער שניידער האט דא דורך א גאנץ יאהר אבגעשפארט הונדערט דאללער, איז דאס אין רוסלאנד געווארען צוויא הונדערט רובעל.

אבער חאטש אן'אמעריקאנער דאללער איז אונזערע צוויא רובעל האט ער דא אין אמעריקא מעהר ניט דעם ווערטה וויא איין רובעל און אנשטאט דעם וואס אין אונזער שטעדטעל קען מען שעהן לעבען מיט דרייא רובעל א וואך, מוז מען אין נייארק אום שעהן צו לעבען, האבען ווענינסטענס פופצעהן דאללער (אונזערע דרייסיג רובעל) ווייל ערשטענס קאסט דירה געלד זעהער פיעל און צווייטענס קאסט טאקי אלסדינג טהייערער וויא ביא אונז.

דא ארבייטען דיא מיידלאך אזוי וויא דיא יונגע לייט, אללע פאבריקען זיינען געפאקט מיט מעדכענס וועלכע ארבייטען דארטען

און זיי מוזען פאר דיא עמליכע דאללער א וואך וואס זיי בע־קומען זעהער שווער ארבייטען.

ווען צום ביישפיעל דוא וועסט הערען אז א מעדכען פערדינט דא צעהן דאללער א וואך (אונזערע צוואנציג רובעל) וועסט דוא דאך געוויס מיינען אז זיא לעבט אין אללע פערגעניגען, אדער זיא קלייבט זעהער פיעל געלד, דאס איז אבער א נ'אירטהום. ווען זיא וועט זיך נור קליידען וויא דאס אמעריקאנישע לעבען פאדערט און וועט זיך ערלויבען אביסעל פערגעניגען וועט זיא מיט איהרע צעהן דאללאר קוים אויסקומען.

אבער נאך אללע זאכען מוז איך צוגעבען אז אמעריקא איז דאך א געבענשטע לאנד, דער וואס וויל נור ארבייטען קען זיך צו עטוואס צושלאגען אמעריקא האט אין זיך אויך דיא מעלה וואס דער גרעסטער טהייל מעדכענס דארפען קיין נדן, קוים איז א מעד־כען ניט העסליך און אנשטענדיג קען זיא לייכט געפינען א חתן וועלכער נעמט זיא וויא זיא שטעהט און געהט.

איך האב אנגעפאנגען צו ארבייטען, איך פערדין זעהער וועניג און ארבייט זעהער שווער, מאנכעס מאל בין איך אויף זיך אליין בייז דערפאר וואס איך בין אהער געקומען, אבער זעהענדיג וויא אנדערע מעדכענס וועלכע זיינען אהער געקומען אזוי אונגליקליך וויא איך האבען פראגרעסירט, אנקוקענדיג וויא פיעלע ארמע עלענדע מעדכענס האבען געהייראטהעט זעהער אנשטענדיגע מענער און זיינען הייטע זעהער רייך. בעקום איך מעהר מוטה און איך האפ אז איך וועל אויך עררייכען דאס גליק.

איך מוז ענדיגען מיין שרייבען, ווייל עס איז שפעט אין דער נאכט און איך מוז מארגען גאנץ פריה אויפשטעהן לויפען צו דער ארבייט.

לֶעבְּע וואָהל לִיעבְּע פְרַיינְדִין! אִיךְ הָאבּ גֶעטָאהן מַיין שׁוּלְדִינְג־קַייט און הָאבּ צוּ דִיר אַ בְּרִיעף גֶעשְׁרִיעבְּען יֶעצְט דַארְפְסְט דוּא טָאהן דַיין שׁוּלְדִינְקַייט און עֶרפְרֶעהֶען מִיט אַ בְּרִיעף דַיינֶע וואהרֶע פְרַיינְדִין.

לֵאָה גָאלְדְבֶּרְג.

19.

פוּן אַזְיָאהן צוּ עֶלְטֶערֶען אִין אֵייראָפָּא.

מַיינֶע טְהַייעֶרע עֶלְטֶערֶען!

ווֶען אִיךְ זֶעטְץ מִיךְ שְׁרַייבְּען צוּ אַייךְ אַ בְּרִיעף פַאלְט מִיר בְּעשְׁטֶענְדִיג אַיין דֶער גֶעדַאנְק: וויא מֶערְקְווירְדִיג דֶעם מֶענְשֶׁענְס לֶעבֶּען אִיז, וויא עֶר קֶען נִיט ווִיסֶען וואָהין דֶער שִׁיקְזאַל ווֶעט אִיהם פֶערְטְרָאגֶען.

ווֶען מֶען זָאל מִיר אָדֶער אַייךְ מִיט אֵיינִיגֶע יָאהר צוּרִיק גֶעוֶוען זָאגֶען אַז אִיךְ וֶועל פוּן אַייךְ אַוֶועקְפָאהרֶען נָאךְ אַמֶערִיקָא ווָאלְטֶען מִיר דֶען דָאס גֶעגְלוֹיבְּט?

אַזַא זַאךְ הָאט זִיךְ אוּנְז זָאגַאר קַיין מָאל גֶעחָלוֹמְט, אַזַא זַאךְ אִיז אוּנְז קַיין מָאל אִין דֶער פַאנְטַאזִיע אַיין גֶעפַאלֶען. אִיךְ גֶעדֶענְק אַז אַלְס אִיךְ בִּין אֵיין מָאל אַוֶועק גֶעפָאהרֶען צוּ מַיין קוּזִינֶע אוֹיף דֶער חַתוּנָה ווֶעלְכֶע הָאט שְׁטַאטְגֶעפוּנְדֶען דְרַייא מַיילֶען פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעדְטֶעל, הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין פֶערְוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען אִין עֶק ווֶעלְט און אִיהר הָאט דִיא עֶטְלִיכֶע טֶעג ווָאס אִיךְ בִּין צוּ הוֹיזֶע נִיט גֶיוֶוען, נִיט גֶערוּהט און אִיהר הָאט קוֹים דֶערְלֶעבְּט אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען.

יֶעצְט בִּין אִיךְ טַאקִי אִין עֶק ווֶעלְט טוֹיזֶענְדֶער מַיילֶען ווַייט פוּן אַייךְ אִיךְ בִּין שׁוֹין זַייט צְווֵייא יָאהר אִין דִיעזֶער פְרֶעמְדֶער ווֶעלְט. צְווֵייא יָאהר הָאבֶּען מִיר זִיךְ נִיט גֶעזֶעהן און עֶס אִיז בַּייא אוּנְז

אללעס רעכט ביא אונז קומט דאס שוין אוים אלס אנאטירליכע זאך.

איז דאס ניט צום בעוואונדערען?

אבער דאס איז שוין אנ׳אלט װערטעל: עס איז בעסער צו הערען נוטס פון װייטען אײדער שלעכטס פון נאהענטען.

דיא ליעבע פון עלטערען צוא קינדער, און פון קינדער צו עלטערען װערט ניט אבגעשװאכט דורך דער װייטקײט פון דעם פלאטץ אדער פון דער צייט, װעניגסטענס פיהל איך דאס איך װײס אז דורך דעם װאס איך בין אזוי װייט פון אייך איז מײנע ליעבע צו אייך טהייערע עלטערען ניט שװאכער געװארען. איך ליעב אייך יעצט װיא דאן װען איך בין געװען אײך ניהען אײערע ליבע געזיכטער שװעבען מיר אימער פאר דיא אויגען און איך לעב מיט דער האפענונג אז גאטט װעט מיר העלפען איך זאל האבען דיא מעגליכקייט אייך ביידע ברענגען אהער מיר זאלען אבערמאלס זיין אללע צוזאמען, איך זאג אייך אפפען אז איך בערייהע ניט מיין פאהרען נאך אמעריקא.

פאר אייך מײנע גוטע עלטערען איז אויך פיעל בעסער װאס איך בין אין דיעזע נייער װעלט געקומען, װאס װאלט פון מיר געװארען אין אונזער ארמע אונגליקליכע שטעדטעל. איך האב דארט פאר זיך קיין אויסזיכט געהאט װערען א נוטצליכער מענש פאר זיך אליין אדער פאר דער װעלט.

דא האב איך פאר זיך א ברײטע פעלד, דא קען איך מיך ענטװיקלען יעדער מענש װעלכער בעזיצט נור גוטע פעהיגקייט האט דא דיא בעסטע געלעגענהייט זיי ארויסצוציעהען און זיך מיט זיי צו בענוטצען.

איך פערדין דא גאטט זיי דאנק גאנץ גענוג אלס פרישער מענש, און איך בין זיכער אז װאס װייטער װעל איך מיך אלץ העכער ארויפארבייטען.

איך שיק אייך ארוים 25 רובעל, אין ניכען וועל איך אייך מיט גאט'ס הילף נאך געלד שיקען.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערוואַרטעט אייער אנטוואָרט אייער געטרייער איבערגעבענער זאהן

מארקוס מארקין.

20.

אנטוואָרט.

מיין עדעלער גוטער מארקוס.

צו אלעם ערשטען מעלדע איך דיר דאס איך און דיינע מוטער בעפינדען זיך אין דער בעסטער געזונדהייט.

דיין ליעבען בריעף פון צעהנטען ז'שולאי האבען מיר ערהאלטען, טרערען האבען זיך פון אונזערע אויגען געגאָסען אלס מיר האבען דיינע ווארטען געלעזען.

איך קען דיר מיין זאהן ניט זאגען אויב דאס זיינען גיוועזען פריי־דענטרערען אדער טרויער טרערען, ווייל ביידע זאכען צוזאממען פרייד און טרויער האט אונז דיין בריעף געבראכט.

מיר האבען זיך געפרעהט אויף דעם וואס דוא ביזט גאטט זיי דאנק געזונד און וואס דורך דיינע גוטע פעהיגקייט ווערסט דוא אויך אין עק וועלט ניט פערפאלען.

מיר האבען זיך געפרעהט אויף דעם וואס אויך זייענדיג ווייט פון אונז טויזענדער מיילען האסט דוא אונז ניט פערגעססען און ביסט אונז געבליעבען דער זעלבער געטרייער זאהן ווייא פריהער.

אבער צו דער זעלבער צייט האט דאך א טרויער אנגעפיעלט אונזערע הערצער.

דיין בריעף האט אונז דערמאנט אז דוא ביזט פון אונז אב־

געריסען געווארען און אוועקגעטראגען געווארען זא ווייט אין אפרעמדע אונבעקאנטע וועלט.

גאטט ווייס אויב מיר וועלען נאך האבען גליק דיך צו זעהען דיך אומארמען און צו אונזערע הערצער צודריקען.

זייא ניט בייז מיין קינד וועל איך דיר זאגען אז אבוואהל דוא צייגסט אונז יעצט דיא ריכטיגע ליעבשאפט און איבערגעבענהייט פון א געטרייא קינד פון דעסט וועגען שרעקט מיר דאס הערץ.... בייא מיין בעסטען ווילען קען איך זיך ניט בערוהיגען.

דיא וועלט זאגט א ווערטעל „פון דיא אייגען ווייט איז דיא ליעבע אין א זייט" און דאס ווערטעל גיט מיר קיין רוהע.

מיר האבען שוין געזעהען וויא דיא בעסטע קינדער זיינען פרעמד געווארען צו זייערע עלטערען אלס זיי זיינען פערווארפען געווארען ווייט פון זיי.

אזוי וויא אקליין קינד ווערט אבגעוואהנט פון דער מוטערס ברוסט, אזוי ווערען גרויסע קינדער אין גאנצען אבגעוואהנט פון זייערע עלטערען, ווען זיי זעהען זיי ניט אלאנגע צייט.

מען געפינט נייע פריינד, נייע פערגעניעגען און ביסלאך ווייס שטעלט מען אוועק דיא עלטערען אין הינטערגרונד....

מיין גוטער ליעבער מארקוס לערען זיך ניט פון יענע קינדער, פערגעס ניט אז דיינע עלטערען וועלען קיין מאל. ביז דער ענדע פון זייער לעבען ניט אויפהערען דיר צו ליעבען און וועגען דיר צו דענקען. בעווייז זיי אימער אז אויך דוא פערגעסט זיי ניט אז דיינע ליעבע צו זיי ווערט אימער פערבלייבען אין דיין הערצען דערפאר וועט דיך גאטט געווים פיהרען אין רעכטען וועג, דוא וועסט בעשטענדיג גליקליך זיין וויא דיר ווינשט דיין פאטער.

סאלאמאן מארקין.

P. S. דײנע מוטער זיצט נעבען מיר מיט פײכטע אויגען איך האב דיעזען בריעף פאר איהר איבערגעלעזען און נאך איהרע טרערען פארשטעה איך אז זיא דענקט דאס זעלבע וואס איך, זיא שיקט דיר איהר בעסטען גרוס און ווינשט דיר דאס זעלבע וואס איך דײן פאטער.

21.

פון א פאטער צו א זאהן אין אמעריקא.

מײן ליעבער זאהן!

דוא מוזט נאך געדענקען וויפיעל טרערען איך האב פערגאססען אלס איך האב דיר מײן פאטערליכען זעגען געגעבען צו דײן רײזע נאך אמעריקא.

מיר האט דענסטמאל אויסגעוויזען אז מײן נשמה פליהט אוועק פון מײן קערפער, דוא האסט מיך געקושט און געטרויסט: אז דאמיט וואס דוא פאהרסט פון אונז אזוי ווייט אוועק פערבלײבסט דוא נאך אלץ אונזער געטרײער זאהן און צו יעדער צײט וועסט דוא אונז געדענקען און וועסט אונז דורך דײנע בריעף דערמאנען אז דאס אוועקפאהרען פון אונז האט דיך ניט אנדערש געמאכט און דײן אײנציגער ציעל אין לעבען וועט זײן אונז צו שטיטצען אין דיא עלטערע יאהרען.

וואס איז אבער געווארען דיא ענדע?

דיא ערשטע צײט נאך דײן קומען אין אמעריקא פלעגסט דוא אונז שרײבען בריעף פול מיט גוטע האפנונג. דוא האסט אונז אמאל אויך אײניגע דאללערס אריינגעשיקט. אבער אין דער לעצטער צײט האסט דוא וויא עס שײנט אין גאנצען פערגעססען אז דוא האסט עלטערן, איך רייד שוין ניט פון געלד, אבער א בריעף,

א שטיקעל פאפיער מיט עטליכע ווערטער געשריעבען פון דיין האנד דאס ערהאלטען מיר פון דיר אויך ניט.

איך פערשטעהע אז דוא ביזט זעהער בעשעפטיגט, איך האב געהערט (פון פרעמדע) אז דיר געהט גאטט זייא דאנק זעהער גוט און עס איז זעלבסט פערשטענדליך דאס ווען דוא קומסט אהיים פון דיין געשעפט זוכסט דוא דיא ביסעל פרייע צייט צו פערברענגען אין דעם קרייז פון דיין פאמיליע. אין דעם קרייז פון דיינע פרויא און קינדערלאך זאלען לעבען און געזונד זיין, אבער מיין ליעבער זאהן איך גלויב אז איך און דיינע געטרייע מוטער האבען בייא דיר פערדינט דוא זאלסט זיך אן אונז אויך אמאל דערמאנען.

אי קינדער קינדער. איהר ווילט גאר ניט אריינגעהען אין דער לאגע פון אייערע עלטערען, וועלכע האבען אייך ערצאגען מיט בלוט און מיט טרערען, איהר ווילט גאר ניט וויסען דיא שמערצען וואס זיי האבען ווען זיי זעהען, אז דיא קינדער פאר וועלכע זיי האבען זייערע בעסטע יאהרען אויפגעאפפערט צייגען זיך צו זיי וויא פרעמדע.

איהר ווילט ניט בערעכענען אז אויך איהר וועט אמאל זיין פאטערס און מוטערס פון דער וואקסענע קינדער און זיי וועלען אייך נעמען פאר א מוסטער וויא צו בעהאנדלען זייערע עלטערען.

איך זאג דיר דיא ווארהייט מיין זאהן אז איך בין זעהער בייז אויף דיר, אבער אין מיין גרעסטען כעס פערבלייב איך דאך דער ליעבענדער פאטער. אין מיין גרעסטען צארען וויל איך אלץ הערען גוטס פון מיין זאהן פאר וועלכען איך האב מיין לעבען אוועק געלייגט.

איך און דיינע מוטער בעטען דיך האב מיטלייד מיט אונז שרייב אונז אפט בריעף און אויב דיא נייע וועלט האט נאך פון דיר ניט גערויבט אלע מענשליכע געפיהלע זאלסט דוא זיך אויך דערמאנען

אז דיין פאטער און דיין מוטער זיינען אלטע שוואכע לייטע וועלכע לעבען אין נויט....

איך האפפע באלד פון דיר צו הערען, דערפאר וועט גאטט דיינע ווינשע אימער ערפילען וויא דיר ווינשט דיין אלטער אונגליקליכער פאטער.

נחמיה ראזענטאל.

22.

פון א טאכטער צו עלטערן,

מיינע ליעבע טייערע עלטערען!

ענדליך ענדליך קען איך אייך ערפרעהען מיט דער גוטער נאר-בריכט אויף וועלכע איהר האט אזייא אונגעדולדיג געווארט.

איך קען אייך ערפרעהען מיט דער נאכריכט: דאס איך בין א כלה געווארען פאר זעהער אנ'אנשטענדיגען יונגען מאן.

מזל טוב אייך ליעבע עלטערען!

איך שטעל מיר פאר וויא מיין בשורה איבעראשט אייך און וויא איהר ווילט וויסען ווער אייער שוויגער זאהן וועט זיין, דארום בעטראכטע איך דאס אלס מיין שולדיגקייט אייך אלעס וועגען דעם צו שרייבען.

מיין ברוטיגאם'ס נאמען איז לאזאר גרינבלום, ער איז אויס דער שטאדט באברויסק, איהר קענט נאך פרעגען וועגען זיין פאמיליע ביי אייערע בעקאנטע אין באברויסק און איהר וועט זיך איבער-צייגען אז איהר בעדארפט זיך מיט אייערע מחותנים ניט שעמען, זיין פאטער הייסט רבי שמואל גרינבלום, ער איז אמאל געוועזען זעהער א רייכער קויפמאן און האט א גרויסע ראליע געשפיעלט.

מיין ברוטיגאם איז א יונגער מאן פון פינף און צוואנציג יאהר,

איך וועל אייך ניט זאגען אז ער איז א בילדשעהנער מאנספערזאהן, פאר מיר איז ער גענוג שעהן.

ער איז אנ'עדעל מאן אין פאלען זינען דאס ווארטעס. א היבש ביסעל געבילדעט און איז זעהער א טיכטיגער געשעפטס מאן.

ער איז אנגעשטעלט אין א רייכען געשעפט אלס „סיילעס מאן״ דאס הייסט ער פאהרט ארום איבער דיא ארומיגע שטעדט פערקויפען דיא וואארע וואס זיין פרינציפאל פאבריצירט.

בעקאנט בין איך מיט איהם געווארען אויף א באלל און באלד ביי אונזער ערשטער בעקאנטשאפט זיינען מיר איינער צום אנ־דערען צו געבונדען געווארען דורך א ריינע פייעריגע ליעבע.

פאטער מוטער איך פיהל מיך זעהער גליקליך.

מיין ברוטיגאם שיקט אייך דא א בריעף, ער האט אייך שוין ליעב אבוואהל ער קען אייך ניט פערזענליך.

איהר קענט זיכער זיין אז איינע פון דיא גליקליכסטע וועט זיין אייער געטרייע טאכטער.

בעללא בראנשטיין.

23.

פון דעם חתן צו דער כלה'ס עלטערן.

ווערטהע שוויעגער עלטערן!

מיר איז יעצט צו מוטה וויא איך זאל נייא געבארען ווערען און זאל בעקומען נייע עלטערן, אין א נייע גליקליכער וועלט אלס דיא אין וועלכע איך האב ביז אהער געלעבט

איך האב דאס גליק געהאט צו געפינען אזא טהייערען שאטץ, וויא אייער ליעבע טאכטער בעללא איז און זייט איך האב פון איהרע זיססע ליפפען ערהערט דיא געצעהלטע ווערטער: „לאזאר איך בין עוויג דיינער״, זייט דאן פיהל איך מיך זא גליקליך, דאס

אללע מענשען, אלעס אויף דער וועלט איז מיר ליעב און טהייער, בעזאנדערס זיינען מיר טהייער דיא לייטע וואס מיינע ליעבע ברויט איז מיט זיי דורך א פאמיליענבונד פערקניפט, נוא איז זעלבסט פערשטענדליך דאס א בעזאנדערער ליעבע אונד א נייע בעזאנ־דערע אכטונג פיהל איך צו דיא לייטע וועלכע האבען מיין בעללאן אויף דער וועלט געבראכט, דיא לייטע וועלכע האבען זיא מיט זייער בלוט געשפייזט און האבען פון איהר געמאכט אזא פראכטפאללע בלומע.

אייך מיין איך ליעבע עלטערען אייך בעטראכט איך יעצט אויך אלס מיינע גוטע צערטליכע עלטערען איך ליעב אייך שוין אזוואהל איך האב נאך ניט געהאט דאס גליק און דיא עהרע אייך צו קענען און איך האפפע דאס איהר פון אייער זייטע, וועט מיר מיט דער זעלבע ליעבע בעלאהנען.

איך קען אייך פערזיכערען דאס מיין איינציגער ציעל אין לעבען וועט זיין אייער טאכטער גליקליך צו מאכען, זיא האט דעם ווערטה איינע גליקליכע פרויא צו זיין, און דאס האף איך וועט זיא זיין.

איהר וועט מיר געוויס ענטשולדיגען וואס איך שרייב אייך יעצט זא וועניג ווען איך וועל ערהאלטען פון אייך א'נאנטווארט וועל איך מעהר שטאף צום שרייבען געפינען.

יא מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטעט אייער אנטווארט אייער נייער זאהן.

לאזאר גרינבלום.

24.

אנטווארט.

מיינע ליעבע זיססע טאכטער בעללא.

איך האב אין מיין לעבען פיעלע ימים טובים (פייערטאגע) געפיי־

ערט, אבער דער גרעסטער טהייערסטער יום טוב איז בייא מיר געוועזען אלס איך האב ערהאלטען דיין בריעף מיט דער גוטער נאכריכט אז דוא ביזט פערלאבט געווארען צוא אזא פיינעם יונגען מאן וויא דוא האסט געוואלט און וויא איך האב ערווארטעט.

איך גיעב דיר מיין קינד מיין הערצליכען מזל טוב, איך ווינש דיר דוא זאלסט מיט דיין ליעבען ברויטיגאם אין א גליקליכע שטונדע הייראטען און איהר זאלט זיך ביידע עלטערען אין רייכטהום, עהרע און דיא הויפטזאכע אין דער בעסטער געזונדהייט.

דיא זעלבע ברכה שיקט דיר דיינע געטרייע מוטער.

איך דארף דיר ניט ערצעהלען אז אויך דיינע מוטער איז זא ערפרעהט, אויך זיא פיהלט זיך זא גליקליך און צו פריעדען וויא איך.

אבער אין דער גרויסער ליכטיגקייט וואס דיין נאכריכט פון דיינע תנאים האט געבראכט אין אונזערע הערצער, געפינט זיך א שווארצער פינסטערער פלעק.

אין דעם פריידענבעכער וואס דוא האסט אונז מיט דיין ליעבען בריעף דערלאנגט געפינט זיך זעהער א ביטערער טראפפען.

דאס איז דער שרעקליכער געדאנק: וואס מיר דיינע עלטערען האבען ניט געהאט דיא מעגליכקייט, צו זיין אויף דיינע תנאים און מיר וועלען אויך ניט קענען דיך ליעב קינד פיהרען צו דער חופה.

אונזער שענסטער האפנונג איז, זייט דוא ביזט געבארען געווארען, גיוועזען אז מיר וועלען אין א גוטע שעה ערלעבען דיינע האכצייט צו פייערען, דאס איז דאך דער גרעסטער וואונש פון אללע געטרייע עלטערען.

און אז עס איז שוין יא געקומען דיא גוטע צייט, אז גאט האט דיר שוין יא צוגעשיקט דיין באשערטען, זיינען מיר פון דיר טויזענדער מיילען ווייט און מיר מוזען זיך בלויז אפריעדען שטעלען מיט

דיינע בריעף וועלכע פערטרעטען דיא שטעלע פון דיין מונד.

א וואס פאר א ביטערע זאך דאס איז פאר עלטערן.

אבער וואס קען מען העלפען, אללעס איז פון גאטט און געגען גאטטעס ווילען קען מען ניט פראטעסטירען.

און אונזער וואונש איז יעצט, אז דיעזער גרויסער גאטט וועלכער האט פון אונז אוועקגענומען דאס פערגעניגען אויף אונזער שעהנ־ סטען יום טוב צו זיין צוזאממען מיט דיר, דיעזער גאטט זאל אם ווענינסטען מאכען מיר זאלען פון דיר אימער נור גוטעס העהרען.

איך האף נאך צו דעם ליעבען גאטט אז מיר וועלען נאך מיט אונזערע אייגען זעהען דיין גליק.

א גאטט! ענטפער דאך דיין „אמן" אויף דיעזען וואונש און ביז דעם לעצטען אויגענבליק פון מיין לעבען וועט דיך ליבען דיין קנעכט

יצחק בראנדשטיין.

25.

צו דער מאכטערם חתן.

מיין ליעבער זאהן לאזאר גרינבלום.

וויא באלד איהר זייט געוועזן אזוי גוט און פריינדליך מיך מיט מיינע פרויא אלס אייערע עלטערן צו אנערקענען, האב איך געוויס דאס רעכט אייך מיט דעם נאמען „זאהן" אנצורופען.

און מיט וואס פאר א פריידע, מיט וואס פאר א פערגע־ ניגען גיעב איך אייך דיעזען נאמען.

איהר זייט אונזער טאכטערס ברויטיגאם, איהר וועט זיין אונזער בעללאס לעבענסבעגלייטער, זיא וועט זיין אונטער אייער שוטץ, דאס אללעס פערבינדעט אונז צו אייך וויא צו א'נאייגען קינד, וויא גליקליך וואלט איך מיך געפיהלט ווען איך זאל דיעזע וואר־

טען איך קענען מונדליך זאגען און זאל דאביא איך קענען צו מיין פאטערהערץ צו דריקען.

איך בין פעסט איבערצייגט דאס איהר פערשטעהט דעם ווערטה פון אונזער ליעבע טאכטער און וועט האלטען אייער פערשפרעכען איהר אימער פערגעניגען צו פערשאפפען.

איך פון מיינער זייטע וועל אימער גאטט בעטען ער זאל אייך ביידען מיט דיא פליגלען דעם גליקעס בעשיטצען, איהר זאלט פון קיינע שמערצען וויסען און אייער לאנג לעבען זאל נור אין פריידען און פערגעניגען פערפליסען.

עמפפאנגט ליעבער זאהן דיא פערזיכערונג פון מיין פאטער־ליכע ליעבע צו אייך, מיינע פרויא אייער באלדיגע שוויגער מוטער ווינשט אייך דאס זעלבע וואס איך אייער נייער פאטער.

יצחק בראנדשטיין.

26.

פון אַ ווייב אין איראפא צו אַ מאַן אין אַמעריקאַ.

מיין טהייערער ליעבער אנשעל!

איך רוף דיך אָן מיט דיא צערטליכע נעמען „טהייערער ליעבער“ אָבוואהל דוא האסט דאס ניט פערדינט, אָבער וואס קען איך העלפען אז נאך אַלע זאכען ביזט דוא מיר פארט טהייער און ליעב.

דוא וועסט פון דיעזע ווערטער פערשטעהן, אז איך האב שוין אַלעס ערפאהרען.... דוא וועסט פערשטעהן אז איך וויים שוין דאס מיט דיינע זעלטענע ענטשולדיגונגען פאר דיין ניט שרייבען צו מיר און פאר דיין ניט שיקען געלד פאר דיינע אָרמע אונגליק־ליכע קינדער, פערבלענדעסט דוא מיר בלויז דיא אייגען.

אָבער צופעליג האבען זיך מיינע בלינדע אייגען געעפינט, און־

זערער א פריינד וועלכע וואהנט אויך אין ניויארק האט צו זיין ווייב געשריעבען א בריעף און אין זיין בריעף דערמאנט ער דיך אויך ער שרייבט דאס דוא פערדינסט פיעל געלד און אז דוא ביסט זעהער שטארק בעפריינדעט מיט א שעהן מעדכען....

דער צווייטער בעריכט פערענטווערט מיר שוין אללעס.

איך פערשטעה שוין ווארום דוא פוילסט זיך א זיי מיר צו שרייבען און ווארום דוא שיקסט אונז קיין געלד.

א שעהן מעדכען!

נו געווים איז א יונגעס שעהנעס מעדכען דיר אנגענעהמער איידער דיינע פרויא וועלכע איז שוין האלב פערוועלקט, עס איז זעלבסט פערשטענדליך אז עס איז פיעל ליעבער פערשווענדען געלד פאר א שעהן מעדכען איידער געבען דער אייגענער ווייב אויף ברויט.

וואצו זאל מען האבען אין זינען א פערוועלקטע פערפינסטערטע ווייב און קליינע לעסטיגע קינדער ווען מען קען לעבען א גוטען טאג מיט א שעהן לוסטיג מיידעל.

דיא פראגע אבער איז וואס זאגט דאצו דיין געוויסען, דיין מענשליכקייט און דיין פערשטאנד.

דאס איז וואהר איך בין פערוועלקט איך בין שוין ניט שעהן, אבער ווארום האב איך זא שנעל פערוועלקט? וואו איז זא גיך א־הינגעקומען מיין שעהנהייט וועלכע דוא האסט מיט איינגע יאהר צוריק פאר אונזער חתונה בעוואונדערט?

דעם אנטווארט ווייסט דוא אליין.

דוא ווייסט אז אין פערגעניגען וועלקט מען ניט, ווען דיא בלומע האט גענוג רעגען, טהויא זאנענשיין און לופט האלט זיא זיך ביי איהר שעהנהייט זא לאנג דיא נאטור האט איהר בעשטימט.

אבער ווען דיא שעהנסטע בלומע האט קיין רעגען, קיין טהויא קיין זאננענשיין און קיין לופט מוז זיא גיך וועלקען.

דוא ווייסט דיא ליידען וואס איך האב איבערגעטראגען זייט מיר האבען געהייראטהעט. מיר האט אללין געפעהלט עס זיינען געוועזען צייטען וואס איך האב קיין ברויט געהאט מיין הונגער צו שטילען, עס זיינען געוועזען צייטען ווען איך האב שוין וועגען מיין אייגענעם הונגער ניט געקלערט און האב נור געוואלט מיינע הונגעריגע קינדער זאט מאכען.

און ווארום איז דאס אזוי געוועזען?

דוא וועסט מוזען צוגעבען אז דאס וואר דערפאר וואס מיין מאן האט קיין געלד פערדינט.

אלזא ביזט דוא געוועזען דיא אורזאכע פון מיינע ליידען און דאך האב איך דיך קיין מאל בעשולדיגט, איך האב דיר אימער גע־טרויסט אז גאטט וועט אונז נאך העלפען און ווען זאגאר איך האב מיך אמאל יא אויסגערעדט שלעכטע ווערטער געגען דיר פער־שטעהסט דוא אליין אז ניט איך נור מיינע ליידען האבען דאס פון מיר גערעדט, אמענש איז קיין מלאך.

ענדליך ביזט דוא נאך אמעריקא געפאהרען, דארט דאס גליק צו זוכען.

און וואס פאר אלאנגע דוא האסט מיך מיט אונזערע ליעבע קינדער איבערגעלאזט, דאס דארף איך דיר ניט ערצעהלען, דוא ווייסט דאס אליין, איך בין געבליעבען בלויז מיט דער האפנונג אז דארט אין דער נייער וועלט וועסט דוא געלד פערדינען און מיר אללע וועלען געהאלפען ווערען.

און גאטט האט געהאלפען דוא פערדינסט שוין געלד.

וויא? האסט דוא אזא שטיינערנעם הערץ אז ביי דיר איז רעכט איך און דיינע קינדער זאלען פערבלייבען נאך אין אגרעסערע

ניט וויא פריהער, מיר אללע זאלען שמאכטען אין הונגער און קעלט און דוא זאלסט זיך ארומגעהען מיט אשעהן מעדכען זוכען פער־געניגען און פערשווענדען דאס געלד מיט וועלכע דוא האסט אונז געקענט פון טויט לעבענדיג מאכען, אויף נאשערייען אויף טהעאטערע און נאך אזעלכע זאכען?

זאל שוין זיין אז מיך האסט דוא פיינד ווייל איך בין פאר דיר צו אלט, צו העסליך אבער דיינע קינדער, דיין בלוט און פלייש, וואס זיינען זיי שולדיג? ווייסט דוא דען ניט אז זיי זיינען נאקעט בארפעס און אימער הונגעריג? איז ביא דיר רעכט זיי אין אזא שרעקליכע לאגע איבער צולאזען און אליין לעבען אין אללע פערגעניגען?

מיין האנד ציטערט, מיינע אויגען זיינען בעדעקט מיט טרערען איך קען מעהר ניט שרייבען איך וועל בלויז אויסשרייבען נאך דיא געצעהלטע ווערטער. אנשעל געדענק אז עס איז דא א גאטט אין הימעל, ווען דוא וועסט זיך אן דעם ערינערען וועסט דוא זיך פיעלייכט דערמאנען אויך אן דיינע הונגעריגע קינדער און אן דיין פערצווייפעלטע פרויא.

הינדע נוטמאן.

27.

אנטוואָרט.

מיינע ליעבע הינדע!

איך האב דיין בריעף ערהאלטען.

יעדעס וואָרט פון דעם בריעף האט וויא אשארפער מעססער אין מיין ברוסט איינגעדרונגען.

פון דיר הער איך א זעלכע ווערטער? פון דיר וועלכע קען מיין כאראקטער, וועלכע ווייס אז איך בין אימער בערייט גיוען מיין לעבען אויף צו אפפערען פאר מיינע פרויא און פאר מיינע קינדער?

דוא גלויבסט אז איך פערדין פיעל געלד און פערשווענדע עס אויף א פרעמדע מויד?

א וויא זינדיג דוא מאכסט זיך פאר גאטט און פאר מיר וואס פאר אונרעכט דוא טוהסט מיר ליעבע הינדע.

וועלכער ליגנער האט דאס וועגען מיר געשריבען זאלכע ווארטען, יענער איז קיין מענש נור א טייפעל.

איך פערזיכער דיר און איך שווערע דיר דאס ווען איך זאל קענען מיט מיין פלייש, מיט מיין בלוט דיך מיט מיינע ליעבע קינדער שפייזען וואלט איך דאס געטאהן.

איך בין אין אמעריקא זייט א יאהר, דאס הייסט נאך פרעמד אין דיעזער נייער וועלט, נאך אונבעקאנט מיט דיא היזיגע געשעפטע.

איך פערדין קוים דרייא דאללער א וואך און דיא דרייא דאללער האב איך ערשט אנגעפאנגען אין דער לעצטער צייט צו פערדינען, נוא פערשטעהסט דוא דאך אז איך בין פערבליעבען א בעל חוב פון פריהער, אז איך האב ניט געהאט קיין גאנצע פאאר שיך און קיין גאנץ העמד איך האב געמוזט האטש וואס עס איז איינקויפען אום איך זאל קענען אין דער גאס ארויסגעהען, דארום האב איך נאך ניט געקענט אבבייסען איינינע דאללער פאר מיין פאמיליע.

אבער איך פערזיכער דיר דאס זא באלד איך וועל דיא מעגליכקייט האבען אייך געלד צו שיקען וועל איך דאס מיט דער גרעסטער פריידע טאהן, דאס וועט בייא מיר זיין מיין גרעסט פערגעניגען.

דאס וואס דוא בעטראכטעסט זיך זעלבסט אלס פערוועלקטע בלומע, זאג איך דיר: אז אין מיינע אייגען ביזט דוא דיא שעהנסטע פרישעסטע בלומע אין דער וועלט. איך וועל נאך ערלעבען צו זעהען וויא דוא וועסט צוריק אויפבליהען און וועסט אין פריידען ערצעהלען אמאליגע ליידען.

איך קיססע דיך מיט אונזערע קינדערלאך פון ווייטען, איך

שװערע דיר דאס עס פערגעהט ניט אײן מינוט װען איך זאל ניט דענקען דײן געטרײער מאן.

אנשעל גוטמאן.

28.

אױף אנ'אנדער ארט.

מײנע גוטע ליעבע הינדע!

דײן מיט טרערען דורך געװײקטער בריעף האט מיך צערשמעטערט.

ניט אומזאנסט האבען אונזערע אלטע געלעהרטע געשריעבען: אז דאס לעבען און דער טױדט הענגען אב אין דער צונגע.

יא אקלוגע צונגע און קלוגע װארטע פון אפעדער קענען װירקליך אמענשען פון טױט צום לעבען איבערברענגען.

דאס האסט דוא יעצט געצײגט מיט דײנע קלוגע רירענדע װארטען.

דוא װײסט מײנע טהײערע אז דער קלענסטער מענש װערט אמאל פערבלענדעט און ער קריכט אריין אין אזא זומפף פון װעלכען ער קען זיך ניט ארויסרײסען.

דער פאל איז אויך בײא מיר געװען.

איך װיל מיך פאר דיר ניט לײגנען, איך זאג דיא װאהרהײט דאס עס האט װײט ניט געפעהלט איך זאל איבער דעם האלז אין א טיפען זומפף פערקריכען.

דיא מיסים בײא װעלכע איך װאהן אין זעהער א שעהן יונג װײבעל זײט איך האב אנגעפאנגען בײא איהר אין דער װאהנונג צו קװארטירען האט זיא מיך מיט דער גרעסטער פריינדשאפט, מיט דער הייסעסטער צערטליכקײט בעהאנדעלט.

עס איז זעלבסט פערשטענדליך אז איך בין איהר פאר אזא בע־האנדלונג זעהער דאנקבאר געוועזען, און עס איז קיין וואונדער וואס איך האב איהר מיט מיין היסע פריינדשאפט בעלאהנט.

מיר איז גאר ניט איינגעפאלען דער געדאנק אז דיעזע געגענ־זייטיגע פריינדשאפט וועט מיך פון גלייכען וועג ארונטערפיהרען.

עפעס א קליינגקייט וואס פאר א קראפט דיא צערטליכקייט פון א שעהנע יונגע פרויא האט!

דיעזע קראפט האט טויזענדער העכסט קלוגע, העכסט געביל־דעטע און דיא גרעסטע העלדען פון גלייכען וועג ארונטערגעפיהרט.

און דיעזער קראפט האט מיין געוויסען און מיין מענשליכקייט פון מיר אויף א קורצע צייט גערויבט.

וואס עס איז צווישען אונז פארגעקומען דאס וויל איך דיר ניט ערצעהלען, איך קען דיר מעהר ניט זאגען אז עס האט געהאלטען דאביי צווייא פאמיליען מיינע מיט איהר מאנס, זאלען אין גרעסטען אונגליק שטירצען....

אבער דיינע ווארטען האבען מיך וויא פון א שטארקען שלאף ערוואכט, זיי האבען מיר פון מיין בעטרונקענהייט (שכרות) אויסגעניכטערט.

איך האב דערזעהען וויא מיאוס איך בין אריינגעפאלען און וואס מיך און מיין פאמיליע ערווארטעט.

יעצט קען איך דיך בענאכריכטען אז איך וואהן שוין מעהר ניט אונטער איין דאך מיט יענע שענדליכע פרויא.

מעהר וויל איך זיא ניט זעהען אויך ניט הערען איהר רעדען.

מיין קאפף וועט פון היינט צו און ווייטער זיין בעשעפטיגט בלויס מיט דיא געדאנקען וועגען דיר מיינע געטרייע חנה'ע און וועגען אונזערע געטרייע קינדער.

אִיךְ שִׁיק דִיר יֶעצְט פוּפְצִיג רוּבֶּעל אוּן יֶעדְען מָאנָאט וֶועסְט דוּא פוּן מִיר פָּארְלוּיפִיג אַזַא סוּמֶמֶע עֶרְהַאלְטֶען.

אָבֶּער דַאמִיט וֶועל אִיךְ מִיךְ נִיט בֶּעגְנוּגֶען, גַאנְץ נִיךְ וֶועסְט דוּא עֶרְהַאלְטֶען שִׁיפְסְקַארְטֶען אוּן גֶעלְד אִיהר אַלֶּע זָאלְט צוּ מִיר אַהֶער קוּמֶען, דָא וֶועלֶען מִיר בַּייזַאמֶען לֶעבֶּען אוּן אִיךְ הָאף צוּ גָאטט אַז מִיר וֶועלֶען אַלֶּע גְלִיקְלִיךְ זַיין.

בִּיזְט דוּא שׁוֹין רוּהִיג הִינְדֶעלֶע אוֹיב יַא בִּין אִיךְ זֶעהֶער צוּפְרִיעדֶען אוּן אִיךְ פֶערְזִיכֶער דִיר אַז עֶווִיג גֶעטְרַייא וֶועט דִיר פֶערְבְּלַייבֶּען דַיין זִינְדִיגֶער מַאן.

אַנְשֶׁעל גוּטְמַאן.

29

פוּן אַכַּלָּה צוּ אַחָתָן וֶועלְכֶער אִיז אִין אַמֶערִיקַא.

הֶערְשֶׁעלֶע מַיין לֶעבֶּען!

„רָאזַא הֶערְצְבְּלַאט“ הָאט דֶער בְּרִיעף טְרֶעגֶער מִיט אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען צוּרִיק אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן.

אִיךְ בִּין גְרַאדֶע גֶעזֶעסֶען פֶערְטִיעפְט אִין גֶעדַאנְקֶען וֶועגֶען דִיר אוּן עֶרְהֶערְנְדִיג דִיעזֶען אוֹיסְרוּף בִּין אִיךְ ווִילְד פוּן מַיין פְּלַאטְץ אוֹיפְ־גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִיךְ הָאבּ פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַבְּרִיעף צוּ מִיר אוּן דֶער בְּרִיעף אִיז פוּן דִיר מַיין טְהַייעֶרֶער הֶערְשֶׁעלֶע.

אִיךְ הָאבּ קַיין אִירְטְהוּם גֶעהַאט, דֶער בְּרִיעפְטְרֶעגֶער הָאט מִיר ווִירְקְלִיךְ אַבְּרִיעף אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אוּן דֶערְוֶועהֶענְדִיג דִיא אַמֶערִיקַא־נֶער מַארְקֶע, הָאט מַיין הֶערְץ אָנְגֶעפַאנְגֶען אִין מִיר פְרֵיידִיג צוּ קְלַאפֶּען.

אַבְּרִיעף פוּן מַיין חָתָן, אַבְּרִיעף פוּן מַיין הֶערְשֶׁעלֶען—הָאט עֶס אִין מִיר אַזֵיי חַיִּיא גֶעדָאנֶערְט.

מִיט צִיטֶטֶערְנְדֶע הֶענְד הָאבּ אִיךְ דֶעם בְּרִיעף גֶעעֶפֶענְט אַז

דערזעהענדיג דיין האנדשריפט איז מיר ליכטיג געווארען אין דיא אויגען.

איך האב געלעזען, ריכטיג געזאגט איך האב געשלונגען יעדעס ווארט און איך האב געפיהלט וויא א זיסער באלזאם האט מיין גאנצעס וועזען אנגעפיעלט.

מיר האט אויסגעוויעזען אז דוא רעדסט צו מיר, אז איך הער דיין זיסע שטיממע.

מיר האט אויסגעוויעזען אז גוטע ענגלען טראגען מיר אויף זייערע פליגלען אונטער דעם בלויען הימעל און איך הער דאס זיסע געזאנג פון הימלישע זינגער.

איז דאס דען א וואונדער?

דוא ווייסט הערשעלע אז אן דיר אליין הענגט מיין לעבען, אז דוא ביזט מיין „אללעס" אין דיעזער וועלט און אלס דוא ביזט פון מיר נאך אמעריקא געפאהרען, האב איך געפיהלט דאס זעלבע וואס א מיליאנער פיהלט ווען א פייער פערברענט פלוצלינג אללעס וואס ער פערמאגט און ער פערבלייבט עלענד און הילפלאז אין דער גרויסער וועלט.

זייט דוא ביזט אוועקגעפאהרען האב איך ניט געלעבט. אללעס אין דער וועלט האט מיר אויסגעזעהען געשמאקלאז און איבעריג.

שרעקליכע געדאנקען האבען ניט אויפגעהערט מיך צו מארטערען און צו פלאגען.

מערקווירדיג איז דאס וואס אימער מאלען זיך פאר אונז שרעקליכע בילדער וועגען דער לאגע פון אונזערע הייסגעליעבטע פערזאנען וועלכע זיינען ווייט פון אונז.

מיינע אללע ביינער שוידערען אין מיר ווען איך ערינערע מיך וואס פאר בילדער מיין פאנטאזיע האט פאר מיר פארגעשטעלט וועגען דיין רייזע איבער דעם אקעאן.

נו קענסט דוא זיך שוין פארשטעלען מיין פריידע אלס איך האב דיין בריעף ערהאלטען און האב געלעזען דיינע ווארטען אז גאטט זיי דאנק דוא ביזט שוין אין אמעריקא.

יא גאטט זייא דאנק, גאטט זייא דאנק!

יעצט בין איך רוהיג, יעצט פיהל איך וויא א גאנצער בארג איז פון מיין הארצען ארונטערגעפאלען.

דוא פערזיכערסט מיר אין דיין בריעף דאס אין גיכען וועסט דוא מיך נעמען צו דיר, וויא דאנקבאר איך בין דיר פאר דיעזע ווארטען.

איך וועל צעהלען דיא מינוטען ביז יענע גליקליכע צייט וועט קומען, גאטט זאל געבען דוא זאלסט נור א גוטע בעשעפטיגונג בעקומען דאן בין איך איבערצייגט אז דוא וועסט מיך צו דיר ברענגען, איך וויס אז דיינע ליעבע צו מיר איז ניט קלענער וויא דיא ליעבע וואס צו דיר פיהלט דיינע עווינליעבענדע ברויט

ראזא הערצבלאט.

פריינדשאפטליכע בריעפע.

1) פריינדע זיינען דא פערשיעדענע. יעדער מענש האט בוזים פריינדע דאס הייסט אינטימע פריינדע וועלכע וויסען אללע זיינע געהיימניסע און ער וויים זייערע סודות, זיי האבען צו זאממען א לאנגע צייט אין איין פלאטץ געוואהנט, האבען אימער צו זאממען דיא צייט פערבראכט , צו זעלכע פריינדע דארף מען שרייבען אין א הומאריסטישען טאן, אום ארויס צורופען א שמייכעל פון דעם פריינד דער הומאריסטישער טאן פון אזא בריעף מאכט זעהער א גוטער ווירקונג און בלאזט אויף זאגאר דיא באלד פערלאשענע פריינד-שאפט.

2) עס זיינען דא זאלכע פריינד וועלכע פיעלען איינע צו דיא אנ-

דערע דיא גרעסטע אכטונג און זיי ערלויבען זיך ניט מיט איינאנדער צופיעל אינטים צו זיין, צו זאלכע דארף מען שרייבען מיט א העפליכען ערנסטען טאן.

3) עס זיינען ווידער דא פריינדע וועלכע מען קען אנרופען „גיוועזענע פריינדע" אמאל האבען זיי צוזאמען זעהער פריינדליך געלעבט, ווייל זיי זיינען געוועזען גלייכע מענשען, אבער אין פערלויף פון דער צייט האט יעדער פון אגאנץ אנדער שטעלונג אין לעבען גענומען, איינער איז רייך דער צווייטער איז ארם, איינער איז העכסט געבילדעט געווארען דער צווייטער איז פערבליעבען אן איינפאכער מענש. ווען דער ארמער אדער דער איינפאכער שרייבט צו אזא געוועזענעם פריינד, מוז ער מיט דעם גרעסטען רעספעקט זיך אויסדריקען און ער דארף דיא אלטע פריינדשאפט דעמיטהיג עראינערן.

30.

צו איין אינטימען פריינד.

מיין גאלדענער יאקאב!

דוא זעהעסט חאטש וויא טהייער דוא ביזט ביא מיר, דאס איך רופ דיך „מיין גאלדענער יאקאב"

אבער חאטש איך פערגלייך דיך צו גאלד וואלט איך פאר דיר יעצט א שמעק טאבאק ניט געגעבען, ווייל מיט דיין לאנגעם שווייגען, מיט דיין ניט שרייבען צו מיר גאנצע צוויא מאנאטען, האסט דוא געצייגט אז איך האב א גרויסען פעהלער געטאהן דאמיט וואס איך האב דיך אימער „פריינד" גערופען.

א פריינד ביזט דוא? אזא מזל אויף דיר, אזעלכע פריינדע דארף מען בעהאלטען אויף ערב יום כפור אום זיי צו ווייזען דיא בני אדם...

— זאג מיר נאר מיין תכשיט וואס איז מיט דיר? פאר וואס ביזט דוא פלוצלונג שטום געווארען?

האסט דוא דארט אויסגעפונען אנדערע בעסערע פריינדע אלס איך בין און צוליעב זיי האסט דוא מיר געמאכט מופען פון דיין קאפ און פון דיין הערצען?

אדער .... אויף דיר איז צו גלויבען אז דו האסט אויסגעפונען א פריינד אין א קליידעל און דיין קליינער קאפ איז אזוי פערדרעהט און פערטומעלט געווארען, דאס דוא האסט אן דער גאנצער וועלט פערגעססען?

איך האב דיר זעהער פיעל וויכטיגע נייעס צו שרייבען, אבער גיין, אזא עהרע וועל איך דיר ניט צו טהיילען דערפאר וואס דוא ביזט אזא אונדאנקבארער סוביעקט געווארען.

דוא האסט נאך צייט דיין פעהלער צו פעריכטען, דוא האסט נאך צייט מיין פערצייהונג אויס צו ווירקען ווען דוא וועסט מיר באלד שרייבען א בריעף.

געדענק דוא זאלסט מיך ניט איינברענגען אין צארען, דען מיט אויסגעשטרעקטע קולאקעס ערוואַרטעט דיך דיין געוועזענער פריינד.

איזאק שמולעוויטץ.

31.

אנטוואָרט.

מיין בייזער איזאק!

האלט איין דיין גרים צארען ליעבער איזאק, דען כעס איז אן אנגעשטעקענדע זאך, דורך דיין כעס קען איך אויך ווערען בייז און דאן וועלען מיר ביידע אויסווייזען וויא צוויא ווייסע הענער וואס פרומע אידען האבען געטהיג פאר ערב יום כפור.

ווארום שרעקסט דוא דיך אזוי פאר מיינע גוטע פריינד? אייפערזיכטיג ביזט דוא? מיר שיינט אז מיר האבען ביידע נאך ניט חתונה געהאט. מיר האבען נאך זאגאר קיין תנאים געשריעבען, אלזא וואס

פאר ארעכט האסט דוא איפערזיכטיג צו זיין?

און וואס גערעט דיך אן אויב איך האב געפונען א פריינד אין א קליידעל? דיין כלה וועלכע איז דיר בעשערט וועל איך געוויס ניט אבנעמען, איך ווינש דיר אזוי פיעל טויזענדער וויפיעל שעהנע מעדכענס עס וועלען נאך אין דער וועלט פערבלייבען.

אבער שפאס אן א זייט, דוא ווילסט ויסען ווארום איך האב צו דיר צווייא מאנאטען ניט געשריעבען? נו זאג איך דיר אז איך האב געהאט בילבערע זאכען מיט וואס זיך צו בעשעפטיגען, אלס מיט שרייבען ליעבע־בריעף צו אזא ביזען פרין וויא דוא ביזט.

דוא ווייסט דאך אוועדטעל „ביזנעס בעפאר פלעזשער" געשעפט איז פריהער פון פערגעניגען, איך בין אהער געפאהרען וועגען געשעפטס זאכען און מיינע ביזנעס האבען מיר פערשלאגען דעם אפעטיט צו מיינע פריינדע.

האלט בערייט דיינע קולאקעס ליעבער איזאק, דען נאך אין דיעזע וואכע קום איך א היים און איך געפין פאר געטהיג דיר צו דערמאנען אז מיינע בידע הענד זיינען אפפען און ערוואַרטען דיך.

קומענדיג א היים וועט דיר רעכענונג אבגעבען אויף זיינע גרויסע זינדע דיין גאלדענער יאקאב.

יאקאב שיף.

32.

איזאק צו יאקאב'ן.

נוטען אבענד יאקאב!

פון מיין „נוטען אבענד" וועסט דוא פארשטעהען אז איך שרייב

אבענד בעהאלטען אויף ביא נאכט, ווייל דער זעגען פון אזא צדיק וויא איך בין ווערט קיין מאל ניט פערלארען.

העד נור יאקאב איך האב פאר דיר אזא נייעס וואס וועט דיך איבערראשען, אנייעס וואס וועט פערקיהלען דיין בלוט און דיינע אדערען.

איך בין.... (איך פערשטעה אז דוא ביזט שטארק נייגעריג דערפאר וויל איך דיר צו פערדרוס מיין נייעס ניט מיט איין מאל בער־ריכטען) איך בין.... אנא טרעף וואס איך וויל דיר בענאכריכטען.

ווען דוא זאלסט האבען טויזענד קעפ און יעדער קאפף זאל זיין פאל מיט שלמה המלך׳ס חכמה וועסט דוא דאס ניט טרעפען.

איך בין אחתן געווארען.

ווארום האסט דוא אזוי אויסגעגלאצט מיט דיינע אייגעלאך? ווארום האט זיך דיין נעזעלע אזוי אויסגעצויגען?

דיר גלויבט זיך דאס ניט?

איך פערשטעה ניט ווארום דוא זאלסט דאס ניט גלויבען וואס האסט דוא געמיינט, אז איך וועל פערבלייבען זיטצען אסינגעל־מען (אבחור) ביז אין גראען צאפ.

אדער פיעלייכט האסט דוא געמיינט אז קיין שעהן מיידעל וועט זיך בעשליסען אויסחאפען אזא שאטץ וויא איך בין.

נו זאג איך דיר גאנץ ערנסט און גאנץ דייטליך, אז איך וויל ניט ווארטען ביז דער ווינטער וועט אנפאנגען בעשנעען מיין קאפ איך האב מיך בעשלאססען צו הייראטען און מיין גוטער שטערען האט מיר אנגעציינט אזא כלה וואס האט איבערשטיעגען אללע מיינע ערווארטונגען, זיא איז שעהן, זיא איז קלוג, זיא איז געבילדעט, זיא איז דיא ליעבענסווירדיגקייט אליין, זיא איז....

נור וויפיעל איך זאל דיר ערצעהלען פון איהרע מעלות וועט דאס אלץ קיין אנפאנג זיין.

פיעלייכט גלויבסט דוא מיר ניט?

נור וואס רייד איך „פיעלייכט“, איך קען דאך דיך, דוא פערגינסט מיר קיין מאל דאס פערגנינגען וואס איך האב און דער געזעלשאפט פון שעהנע מעדכענס און דערפאר ווילסט דוא זיך געווים איינבילדען אז דאס וואס איך האב דיר ערצעהלט וועגען מיין כלה איז איבערטריעבען נו דערפאר לאדע איך דיך צו מיינע תנאים וועלכע וועלען שטאטפינדען שבת אבענד דעם לעצטען אויגוסט.

איך לאדע דיך און דוא זאלסט קומען, דוא הערסט? דוא מוזט קומען, איך וויל דוא זאלסט האבען פערגנינגען זעהענדיג וויא גליקליך עס איז דיין פערליעבטער.

איזאק שמולעוויטץ.

33.

אנטווארט.

מזל טוב דיר איציקעל!

זעהסט דוא האטש מיך פערדריסט זעהר שטארק וויא דוא האסט פאראויס געזעהען) אויף דעם וואס דיך האט אזא גליק געטראפען, פון דעסט וועגען שיק איך דיר מיין מזל טוב נאך בעפאר איך אליין וועל קומען אנקוקען דיא מציאה אדער דעם אוצר וואס דוא האסט אויסגעכאפט.

זאג מיר נור דוא מזל׳דיגער שלים־מזל וואו האסט דוא טאקי אויסגעפונען אזא אוצר וויא דוא האסט מיר בעשריעבען? דוא האסט דאס גאר קיין צייט געהאט מיר דייטליך אויסצושרייבען ווער זיא איז, פון וואנען זיא איז און וויא איהר כשר׳ער נאמען איז?

אבער איך פערשטעה, דוא האסט פורכט פיעלייכט וועל איך לוסט בעקומען צו דיין שאטץ און וועל מיך אפרואוו מאכן איהם פאר

זיך צו געווינען.... ווייל דוא ווייסט וואס פאר א שטארקער קאנ־
קורענט איך בין.

ווארט! מיין ניט אז דוא האסט שוין דאס אונגליק פערהיט, איך
וועל קומען צו דיין פערלאבונג, איך וועל קומען פערפוצט אין מיינע
שעהנסטע קליידער, איך וועל אנאנצען פונט זייף אויף מיין געזיכט
אויסרייבען, אום איך זאל אויסזעהען שעהען וויא א בן מלך (פרינץ)
דיין כלה וועל איך באשיטען מיט קאמפלימענטע און איך שטעל מיר
שוין פאר וואס פאר א געזיכט דוא וועסט שוין דאן ווייזען.

אזוי וויא איך קען דיך אלס גרויסען שיסער, ראטהע איך דיר
דוא זאלסט עפעס ארעכטען רעוואלווער אנגרייטען, אום צו דועלי־
רען מיט מיר דיין

יאקאב שיף.

34.

איזאק צו יאקאב'ן.

מיין שווייגענדער שטומער יאקאב!

דוא לעבסט אדער דוא ביזט חלילה געשטארבען?

אויב דוא ביזט ניט פאר מיר געזאגט טויט האב איך צו דיר גאר
ניט, דערפאר וואס דוא האסט מיר אזא לאנגער צייט קיין בריעף גע־
שריעבען און איך וויל דיך נור בעטען, דוא זאלסט אזוי פריינדליך
זיין און דארט אין הימעל פאר מיר און פאר מיין ווייב און קינדער־
לאך אויסבעטען א גוט יאהר ביא דעם רבונו של עולם.

נור אויב דער טייפעל האט דיך ניט צו געחאפט און דוא לעבסט,
פערשטעה איך ניט ווארום דוא ביזט פלוצלונג שטום געווארען.

שוין! דוא האסט שוין פערגעסען אז עס לעבט אן'איזאק אויף
דער זינדיגער וועלט? דוא האסט שוין פערגעסען דיין פערשפרע־
כען וואס דוא האסט געגעבען דעם איזאקן פאר דיין אבריזע פון

ראגען אז עוויג וועסט דוא איהם אלס פריינד בעטראכטען און אימער וועסט דוא איהם גרויסע לאנגע בריעף שרייבען.

א שעהנער ווארטסמאן ביזט דוא.

אנ'אנדערער אויף מיין פלאטץ װאלט שטארק בייז געווארען פאר אזא האנדלונג און ער װאלט דיר מיט דער זעלבע מינצע בעצאהלט, ער װאלט געזאגט גאנץ איינפאך: דוא ווילסט מיך ניט קענען און איך וויל דיך אויך מעהר ניט קענען.

אבער איך בין א גאנץ אנדער מענש, דוא קענסט דאך מיך אז איך בין אדיאמאנטענער מענש, און ווען איך זאל זיין א גאטט, װאלט איך מוחל געווען דיא זינדע פון אללע זינדיגע און אזוי וויא צו מיין פערדרוס האב איך קיין האפנונג גאטטס שטעלע צו בעטרע־טען, וועל איך חאטש ארויסצייגען דיא שעהנע מדה פון „פערצייהונג" געגען דיר זינדיגער בשר ודם.

יא יאקאב איך פערצייהע דיין גרויסע זינדע געגען מיר, אבער מיט דעם בעדינג דוא זאלסט מיר זאפארט א בריעף שרייבען.

מהוסט דוא דאס ניט דאן פערליערסט דוא דיין בעסטען געטריי־עסטען פריינד.

איזאק שמולעוויטץ.

35.

אנטווארט.

מיין ליעבער איזאק!

איך האב דיא עהרע דיר צו בענאכריכטען אז איך לעב, און אז איך האב גוטע אויסזיכטע נאך לאנג לאנג צו לעבען, ווייל מיין אפעטיט איז אהן עין הרע זעהער א שטארקער און מיין געזונד איז אין דער בעסטער ארדנונג.

אויף דיין פראגע ווארום איך בין פלוצלונג שטום געווארען און האב מיט דיר אזוי לאנג ניט גערעדט? קען איך דיר ענטפערען: אז איך האב מיט אבזיכט צו דיר ניט געשריעבען אויס פורכט פיעלייכט וועל איך מיין לעצטען פריינד פערליערען....

ווען איך זאל גיוועזען אפט צו דיר בריעף שרייבען וואלט איך דאך געצוואונגען גיוועזען דיר ריכטיג אויסצושרייבען מיין ביטערע לאגע און דיא פראקטיק האט מיר שוין אונצעהליגע מאל געצייגט, אז ווען א פריינד ערהערט דאס זיין פריינד געפינדעט זיך אין א ביטערע לאגע ווערט זיין גאנצע הייסע פריינדשאפט אבגעקיהלט וויא מען זאל אויף איהר ארויפגיעסען א גאנצע פאס אייז קאלטע וואסער.

דוא פערשטעהסט שוין יעצט ווארום איך האב צו דיר ניט געשריעבען.

יעצט ווייסט דוא אז איך געפינדע מיך אין א ביטערע לאגע און איך פיהל וויא דיין ליעבע צו מיר איז שוואכער געווארען.

איך צווייפלע ניט אז דיעזע ליעבע וועט אין גאנצען שטארבען, ווען דוא וועסט ערהערען אז איך געפינדע מיך אין א גרויסען נויט.

דוא האסט געוויס געהערט אז אין אונזער שטאדט האט א פייער פיעלע הייזער און געשעפטע פערברענט. צווישען דיא פערברענטע הייזער איז אויך מיין הויז גיוועזען.

אללעס וואס איך האב פערמאגט איז מיט דעם רויך פערשוואונדען, און איך מיט מיין פאמיליע ליידען מאנגעל אין אללעס.

מיט א פאאר הונדערט דאללער האב איך מיך געקענט רעטטען, אבער וואו נעמט מען זיי?

לעזענדיג דיעזע ווערטער וועט דיר געוויס פערדריסען וואס דוא האסט אזא דומהייט בעגאנגען און האסט מיך ארויסגערופען אויף דעם פלאטפארם צו ריידען.

אלס ארמער מאן האב איך ניט דעם מוטה פיעל צו בעלעסטיגען

אזא רייכען מאן וויא דוא ביזט און דארום ענדיג איך מיין בריעף מיט דער ביטע דוא אלס גוטער דיאמאנטענער מענש זאלסט פערצייהען דיא פרעכהייט פון דעם אונגליקליכען וועלכער האט דיר דא אנגע־דולט דעם קאפף מיט פוסטע ווערטער, פערצייהע דעם ארמען

יאקאב שיף.

36.

אנטווארט.

יאקאב מיין ארמער יאקאב!

דיין בריעף האט פון מיר גערויבט דיא לוסט זיך צו ווימצלען אין מיין יעצטיגעם שרייבען, וויינען ווילט זיך מיר אויף דעם אונגליק וואס דיך ליעבער פריינד האט געטראפפען.

דוא שרייבסט אז דוא האסט מיר ניט געשריעבען זא לאנג, אויס פורכט פיעלייכט וועל איך ערהערענדיג דיין ביטערע לאגע אונזערע פריינדשאפט אויפגעבען, ווען דוא זאלסט דאס מיר מינדליך זאגען וואלט איך דיר גיענטפערט קורץ און שארף: דוא ביזט א גראביאן.

זאג נאר דוא ווילדער מענש פאר וואס האסט דוא פון מיר אזא שלעכטע מיינונג, האב איך דיר ניט אונצעהליגע מאל איבערצייגט אז פאר דיר איז מיר קיין זאך שווער צו טאהן?

מעגליך אז אויף דיר וואלט דיא ביטערע לאגע פון אפריינד אזא שלעכטע ווירקונג געמאכט, בייא מיר אבער שפיעלען אזעלכע זאכען קיין ראליע, איך האב אימטער דיך ליעב געהאט ניט דיין זיסע לאגע, און אבוואהל דוא האסט מיך יעצט שטארק בעליידיגט פער־בלייב איך נאך אלץ דער זעלבער פריינד וויא פריהער.

מיט דייגע ווערטער האסט דוא מיר איבערצייגט אז איך האב אנ'אירטהום געהאט אין דיין ליעבע צו מיר, דען ווען דוא וואלסט מיך ווירקליך וויא א היימער פריינד געליעבט וואלסט דוא דאס צו־

פרויען אין מיר ניט פערלארען און וואלסט מיר באלד בעגאבדיבטעט פון אללעס וואס דיך האט פאססירט.

אויסער דעם האסט דוא מיר מיט דיינע דומע ווארטען געצייגט אז איך האב אויך אנ'אירטהום געהאט אין דיין פערשטאנד, איך האב אימער געמיינט אז דוא ביזט קיין נאר, יעצט זעה איך אז דוא ביזט (מענסט זיין בייז אויף מיר) א גרויסער דומקאפף.

ווארום ביזט דוא אזוי פערצווייפעלט געווארען? האסט דוא פיעלייכט געמאכט א קאנטראקט מיט זיין ליעבען נאמען, דיר זאל אימער געהן גוט אין דיינע געשעפטע?

ווייסט דוא דען ניט אז דאס גאנצע לעבען פון דעם מענשען איז א מיש־מאש פון גליק און אונגליק, פון גוטע און שלעכטע צייטען?

אזוי וויא דוא האסט מיט א קורצע צייט צוריק ניט געוואוסט אז דיך וועט אזא אונגליק טרעפען, אזוי קענסט דוא ניט וויסען אויב אין גיכען וועט דיך ווידער אגליק ניט טרעפען.

היינט ביזט דוא דער ארימאן און איך דער רייכער, ווער ווייס אויב מיט אקורצע צייט שפעטער וועט זיך דאס רעדעל ניט איבער־דרעהען און איך וועל געצוואונגען זיין דיך אום הילפע צו רופען.

היער אין דיעזען בריעף וועסט דוא געפינען אנ'אנווייזונג אויף 500 דאללער.

מיין ניט אז איך שענק דאס דיר, אזוי גוט וויל איך ניט זיין, דאס לייה איך דיר, דוא הערסט? זאל דיר נאר גאטט העלפען דוא זאלסט זיך צוריק אויף אבייכע שטופע ארויפארבייטען וועסט דוא מיר דיא סומע אומקעהרען.

איך זאג דיר אן מיט דעם הארבען ווארט, דוא זאלסט מיר אפט בריעף שרייבען, דען אזוי וויא פריהער, אזוי וויא אללע מאל פער־בלייבט דיר געטרייא דיין וואהרער פריינד.

איזאק שטולעוויטץ.

87.

צו אגעוועהנליכען פריינד.

ווערטהער פריינד הערר בארים קורמאן.

אייער ווערטהען בריעף האב איך ערהאלטען.

מיין בעסטען דאנק גיעב איך אייך דאפיר וואס איהר פערגעסט מיך ניט און ערפרעהט מיך אפט מיט אייערע פריינדליכע בריעף.

מיך האט זעהער געפרעהט צו לעזען דאס איהר און אייער ווערטהע פאמיליע בעפינדעט זיך אין גוטער געזונדהייט. איך האפפע דאס אין אללע אייערע בריעפע וועל איך דעם זעלבען בעריכט לעזען.

וואס מיך אנבעטריפט קען איך אייך אויך ערפרעהען מיט דער זעלבע נאכריכט דאס איך, מיינע פרויא און מיינע קינדער זיינען פאלשטענדיג געזונד.

מיר אללע דערמאנען אייך זעהער אפט.

מיר דערמאנען דיא זיססע מינוטען אין וועלכע מיר האבען פערבראכט אין אייער געזעלשאפט. אייערע קלוגע ווארטען, אייערע שעהנע וויטצען און גלייכע ווערטליך קלינגען נאך יעצט אויך אין אונזערע אויערען.

איהר האט מיך געפרעגט וויא מיין געשעפט געהט.

אויף דעם קען איך אייך ענטפערען: דאס אבוואהל מיינע געשעפטע געהן ניט זא גלענצענד קען איך מיך דאך ניט בעקלאגען וויל זיי געהען ניט ערגער וויא ביי אנדערע און דאס אליין איזט שוין אגאנצער טרויסט.

איך האב לויט אייער וואונש זיך געזעהען מיט דעם הערען גאלדשאטץ און האב איהם אייער גרוס איבערגעגעבען. ער וואר זעהער צופריעדען און ער האט מיר געזאגט דאס ער וועט נאך אין דיעזע וואכע אייך וויכטיגעס שרייבען.

מיינע פרויא און מיינע קינדער שיקען אייך זייער בעסטען גרוס
איך פערבלייב אכטונגספאל אייער וואהרער פריינד

מיכאל בערנוואססער.

38.

אויף אנ'אנדער ארט.

מיין ווערטהער פריינד הערר בארים קורמאן

אויב איהר ליעבער פריינד האט פערגעססען וועל איך אייך ער־אינערען דאס וואס איהר האט מיר פערשפראכען בעפאר איהר האט מיך פערלאססען.

איהר האט מיר דאן דריקענד מיין האנד געזאגט: הערר בערנ־וואססער איך וועל מיט אונגעדולד ערווארטען אייערע אנטווארטען אויף מיינע אלע בריעפע.

אלזא האט איהר מיר פערשפראכען אפט בריעפע צו שרייבען לידער אבער האב איך אין דער גאנצער צייט זייט איהר זייט אוועק געפאהרען פון אייך קיין צייל ערהאלטען.

אנשטאט דעם וואס איך האב בעדארפט בעאנטווארטען אייערע בריעפע, פערלאנג איך יעצט אנ'אנטווארט אויף מיין בריעף.

איך מוז אייך זאגען די וואהרהייט דאס ווען איך זאל ריכטיג וויססען אז איהר זייט געזונד וואלט איך מיך אום אייער שרייבען ניט אזוי שטארק געקימערט. אבער זא וויא איך קען אייך אלס ניט זעהר געזונדער שטארקער מענש, בין איך זעהר אונרוהיג וועגען אייער געזונדהייט.

איהר ווערט מיר אגרויס געפאלען טאן ווען איהר ווערט מיר באלד נאך דער ערהאלטונג פון דיזען בריעף אנ'אנטווארט שיקען.

מיינע פרויא פרעגט מיך אימער אויב איך האב פון אייך אבריעף ערהאלטען די זעלבע פראגע שטעלען מיר אויך זעהר אפט מיינע

קינדער, און צו מיין גרעסטען פערדרוס מוז איך אימער זייערע פראגען מיט „ניין" בעאנטווארטען.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטעט אייער בריעף אייער

פריינד און פערעהרער

מיכאל בערנוואססער.

39.

אנטווארט.

מיין ווערטהער פריינד העררר מיכאל בערנוואססער.

וויא דאנקבאר איך בין איך און אייער ווערטהע פאמיליע דאפיר וואס איהר אינטערעסירט זיך וועגען מיין געזונדהייט, איך בעטראכטע דאס אלס גרויסע עהרע און גרויסע פריינדשאפט.

איהר האט געטראפפען ליעבער פריינד, מיין שוואכע געזונדהייט שטערט מיך זעהער אפט אין קארעספאנדירען מיט מיינע פריינדע.

דיא גאנצע צייט וואס איך בין אין ב.... פיהל איך מיך זעהער אונוואהל. מעגליך אז דער היזיגער קלימאט ווירקט שלעכט אויף מיין געזונדהייט, אבער יעצט גאטט זייא דאנק איז מיר פיעל בעססער און איך האב דיא מעגליכקייט מיט מיינע פריינדע זיך דורך בריעפע דורכצורייטען.

איך וויל זעהער אייך אגרויסען בריעף אנשרייבען, לידער אבער האב איך קיין שטאף דאצו.

איהר ווייסט אז ב.... איז אקליין שטעדטעל, קיינע בעזאנדערע נייעס פאססירט אין איהר. איך אליין האב אויך ניט אזא בעשעפטיגונג אין וועלכע עס קענען וויכטיגע (זאגאר אונוויכטיגע) נייעס פארקומען.

וויא בענייטע איך דיא לייטע וואס קענען בעשרייבען יעדע קליי־

ניגקייט און זיינען אין שטאנד זאגאר דיא אונבעדייטענסטע זאכען אינטערעסאנט צו מאכען מיט זייער שרייבען.

מעגליך אז פאר דעם צווייטען בריעף וועל איך מעהר ווערטער אויסגעפונען דערווייל מוזט איהר זיך בעגנוגען מיט דיא געצעהלטע צייל‌ען.

גיט איבער מיין גרוס און מיין דאנק דער מאדאם בערגוואסטער און אייערע ליעבע קינדער.

איך בין גיוועזן און פערבלייב אויף אימער אייער גליק־ווינשענדער פריינד

בארים קורמאן.

40.

וועגען א הלואה.

ווערטער פריינד הער ס. גילדאן.

אייער בעשטענדיגע פריינדשאפט צו מיר גיט מיר דעם מוטה איך צו בעטען, איהר זאלט זא פריינדליך זיין און מיר הונדערט דאללער לייהען בלויז פיר איין מאנאט.

איהר ווייסט ליעבער פריינד דאס וועהרענד מען איז אין דער געשעפטס וועלט, קומען אן זאלכע מאמענטע אין וועלכע מען בעפינדעט זיך אין אזא פלאנטער, וואס מיט א קליינינקייט קאן מען זיך פון דעם אויספלאנטערען, אבער דיזע קליינינקייט, איז זעהער שווער צו געפינען.

ווען א גוטער פריינד קומט אין אזא קריטישען מאמענט צו הילף און דער לאנגט יענע קליינינקייט, קען מען דאס קיין מאל פערגעסען. מען בעטראכט דאס וויא דיא גרעסטע וואלטהאט,

מיט דיזער קליינינקייט פון הונדערט דאללאר קענט איהר מיך

יעצט רעכטען. אז איהר וועט פון דעם קיין שאדען האבען אויף דעם גיב איך אייך מיין עהרענווארט.

מיר שיינט אז איהר קענט מיך צו גוט, איהר האט נאך דערווייל גאטט זייא דאנק ניט געהערט איך זאל יעמאנדען ניט אבגעבען דאס וואס איהם קומט און איהר קענט זיכער זיין דאס אויך אין דער צוקונפט וועל איך אללע קרעפטע אנווענדען מיין גוטען נאמען ריין צו האלטען, ער זאל ניט פערשמוצט ווערען...

האפפענדיג אז איהר ווערטהער פריינד וועט מיין וואונש ערפילען פערבלייבע איך מיט דער גרעסטער אכטונג אייער פריינד
סימאן פליט.

41.

אנטווארט.

ווערטהער פריינד הערר סימאן פליט.

מיט דעם גרעסטען פערגעניגען ערפילע איך אייער ביטטע און שיק אייך מיט דיעזען בריעף אטשעק אויף הונדערט דאללער.

אייערע פערזיכערונגען אז איהר וועט מיר דאס געלד אבגעבען זיינען גענצליך איבעריג געוועזען. קען איך אייך דען ניט? וויים איך דען ניט אז איהר זייט איינער פון דיא עהרליכסטע מענשען?

עס טוהט מיר זעהער לייד וואס איהר בעפינדעט זיך וויא איהר האט זיך אויסגעדריקט „אין א פלאנטער" אבער צו דער זעלבער צייט פרעהט עס מיך וואס איך בין אין שטאנד אייך פון דיעזען פלאנטער ארויס צורייסען דורך אזא קלייניגקייט.

איך האף פון אייך צו הערען דאס אללע אונבעקוועמליכקייטען זיינען בעזייטיגט געווארען און איהר זייט אלל-רייט.

פיעלייכט קען איך אייך מיט עטוואס נאך בעהילפיג זיין, וועל איך דאס מיט פערגעניגען טאהן.

מִיט דֶעם בֶּעסְטֶען גְרוּס צוּ אַייךְ אוּן צוּ אַייעֶר וֶוערְטֶער פַאמִילְיֶע פֶערְבְּלַייבֶּע אִיךְ אַייעֶר פְרַיינְד.

ס. גִילְדָאן.

42.

אוֹיף אַנ׳אַנְדֶער אַרְט.

וֶוערְטְהֶער פְרַיינְד הֶערר סִימָאן פְלִיט.

מַיין פֶעדֶער אִיז צוּ שְׁוַואךְ אוֹיסְצוּדְרִיקֶען וִויא לַייד מִיר טוּהט וָואס אִיךְ קֶען אַייעֶר בִּיטְטֶע נִיט עֶרְפִיעלֶען.

הוּנְדֶערְט דָאלְלֶער אִיז צְוַואר אַ קְלֵיינִיגְקַייט. אָבֶּער בַּייא מִיר אִיז דָאס יֶעצְט זֶעהֶער אַגְרוֹיסֶע סוּמְמֶע אוּן מִיר אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ זִיא אָב צוּ רַייסֶען פַאר אַייךְ.

דֶענְקְט נִיט לִיעבֶּער פְרַיינְד אַז אִיךְ גֶעטְרוֹיא אַייךְ בֶּעהִיטֶע גָאטט נִיט. אִיהר וַוייסְט זֶעהֶער גוּט וִויא אִיךְ אַכְטֶע אוּן שֶׁעטְצֶע אַייעֶר עֶהְרְלִיכְקַייט אוּן אַייעֶר פִּינְקְטְלִיכְקַייט. אִיךְ בִּין אִימְמֶער בֶּערֵייט פַאר מַיינֶע פְרַיינְדֶע צוּ טָאהן אַלְלֶעס וָואס אִיךְ קֶען.

אוּן צוּ מַיין גְרָאסְסֶען פֶערְדְרוּס בִּין אִיךְ יֶעצְט זָא פֶערֶענְגְט אִין גֶעלְט דָאס בַּייא מַיין בֶּעסְטֶען ווִילְלֶען קֶען אִיךְ אַייעֶר וואוּנְשׁ נִיט עֶרְפִיעלֶען.

אִיךְ גְלוֹיבּ נִיט אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ עֶנְטְזַאג אַייךְ אַזַא זַאךְ, וֶועט אַייעֶר פְרַיינְדְשַׁאפְט צוּ מִיר אָבְּגֶעשְׁוַואכְט וֶוערֶען, אִיהר וֶועט פֶערְשְׁטֶעהֶען אַז אִיךְ הָאבּ אִין דֶעם קַיין שׁוּלְד.

הָאפְּפֶענְדִיג אַז אִיהר וֶועט שׁוֹין גֶעפִינֶען אַ מִיטְטֶעל וִויא אַזוֵי זִיךְ אוֹיס צוּ פְּלָאנְטֶערֶען פוּן אַייעֶר פֶערְלֶעגֶענְהַייט פֶערְבְּלַייבֶּע אִיךְ אַייעֶר בֶּעסְטֶער פְרַיינְד.

ס. גִילְדָאן.

48.

פון ס. גילדאן צו ס. פלים.

מיין ליעבער פריינד הערר ס. פלים.

מיט אמאנאט צוריק האט איהר מיך דורך אבריעף געבעטען איך זאל אייך הונדערט דאללער אויף איין מאנאט לייהען: איך האב זעלבסט פערשטענדליך זאפארט אייער ביטטע ערפילט וויא דיא שולדיגקייט פון אוואהרען פריינד.

דער מאנאט איז שוין איבערגעלאפען און אזוי וויא איך האב נאך מיינע הונדערט דאללער ניט ערהאלטען צוריק, בין איך געצוואונגען אייך וועגען דעם צו דערמאנען.

איך זאג דערמאנען ווייל ביא מיר איז קיין צווייפעל אז איהר האט ענטוועדער דיא גאנצע געשיכטע פערגעססען, אדער איהר גע־דענקט ניט אז איהר האט פערשפראכען אין אמאנאט ארום מיר דאס געלד אבצושיקען.

ווען איך זאל יעצט ניט זיין זא פערענגט, וואלט איך אייך גע־ווים דיא קליינע סומע יעצט ניט געמאנט, אבער אונערווארטעטע ערא‌יגניסע האבען מיך אין אקריטישע לאגע געבראכט און איך מוז אייך געגען מיין ווילען אן דעם קליינעם חוב דערמאנען.

וואס מאכט איהר אזוי ליעבער פריינד, וואס מאכט אייער ווערטהע פרויא און אייערע ליעבע קינדער?

גיט זיי איבער מיין הערצליכען גרוס.

האפפענדיג דאס איהר וועט זיך אויך געגען מיר צייגען אלס עהרענמאן, וויא איהר האט זיך אימער געצייגט געגען אנדערע פערבלייבע איך אייער אויפריכטיגער פריינד

ס. גילדאן.

44.

אין דרייא מאנאטען ארום.

ווערטהער הערר ס. פליט.

האב איך אנ׳אירטהום געהאט אין אייער ערהרליכקייט? אדער איהר אליין האט אין זיך זעלבסט דעם אירטהום געהאבט?

האט איהר מיר ניט פערזיכערט ביי אייער ערהרענווארט אז אין אמאנאט ארום וועט איהר מיר אבשיקען דיא הונדערט דאללערס וואס איך וועל אייך לייהען?

איהר זייט אקויפמאן און איהר ווייסט זעהער גוט וויא אנ׳־ערהרען ווארט פון אקויפמאן דארף זיין הייליג, ווייל אויף דיעזען ערהרענ־ווארט איז געגרינדעט זיין גאנצער צוקונפט.

איהר ווייסט זעהער גוט אז איך בין קיין פראצענטניק און אז איך האב אייך דיא הונדערט דאללערס געליהען, האב איך דאביי קיין פראפיט געזוכט, איך האב גאנץ איינפאך אייך געוואלט רעט־טען פון אפערלעגענהייט, אלזא פרעג איך אייך פאר וואס קומט דאס מיר איהר זאלט דיעזען חוב אזוי לאנג פערציהען?

איהר ווייסט אז איך בין קיין מיליאנער איך בין אויך אקויפמאן וואס ברויכט יעדען טאג האבען געלד און הונדערט דאללער האט ביי מיר אגרויסען ווערטה.

איך וויל ניט גלויבען אז איהר ווילט זיך בענוטצען מיט מיין גוט מוטהיגקייט מיין געלד אלס אייערס צו בעטראכטען.

איך וויל ניט גלויבען אז אזא מענש וויא איהר זייט וועט ביי זיך רעכט מאכען פאר מיין טובה מיר מיט ארעה צו בעצאהלען.

נייך דער הערר פליט איז איממער גיוועזן אנ׳ערליכער מאן און אזוי וועט ער בעשטענדיג פערבלייבען.

מיינע הונדערט דאללערס וועלען איהם ניט רייך מאכען און ער

וועט זיי מיר מיט דער צווייטער פאסט אבשיקען.

איך בין פעסט איבערצייגט אז איהר ליעבער הערר וועט מיר צייגען, אז איך האב אויך קיין אירטהום געהאט און אזוי וויא אללע מאל וועט אייער פריינד און פערעהרער פערבלייבען.

ס. גילדאן.

45.

אנטוואַרט.

מיין גוטער ווערטהער פריינד ס. גילדאן.

וויא דאנקבאר איך בין אייך דאפיר וואס אבוואהל איך האב אזא לאנגע צייט מיין ענטפערווארט ניט ערפילט, האט איהר דאך אין מיין עהרליכקייט ניט געצווייפעלט.

יא פריינד גילדאן! איך בין אויך יעצט דער זעלבער עהרליכער פלייט וויא פריהער, אבער אלס פראקטישער מענש ווייסט איהר אז די עהרליכקייט פון א מענשען הענגט ניט אב בלויז אן איהם, זאנדערען אן די קאפריזן פון דער צייט.

איהר ווייסט זעהער גוט דאס מען מעג די עהרליכסטע נאטור האבען איז מען דאך מאנכעס מאל געצוואונגען אונעהרליך צו זיין.

קען מען זיך דען העלפען ווען עס איז קיין געלד דא צו ענטפערען די בעלי חובות?

אזוי וויא מען קען ניט בעפריעדיגען דעם הונגעריגען מאגען ווען עס איז קיין ברויט ניטא, אזוי קען מען די עהרליכקייט ניט בעפריעדיגען ווען עס איז קיין געלד ניטא.

איך בין ניט פאר אייך געוואנט אין אזא קריטישע לאגע וואס איך קען מיך קיין ראטה געבען וואס צו טהאן.

געלד קומט מיר זעהער פיעל פון מיינע קאסטומער אבער אז זיי געבען מיר ניט, האב איך אויך ניט וואס צו געבען.

וויא ווייט איך ליידע פון דעם, דאס ווייס איין גאטט.

איך שווערע אייך דאס איך שעם מיך מיט אייך זיך צו בעגעגנען איך קען אייך גלייך אין געזיכט ניט קוקען, איך פיהל מיך געגען אייך זעהער זעהער זינדיג, אבער איך בין וויא איינער וואס טרינקט זיך, ער וויל נעבאך לעבען, ער זוכט חאטש א שטרויא אום זיך אן דעם אלם אן זיין לעבענסרעטטער אן צוכאפען, אבער זאגאר אזא שטרויא געפינט ער אויך ניט....

איך קען אייך בלויס פערזיכערען דאס דיא ערשטע געלד וואס מיר וועט אריינפאלען וועל איך אייך אריינשיקען.

גאטט זאל מיך איינהיטען פון צו פערנעמען פרעמד געלד און נאך דאס געלד פון אזא פריינד וויא איהר זייט.

איך האף אז איהר וועט נאך געדולדיג א שטיקעל צייט ווארטען און מיט גאטטעס הילף, איך וועל אייך אייער געלד מיט דעם הערצ־ליכסטען דאנק אבגעבען.

מיט אייערע פארווירפע שיט איהר בלויס זאלץ אויף מיינע וואונדען און זיך אליין קענט איהר דאמיט ניט בעססער מאכען.

ווארט ליעבער פריינד נאך א ביסעל און איהר וועט זיך איבער־צייגען אז אייער פריינדשאפט האט פערדינט אייער ערגעבענסטער

דאנקבארער

ס. פליט.

46.

אביטע צו ארייכען פריינד וועגען שטיטצע.

עדלער גוטער פריינד....

שוין לאנג אז איהר האט פון מיר ניט געהערט, שוין זעהער לאנג אז איך האב צו אייך ניט געשריעבען.

דיא אורזאכע פון מיין ניט שרייבען צו אייך וואר זעהער אנ׳איינ־

פאנגע, איך האב ניט געוואגט אייך צו בעלעסטיגען מיט מיין שרייבען, ווייל איך ווייס דאס אבוואהל מיר ווארען אימער דיא בעסטע פריינדע, אבער דער שיקזאל האט מיך צו טיעף ערניעדריגט, זא ערניעדריגט דאס איך האב פערלארען דעם מוטה אויפהויבען דיא אויגען ארויף....

יעדער מענש מוז פערשטעהען וואו ער איז אין דער וועלט ער דארף ניט קריכען אהין וואו ער וועט בעטראכט ווערען אלס אונגע־בעטענער גאסט און אזוי וויא איך פערשטעה מיין אייגענעם ווערטה וויל איך מיט מיינע בריעף ניט קריכען אהין וואו עס איז מעגליך אז זיי וועלען אונווילקאמען זיין.

אויך יעצט איז דער צוועק פון מיין בריעף צו אייך ניט אום צו צייגען אז איך בעטראכטע מיך אלס אייער גלייכען, א ניין! איך ווייס זעהער גוט אז איך בין ניט גלייך צו אייך, איך וואלט זעהער צו־פריעדען געווען זיין אייער א באדינטער א שקלאפע, איך וואלט ניט בלויס דאמיט צופריעדען גיווען, איך וואלט דאס אלס גרעסטע עהרע בעטראכט.

איך ווענדע מיך יעצט צו אייך אלס צו אמאן וועלכער האט מיר אמאל פערזיכערט אז ער ליעבט מיך, אז איך בין בייא איהם טהייער.
„אלטע ליעבע ראסטעט ניט" זאגט דיא וועלט און ווען זאגאר עס ווייסט אויס זיא איז שוין אין גאנצען פערלאשען גלימט נאך פון דעסט וועגען אונטער דעם אש א פונק און דיעזער פונק קען פיעל זעהער פיעל אויפטאהן.

אויב דיעזער פונק איז נאך אין אייער הערץ פערבליעבען האף איך אז איהר וועט ניט קאלטבלוטיג פערבלייבען צו מיר ווען איהר וועט ערהערען אז איך אייער אמאליגער פריינד בעפינדע מיך אין זעהער א ביטערע לאגע. אלאגע וואס קען א מענשען צו דער גרעסטער פערצווייפלונג ברענגען....

גאטט האט מיך געבענשט מיט א געטרייע פרויא און מיט זעהער ליעבענסווירדיגע קינדערלאך. ער האט אבער וויא עס ווייזט אויס פערגעססען מיר אנצוצייגען אקוועללע פון וועלכע איך זאל זיי אללע ערנעהרען.

איך וויל אייך ניט בעלעסטיגען מיט שילדערען פאר אייך מיין טרויעריגע לאגע מיט אללע איינצעלהייטען. איך וויל אייך בלויז זאגען אז „באו מים עד נפש" דאס וואססער איז שוין ביז צו דער זעעלע געקוממען און מיר אללע קעננען בעהיטע גאטט פערניכטעט ווערען אויס מאנגעל אין אללעם וואס אלעבענדיגער מענש האט נעטהיג.

אלזא איך ווענדע מיך צו אייך אלטער פריינד אלס צו דער איינ־ציגער הילפע וואס מיר איז נאך פערבליעבען. איך בעט אייך מיט טרערען: האט מיטלייד מיט מיר און מיט מיין ארמע פאמיליע. רעטטעט אונז פון גרעסטען אונגליק.

ענטוועדער ניט מיר א שטעללע בייא אייך אדער רעקאמענדירט מיך צו איינעם פון אייערע בעקאנטע ער זאל מיר א שטעללע געבען און אויב איהר קענט מיר דיא ביידע זאכען ניט טאהן, לייהט מיר אביסעל געלד איך זאל קעננען א שטיקעל געשעפט מאכען. גאטט זאל מיר אזוי העלפען וויא איך וועל אייך אייער גמלות חסד אומ־קעהרען מיט דעם גרעסטען דאנק בייא דער ערשטער מעגליכקייט.

דיא טרערען גיעססען זיך פון מיינע אויגען. איך קען מעהר ניט שרייבען און איך ענדיג מיין בריעף מיט דער האפנונג אז מיינע ווער־טער וועלען ניט זיין „כקול קורא במדבר" (וויא איינער וואס שרייט אין א וויסטע) און דורך אייך וועט געהאלפען ווערען אייער העכסט אונגליקליכער פריינד

מרדכי ראזענטהאל.

47.

א ביטע צו א פרעמדען רייכען וועגען שטיטצע.

עדלער וואהלטהעטיגער הערר!

אויב מיינע ווערטער וועלען אייער רוהיגע שטערען אדער זיי וועלען אייך צו לאסט פאלען זייט איהר אליין אין דעם שולדיג, דורך דיא פיעלע וואהלטהאטען וואס איהר טוהט מיט עלענדע נויט בעדערפ־טיגע פערזאנען דורך דעם וואס אייער גוטעס הערץ איז איבעראל בעריהמט געווארען, האב איך בעקומען דיא פרעכהייט אייך דיעזען בריעף אריינצושיקען.

מיין נאמען איז .... איך וואהן זייט מיין פריהעסטער יוגענד אין דער שטאדט פ.... איך בין געוועזען א קויפמאן און האב איממער עהרליך געהאנדעלט, אויף דעם וועלען עדות זאגען אללע איינ־וואהנער פון פ....

דער באנקראט פון איינינע פירמען האט מיך רואינירט און האט מיך אויך צו א באנקראט געבראכט.

איך מיט מיינע פרויא און מיינע פינף קינדערלאך זיינען פער־בליעבען אין אזא לאגע דאס מיר זיינען געצוואונגען איינפאך צו הונגערען.

דאס אליין איז פאר מיר ווייא עס שיינט ווייניג געוועזען, איז מיינע גוטע פרויא אויס גראסטע שמערצען געפעהרליך קראנק געווארען.

זיא מוז האבען א דאקטער, זיא מוז האבען מעדיצין, זיא מוז האבען עטוואס אום איהר קראנק הערץ צו ערקוויקען און אין שטוב בייא מיר איז גאנץ איינפאך קיין שטיקעל ברויט פאראן און קיין שטיקעל האלץ מיט וואס דעם קאלטען צימער וואו מיינע קראנקע פרויא ליגט צו ערווארמען.

אִין דִיעֶזֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער לַאגֶע הָאבּ אִיךְ קֵיין אַנְדֶער מִיטֶעל אוֹיסְ־געפוּנֶען וִויא נוּר זִיךְ צוּ אַייעֶר גוּט הֶערְץ צוּ וֶוענְדֶען.

גוּטֶער עֶדְלֶער מֶענְשׁ זַייט דָאךְ מַיין מַלְאַךְ הַגוֹאֵל, רַייכְט מִיר אַייעֶר רֶעטֶענְדֶע הַאנְד אוּן גָאטט וֶועט אַייךְ דֶערְפַאר בֶּעלָאהנֶען.

רֶעטֶעט אָ רֶעטֶעט דֶעם אוּנגְלִיקְלִיכֶען פֶערְצְווייפֶעלְטֶען.

א. פְרִיעדְמַאן.

48.

אַשַׁדְכָן צוּ אַמְחוּתָּן.

וֶוערְטְהֶער הֶערר!

בֶּעפָאר אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶרְקְלֶערֶען דֶעם צְוֶועק פוּן מַיין שְׁרַייבֶּען צוּ אַייךְ, מוּז אִיךְ מִיךְ זֶעלְבְּסְט פַאר אַייךְ פָארְשְׁטֶעלֶען.

מַיין נָאמֶען אִיז דָוִד טֵייכְנַאנְג, אִיךְ בִּין אוֹיס דֶער שְׁטָאדְט נ.... אוּן זַייט פִיעֶר יָאהר וָואהן אִיךְ אִין דֶער שְׁטָאדט ב....

אִיךְ הָאבּ אִין מַיין לֶעבֶּען פִיעלֶע פְּרָאפֶעסְיָאנֶען גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ מִיךְ צוּ פֶערְשִׁיעדֶענֶע גֶעשֶׁעפְטֶע גֶעכַאפְּט אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִין קֵיין זַאךְ קֵיין עֶרְפָאלְג גֶעהַאט.

צוּפֶעלִיג הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אֵיינֶעם אַשִׁדוּךְ צוּ רֵיידֶען אוּן גָאר אָהן מִיהֶע הָאט זִיךְ דֶער שִׁדוּךְ אוֹיסְגֶעפִיהְרְט.

אִיךְ בִּין קֵיין פַאנַאטִיק, קֵיין אַבֶּערְגְלוֹיבֶּער, אִיךְ וֵויים זֶעהֶער גוּט אַז דֶער שִׁדוּךְ אִיז אוֹיסְגֶעפִיהְרְט גֶעוָוארֶען אֵיינְפַאךְ דֶערְפַאר וָואס בֵּיידֶע צְדָדִים הָאבֶּען זִיךְ גֶעפַאסְט אֵיינֶס פַאר דֶעם אַנְדֶערֶען, אוּן דָאךְ אִיז מִיר אַרַיינְגֶעפַאלֶען דֶער גֶעדַאנְק אִיךְ זָאל אַשַׁדְכָן וֶוערֶען.

אִיז דָאס שַׁדְכָנוּת נִיט אַזַא עֶהְרְלִיכֶער פְּרָאפֶעסְיָאן וִויא אַלֶלֶע אַנְדֶערֶע?

וֶוען גָאטט וִויל קֶען מֶען פוּן דֶעם אוֹיךְ מַאכֶען אַלֶעבֶּען אוּן אִיךְ בִּין צוּ מַזָל אַשַׁדְכָן גֶעוָוארֶען.

איך האב קיין אירטהום געהאט פון יענער צייט האב איך שוין פיעלע שידוכים אויסגעפיהרט און גאטט זיי דאנק אויסער דעם וואס איך האב פערדינט פון זיי געלד זיינען מיר דיא מענער און דיא פרויען וועלכע זיינען דורך מיר פערבונדען געווארען, וויא אויך זייערע עלטערען, זעהער דאנקבאר פערבליעבען, ווייל איך פאנג ניט אן צו ריידען א שידוך ביז איך איבערצייג זיך אליין אז דאס איז א גלייכער פאסענדע פארטיע.

יעצט גלויב איך פערשטעהט איהר שוין אליין דעם צוועק פון מיין שרייבען צו אייך, איהר פערשטעהט געווים אז איך וויל פאר אייער שעהנע טאכטער א פארטיע פארשלאגען און איך צווייפעל ניט אז איהר וועט זאפארט פערשטעהן אז איך בין א שניידער נאך דער ריכטיגער מאס.

דער חתן איז א יונגער מאן פון אונגעפעהר 23 יאהר ער איז קיין מוסטער פון שעהנהייט אבער ער מאכט דעם בעסטען איינדרוק ער שטאמט פון זעהער א שעהנע פאמיליע זיין פראפעסיאן איז קאטעריא, ער איז א טיכטיגער קאטער און פערדינט ביז 25 דאללער דיא וואך.

ער זוכט ניט א כלה א קאקעטע, א היינט מאדישע פערפוצטע פריילין וואס זאל זאגאר ביא נאכט דעם קארסעט ניט אויסטאהן און זאל אימער אין זינען האבען פיקניקעס מיט בעללער.

ניין ער זוכט א בעל הבתיש קינד, וועלכער זאל זיין איינפאך, ערהרליך און א ווירטהען.

און אזוי וויא אייער טאכטער האט אין זיך דיעזע אללע מעלות שיינט מיר אז דיא וועט איהם געפעלען ווערען.

וועגען דעם חתן קענט איהר זיך לייכט ערקונדיגען, ער וואהנט אין .... שטראססע נומער ....

אויב איהר וועט זיך איבערציינגען אז דאס איז פאר אייער טאכ־

טער פאסטענד זאלט איהר אזוי פריינדליך זיין און מיר לאזען צו וויסען וואס שנעלער.

אייער אנטוואָרט ערווארטעט מיט אכטונג.

דוד טייכבאנג.

49.

פון א שדכן צו א חתן.

ווערטהער הערר גאלדסמיט.

עס איז זעהער מעגליך דאס איהר בעלאנגט צו דער קלאסע יונגע לייט וועלכע האלטען ניט פון דער אלטער מאדע: חתונה האבען דורך א שדכן. איך וויים אז דער גרעסטער טהייל פון דיא היינט מאדישע יונגע מענער שעמען זיך גאר דערמאנען דעם נאמען שדכן, זיי האבען זיך איינגעבילדעט אז עס איז א שאנדע פאר א יונגען מאן צו ווערען א ברויטיגאם דורך א זייטיגען מענשען און יעדער חתן מוז אליין אויסגעפינען זיין כלה און יעדעם מעדכען דארף אליין אויסזוכען איהר בעשערטען.

אבער מיין ליעבער הערר בעטראכט נור דעם געגענשטאנד גוט וועט איהר אליין צוגעבען אז דאס איז בלויס אנ'איינבילדונג.

ערשטענס גלויב איך אז איהר אליין האט זיך שוין אונצעהליגע מאל איבערציינט אז גראדע דער גרעסטער טהייל שידוכים וואו חתן כלה האבען געהייראטהעט אויס ליעבע, גראדע דיא שידוכים האבען קיין גוטע ענדע.

איך וועל אייך ניט זאגען אז אללע זאלכע שידוכים זיינען ניט ערפאלגרייך, און יעדער זאך איז דא אנ'אויסנאהמע.

צווייטענס שטעלט אייך צום ביישפיעל פאר איהר זייט אהן אבע־שעפטיגונג און איהר זוכט אירגענד וואו ארבייט אדער א שטעללע און יעמאנד קומט צו אייך און זאגט אז ער קען אייך אנציינגען אזא

שטעללע וואו איהר האט אנ'אויסזיכט גליקליך צו ווערען, ווען איהר זיך און דעם ניט אנבאפען? ווען איהר דען איהם ענטפערען: ניין איך מוז אליין פאר מיר א שטעללע אויסגעפינען.

דאס זעלבע איז מיט א פארטיע, איהר זוכט א כלה נאך אייער וואונש, אבער פארלויפיג האט איהר אזעלכע ניט געפונען און איך קום צו אייך און וויל אייך אנצייגען א מעדכען וואס וועט נאך איבערשטייגען אייערע ווינשע, נו? ווערט דאס זיין קלוג פון אייך ווען איהר ווערט מיר ענטפערען: ניין איך מוז אליין אויסגעפינען א כלה נאך מיין וואונש.

ווי זא ווייסט איהר אז דאס מעדכען וואס איך וועל אייך אנ־צייגען איז ניט נאך אייערע ווינשע?

איהר ווילט מיר פיעלייכט ניט גלויבען? דאס טוט איהר זעהער פערנינפטיג, אין אזעלכע זאכען גלויבט מען ניט אויף נאמנות איך פערלאנג גאר ניט פון אייך איהר זאלט מיר אזא זאך גלויבען, זעהט מיט אייערע אויגען, פארשט נאך, ערקונדיגט זיך וויא ווייט איהר קענט און אז איהר ווערט אויסגעפינען אז דאס איז פאר אייך ניט פאסענד, וועל איך אייך געוויס ניט צווינגען איהר זאלט געהען מיט דער מעדכען צו דער חופה.

אבער איך פערזיכערע אייך אז זיא ווערט אייך שטארק געפעלען. וויל נאך מיינע מיינונג איז זיא אנ'אנטיקעל.

איהר נאממען איז.... זיא איז צוואנציג יאהר אלט זעהער פיין געבילדעט מיט אללע שעהנסטע מעלות.

איהר פאטערס נאממען איז.... ער וואהנט....

אויב איהר ווילט וועל איך אייך נאך מארגען פאר איהר פאר־שטעלען און איך בין זיכער אז מיט איהרע פייערדיגע אויגען ווערט זיא אין אייער הערץ אנצינדען יענעם פייער וואס הייסט ,,ליעבע"

ערווארטענד אייער אנטווארט פערבלייבע איך אכטונגספאל
דוד טייבגאנג.

50.

אנטווארט.

ווערטהער הערר טייבגאנג.

איך האב אייער בריעף ערהאלטען און איך קען אייך פערזיכערען דאס איך בעלאנג ניט צו יענע דומקעפ וואס שעמען זיך צו היי־ראטהען א שעהן מעדכען דורך א שדכן.

איך מוז אייך זאגען אז איך בין זעהער צופריעדען מיט דער גע־לעגענהייט וואס איהר האט מיר יעצט געגעבען, צו האבען אפער־מיטלער אין אזא וויכטיגען געגענשטאנד.

וועגען דער פארטהיע וואס איהר האט מיר פארגעשלאגען, מוז איך אייך ווערטהער הערר זאגען, אז איך וועל מיך געוויס ניט בע־שליסען איין שריט אין דער זאך צו מאכען, בעפאר איך וועל ריכטיג וויסען דיא פאלגענדע פונקטען.

1) אויב דיא כלה איז ווירקליך שעהן.

2) אויב זיא האט דיא איינפאכע געמיטהיגע בילדונג וואס יעדער הויז פרויא מוז בעזיטצען, איך זוך ניט קיינע העכסט געבילדעטע, ערשטענס דארף נאך מיינע מיינונג א פרויא ניט צופיעל זיין אריינ־געטאהן אין ביכער צווייטענס דארף זיא מעהר אין זינען האבען איהר ווירטהשאפט, אלס הויכע בילדונג, אלזא

3) איז זיא א גוטע ווירטהין? קען זיא קאכען און נעהען?

4) האט זיא ניט שטארק ליעב דעם פוטץ?

5) פאנטאזירט זיא ניט וועגען א לוקסוספאלען לעבען, ווייל אזא זאך קען קיין מאן ניט גאראנטירען, דאס ווענדעט זיך אן דעם גליק. ווען איך וועל זיין רייך. וועל איך געוויס מיינע פרויא אלע פערגע־

נִיגֶען פֶערְשַׁאפֶען און אויב בֶּעהִיטֶע גָאטט איך וֶועל זַיין אָרֶם, זָאל זיא צופְרִיעדֶען זַיין מִיט דֶעם וָואס אִיהר מַאן פֶערְמֶעגְט.

6) שְׁטַאמְט זיא ווירְקְלִיךְ פוּן אַ שֶׁעהנֶע פַאמִילְיֶע?

7) אויב אִיהרֶע עֶלְטֶערֶען וֶועלֶען אִידר וֶועניגְסְטֶענְס גֶעבֶּען אַ שֶׁעהנֶע אויסְשְׁטַאטוּנג.

אויב אִיהר וֶועט מִיר פֶערְזִיכֶערֶען אַז דִיא אַלֶע זִיבֶּען פּוּנְקְטֶען שְׁטִימֶען רִיכְטִיג, וֶועל אִיךְ אָנְפַאנְגֶען וֶועגֶען דֶעם צוּ אַרְבֵּייטֶען.

אַכְטוּנְגְסְפָאל

ד. גָאלְדְסְמִיט.

גֶעווֶעהנְלִיכֶע פַאמִילְיֶענְבְּרִיעף.

51.

אַ פָאטֶער צוּ אַ זָאהְן אַ פֶערְשְׁוֶוענְדֶער.

מַיין לִיעבֶּער זָאהְן!

עֶס הָאט מִיךְ זֶעהר גֶעפְרֶעהט לֶעזֶענְדִיג אִין דַיין בְּרִיעף פוּן דֶען פִירְטֶען אַפְּרִיל אַז דוּא בִּיזְט גָאטט זַיי דַאנְק גֶעזוּנְד און אַז דַיין פְרֵיינְד־צִיפַאל אִיז מִיט דִיר שְׁטַארְק צוּ פְרִיעדֶען.

אָבֶער מַיין טְהַייעֶר קִינְד אַלְס דַיין פָאטֶער, דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל בֶּעטְרַאכְט אִיךְ מִיךְ פֶערְפְלִיכְטֶעט דִיךְ אויף זֶעהְר אַרויכְטִיגֶען גֶעגֶענְשְׁטַאנְד אויפְמֶערְקְזַאם צוּ מַאכֶען.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ אֵיינִיגֶע מָאל אִין מֵיינֶע בְּרִיעף גֶעפְרֶעגְט אויבּ דוּא הָאסְט שׁוין אָבְּגֶעשְׁפָּארְט אַ שְׁטִיקֶעל קַאפִּיטַאל און פוּן דֵיינֶע אַנְטְ־וָוארְטֶען פֶערְשְׁטֶעה אִיךְ אַז פוּן אַלֶע דֵיינֶע פֶערְדִיעְנְסְטֶע אִין דִיא גַאנְצֶע צְווֵיי יָאהר וָואס דוּא אַרְבֵּייסְט אויף דַיין שְׁטֶעלֶע הָאסְט דוּא נִיט אֵיין סֶענְט אָבְּגֶעשְׁפָּארְט.

פוּן אַנְדֶערֶע קְוָועלֶען הָאבּ אִיךְ עֶרְפַאהְרֶען אַז דוּא בִּיזְט נָאךְ

א בעל חוב, ווייל דוא האסט זעהער אנ'אפענע האנד. א דאללער שפיעלט ביא דיר קיין ראלע. קוים ווערסט דוא פערטיג מיט דיין ארבייט לויפסט דוא באלד אוועק מיט גוטע ברידער א לעב צו טאהן ווידר אפט זעהט מען דיך אין א קלוב טרינקענדיג מיט גוטע בריעדער גוטען וויין.

דוא קענסט זיך גאר ניט פארשטעלען מיין זאהן וויא דיזע נאכריכט האט מיך געקרענקט.

דוכט זיך וואס פאר א זינד איז דא. און אז מען פערברייננגט א ביסעל דיא צייט מיט גוטע בריעדער איז וואס?

אבער מיין ליעב קינד עס זיינען דא אונגעצעהלינגע זאכען וואס ווייזען אוים אין אונזערע אויגען וויא קלייניגקייטען און דאך פיהרען זיי צו דיא גרעסטע שרעקליכסטע אונגליקען.

„געה זיך קליידער נאך דיין מאס" איז דא א ווערטעל, דאס מיינט מען אז א מענש דארף לעבען נאך זיינע פערדיענסטע און ווען ער ערלויבט זיך איבער כאפען דיא מאס, אויסגעבען מעהר געלד אלם ער פערדינט דאן קען ער אין טיעפסטען אבגרונד שטירצען.

דער עהרליכסטער פיינסטער מענש קען אונגעהרליך ווערען ווען דער נויט לעגט זיך אוועק אויף זיינע שולטערען.

פון וואנען מיינסט דוא נעמען זיך אללע מערדער, רויבער און דיעבע. זיי זיינען קיינער געבארען געווארען מיט אזעלכע שלעכטע זיטען, אויך זייערע עלטערען האבען דאס זיי ניט געלערענט, ווייל דער ערגסטער פאטער וויל ניט זיין זאהן זאל זיין א רויבער.

זייער פערדארבענהייט האט זיך גענומען פון א קלייניגקייט. איינער צום ביישפיעל האט בעדארפט האבען אהלבען דאללער און ער האט איהם ניט געקענט בעקומען, האט ער אבער ענדליך געפונען א פריינד וואס האט איהם דאס קלייניגקייט געליהען און אזוי וויא ער האט ניט געהאט מיט וואס דעם קליינעם גמילות חסד

דעקען האט ער בייא זיך רעכט געמאכט דאס קיין מאל צו בעצאהלען. נאכהער האט ער געליהען בייא אנ'אנדערען א דאללער און איהם איז שוין לייכטער געווען דעם דאללער ניט אבצוגעבען. אזוי איז ער געווארען וואס ווייטער מעהר פערדארבען ביז ער האט אנגעפאנגען בייא זיך רעכט צו מאכען אויסנארען בייא יעמאנדען א ביסעל געלד. שפעטער האט ער אויך אנגעהויבען צו גנב'ענען נאכהער צו רויבען און פון רויב צו מארד איז בלויס איין קליינער טריט.

וואס טוהט צום בייספיעל א מאן וועלכער ארבייט בייא יענעם און פערדינט לאמיר זאגען פופציג דאללער א מאנאט, ווערענד ער ערלויבט זיך אויסצוגעבען זעכציג.

וואו נעמט ער דיא איבעריגע צעהען דאללער?

עס איז זעלבסט פערשטענדליך אז ער לייהט זיי בייא פרעמדע.

ער לייהט און לייהט. דיא חובות ווערען אלץ גרעסער. ער מוז אנקומען צו דיא פראצענטניקעס וועלכע נעמען בייא איהם צוויא מאל אזוי פיעל אלס זיי גיעבען איהם. זיי האבען זיינע וועקסעלאך דורך וועלכע זיי קענען איהם פערקלאגען.

ער מוז זיי בעצאהלען אום זיין נאמען ניט צו פערשמוטצען און דער נויט צווינגט איהם ער זאל, ווערען אונעהרליך געגען זיין פרינציפאל... מאנכעס מאל איז אזא מענש געצוואונגען צו מאכען פאלשע פאפיערען און דיא ענדע איז דאס ענטוועדער ער קומט אין געפענגעניס אריין אדער ער אנטלויפט אין עק וועלט.

דוא פערשטעהסט מיין זאהן צו וועלכע אונגליק א לעבען אהן א רעכענונג קען ברענגען?

איך בין זיכער אז דוא וועסט בעהיטע גאטט צו אזא אונגליק ניט קומען, אבער דאס וואס איך האב דיר דא געשריעבען מוזט דוא גוט אין זינען האבען.

לֶעבּ נָאךְ דֶער מָאס מַיין לִיעבֶּער זָאהן. אוּן וֶוען דוּא וֶועסְט נָאךְ קְלִיגֶער זַיין זָאלְסְט דוּא פֶערְלֶעבֶּען וֶועניגֶער אַלְס דוּא פֶערְדִינְסְט. קְלַייבּ בֶּעסֶער אַדָאלְלֶער צוּ אַדָאלְלֶער. אָ מַיין זָאהן דוּא וַוייסְט נָאךְ גָאר נִיט וָואס פַאר אַטְהַייעֶרֶער פְרַיינְד דֶער דָאלְלֶער אִיז. וִויא צוּ יֶעדֶער צַייט אוּן אִין יֶעדֶען פַאל קוּמְט עֶר צוּ נוּטְץ.

הָאפְּפֶענְדִיג אַז דוּא וֶועסְט מִיר גֶעהָארְכְזַאם זַיין פֶערְבְּלַייבֶּע אִיךְ דַיין גֶעטְרַייעֶר דִיךְ לִיעבֶּענְדֶער פָאטֶער.

שְׁמוּאֵל פֶעלְדְרַייז.

52.

אַפָאטֶער צוּ אַפְרֶעהלִיכֶע טָאכְטֶער...

מַיינֶע לִיעבֶּע גֶעטְרַייעֶ טָאכְטֶער...

וִויא אִיךְ זֶעה הָאסְט דוּא עֶנְטְוויעדֶער פֶערְגֶעסֶען אַז דוּא הָאסְט עֶלְטֶערֶען. אָדֶער דוּא פִיהלְסְט זִיךְ אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִיעדֶען צְווִישֶׁען דַיינֶע נַייעֶ פְרַיינְדֶע אוּן בֶּעקַענְטֶע דָאס דַיינֶע עֶלְטֶערֶען הָאבֶּען שׁוֹין בַּייא דִיר קַיין וֶוערְטָה.

מִיר אָבֶּער קֶענֶען נִיט פֶערְגֶעסֶען אַז דוּא בִּיזְט אוּנְזֶער טָאכְ־טֶער. מִיר קֶענֶען בַּייא זִיךְ נִיט רֶעכְט מַאכֶען דִיךְ פוּן אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער אוֹיסְצוּמֶעקֶען.

דוּא ווילְסְט אוּנְז נִיט שְׁרַייבֶּען, דוּא פוּילְסְט זִיךְ שִׁיקֶען אַבְּרִיעף צוּ דִיא לַייטֶע וָואס זַייעֶר בְּרוֹט פְלִיעסְט אִין דַיינֶע אָדֶערֶען.

אָבֶּער אָבְּוואהל דוּא שְׁרַייבְּסְט אוּנְז נִיט פוּן דֶעסְט וֶועגֶען וַוייסֶען מִיר וָואס דוּא טוּהסְט אוּן וִויא דוּא לֶעבְּסְט. מִיר וַוייסֶען אַלְלֶעס... אוּן אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער וֶוערֶען צוּבְּרָאכֶען צֶערְשְׁמֶעטֶערְט אוּן פֶערְבְּלוּטֶעט.

רַייזֶעלֶע! אַבֶּעגְלוּיבְּטֶער מֶענְשׁ, אוּנְזֶערֶער אַפְרַיינְד הָאט אוּנְז עֶרְצֶעהלְט, אַז מֶען זֶעהט דִיךְ בִּיז שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט אַרוּמְגֶעהְ־

דיג מיט יונגע לייט. מען בעגעגנט דיך זעהער אפט אויף בעלער מאסקעראדען און אויף פּיקניקעס.

איך וועל דיר ניט זאגען, אז עס איז אזינדע מיט א יונגען מאן ארומצוגעהען, אדער אז עס איז אנ׳אונרעכט געהען אויף א באלל און אין אנדערע פערגעניגענס פּלעטצער.

ניין מיין טאכטער, דוא קענסט מיך זעהער גוט, דוא ווייסט אז איך בין ניט קיין פאנאטיקער, איך בעלאנג ניט צוא יענע קלאססע מענשען וואס גלויבען אז א פרוים פראמען איז אימער אין שטוב און אז זיא טאר זיך ניט ערלויבען אויסצורײדען עטליכע ווערטער מיט א מאנספערזאן.

א פרויא האט אזוי דאס רעכט פערגעניגען צוא האבען פון דער וועלט וויא א מאן. זיא דארף ניט אנטלויפען פאר א מאנס-פערזאן וויא פאר א בלוטגיעריגע חיה. אבער זיא דארף זיין פיעל פארזיכטי-גער אלס א מאן אין איהר ארט לעבען און אין געזעלשאפט.

דיא נאטור האט דאך בעשאפען דיא פרויא אנדערש אלס דעם מאן דיא מענשהייט האט פון עוויג אן אנגענומען דעם רעגעל, אז א פרויא מוז טוגענדהאפט זיין און דיא פרויא וועלכע שטעהט בלויס אין פערדאכט אז זיא איז אונמאראליש, זיא ווערט פעראכטעט פון אללעמען און דיא עהרליכע געזעלשאפט וויל זיא אין איהר מיטע ניט אריינגעמען.

יעדע שעהנע מעדכען איז ארומגערינגעלט פון יונגע לייט.

צו אונזער גרויסען בעדויערען זיינען דער גרעסטער טהייל יונגע לייט שטארק פערדארבען אין דער הינזיכט. זיי האבען אין זינען שענדליכע זאכען, בייא זיי איז א לייכטע זאך פערשלעפען אנ׳אונ-פּראקטיש מעדכען אין אזא בלאטע פון וועלכע זיא קען זיך קיין מאל ארומוואשען...

דיא זעלבע יונגע לייט וועלכע פערשיטען אשעהן מעדכען מיט

קאמפלימענטע און פראקטירען זיא מיט שאמפאניער און מיט לאַ־קאמע שפייזען. דיא זעלבע פערמאכטען דאס זעלבע מעדכען וועלכע לאזט זיך פערשלעפען אין זייער נעטץ.

„געב דעם טייפעל איין האאר פון קאפ וועט ער דעם גאנצען קאפ אין זיינע הענד אריינגעמען" זאגט דיא וועלט און דאס איז זעהער ריכטיג. זאל זיך נור א מעדכען ערלויבען א יונגען מאן א שטארק פריינדליך געזיכט צו צייגען, זאל זיא איהם נור איין פינ־גער אנפערטרויען דאן וועט זיא אין גאנצען אין זיין נעטץ אריינ־פאלען.

און וועה, טויזענד מאל וועה איז דער מעדכען וועלכע איז שוין אין דער נעטץ פון א הערצלאזען יונגען מאן אריינגעפאלען.

איך דארף דיר מיין טאכטער ניט ערצעהלען וואס אזא מעדכען ערווארטעט. דאס אליין וואס דיא אומשטענדע קענען זיא ברענגען דאצו זיא זאל א מערדערין פון איהר איינען קינד ווערען, איז שוין גענוג אבצושרעקען א קלוגעס קינד זיא זאל פון דיא קאמפלימענטער מאכער אנטלויפען וויא פון א העלליש פייער.

וועלען מיינע ווערטער אויף דיר ווירקען רייזעלע?

אויב יא מאכסט דוא גליקליך, דוא וועסט נייבלעבען דיינע בעזארגטע עלטערען, בעזאנדערס מיך דיין געטרייען פאטער

יצחק פונק.

53.

פון א מוטער צו א טאכטער.

מיינע ליעבע זיסע טאכטער!

מיט דער גרעסטער פריידע האב איך דיין טהייערען בריעף ער־האלטען, אין וועלכען דוא שרייבסט מיר אז דוא מיט דיין ליעבען מאן און מיט דיינע טהייערע קינדערלאך זייט גאטט זיי דאנק געזונד

אין מוטטער. גאטט זאל מיך איממער מיט אזעלכע בריעף ערפרעהען

נאר אין זאך מיין שאכטער האסט דוא מיר געשריעבען וואס געפעלט מיר גאר ניט.

דוא שרייבסט אז דיין עלטערער יונגעלע יאנקעלע זאל לעבען איז א גרויסער שטיפער, ער האט ליעב צו קלעטערען אויף דעכער און זיך שלאגען מיט זיינע קאמעראדען אין גאס און דערפאר זשאלעוועט איהר ביידע, דוא מיט דיין מאן איהם קיין קלעפ ניט.

דאס האט מיך זעהער געערגערט.

ערשטענס בעטראכטע איך דאס אלס גרויסע דומהייט פון על־טערען, וואס זיי ווילען זייערע קליינע קינדער מאכען פאר שטילע טייבעלאך אדער צאנהאפטע שעפעלאך. דער מענש איז קיין טייבע־לע און קיין שעפעלע, דער מענש איז בעשאפפען געווארען ער זאל אין דער וועלט עפעס אויפטאהן און אין זיין לעבען קומען פאר פער־שיעדענע פעלע, וואו ער מוז צייגען קראפט, ער מוז זיך בענוטצען מיט זיינע הענד און איז אויך מאנכעס מאל געצוואונגען, צו קריכען אין געפעהרליכע ערטער און ווען ער זאל אין זיין קינדהייט ניט ענטוויקלען זיין קראפט, ווען ער זאל זיך ניט געוואהנען צו קריכען, שפרינגען און קלעטערען אין געפעהרליכע ערטער, וועט פון איהם אויסוואקסען א שוואכעס צאנהאפטעס וועזען און ער וועט שפעטער ציטטערען פאר זיין איגענעם שאטען.

קלוגע עלטערען דארפען אין געגענטהייל זייערע קינדער געוואה־נען צו קעמפפען און צו מאכען פערשיעדענע גומנאסטישע קונסט־שטיקע.

שטעל זיך פאר דיא לאגע פון א מענשען וועלכער פאלט אריין אין א געפעהרליך וואססער און ער קען ניט שווימען אדער דיא לא־גע פון א מענשען וועלכער בעפינדעט זיך אין א ברענענד הויז און ער מוז שפרינגען דורך א פענסטער, אדער איבערשפרינגען צו אנ־

אַנְדֶער דַאךְ. זָאלְכֶע לַייטֶע מוּזֶען אִין דֶעם אוּנְגְלִיק וואוּ זֵיי בֶּעפִינְדֶען זִיךְ פֶערְלָארֶען גֶעהֶען, וָוערֶענְד גוּטֶע שְׁווִימֶער אוּן גוּטֶע שְׁפְּרִינְגֶער קֶענֶען זִיךְ לַייכְט רֶעטְטֶען.

וָואס אָנְבֶּעלַאנְגְט וֶועגֶען דִיא קְלֶעפּ וָואס אִיהר זְשַאלֶעוֶועט נִיט אַייֶער יֶענְקֶעלֶען, מוּז אִיךְ אַייךְ זָאגֶען קִינְדֶערְלַאךְ אַז נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג אִיז דָאס דִיא גְרֶעסְטֶע אוּנְרֶעכְט פוּן עֶלְטֶערֶען וָואס זֵיי שְׁלָאגֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּם זֵיי צוּ פֶערְבֶּעסֶערֶען.

דוּרְךְ קְלֶעפּ מַאכְט מֶען אַ קִינְד בְּלוֹיז נֶערְוֶועז אוּן מֶען עֶרְוֶועקְט אִין אִיהם הַארְטְנֶעקִיגְקַייט. מִיט גוּטֶען קֶען מֶען דָאס עֶרְגְסְטֶע קִינְד אוֹיסְבֶּעסֶערֶען, וֶוען מֶען בֶּעהַאנְדֶעלְט אַ קִינְד גוּט ווִירְקְט אוֹיף אִיהם אֵיין שְׁטְרֶענְג וָוארְט פִיעל מֶעהר אַלְס הוּנְדֶערְט קְלֶעפּ.

אִיךְ הָאף אַז דוּא וֶועסְט פֶערְשְׁטֶעהֶען דָאס אִיךְ הָאבּ דִיר אַרִיכְטִיגֶען רַאטְה גֶעגֶעבֶּען אוּן וֶועסְט פָאלְגֶען דַיין גֶעטְרַייֶע מוּטֶער וָואס ווִינְשְׁט אִימְמֶער דִיר, דַיין מַאן אוּן דַיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ נוּר גְלִיק.

סָאנְיֶע.

צוּ אַפֶערְלִיעבְּטֶען זָאהְן.

54.

מַיין לִיעבֶּער יָאזֶעף!

אִיךְ מוּז דִיר זָאגֶען מַיין זָאהְן אַז נָאךְ קַיין מָאל הָאסְט דוּא מִיר פֶערְשַׁאפְט זָא פִיעלֶע שְׁמֶערְצֶען ווִיא מִיט דֶעם בְּרִיעף וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעסְטֶערֶען אַרַיינְגֶעשִׁיקְט.

דוּא שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּא בִּיזְט פֶערְלִיעבְּט אִין חַייקֶעל בּוּרְגְמַאנְס טָאכְטֶער אוּן אַז דוּא בִּיזְט בֶּעשְׁלָאסְסֶען זִיא צוּ הֵיירַאטְהֶען.

ווִיא אַדָאנֶער הָאט מִיךְ דִיעזֶע נַאכְרִיכְט גֶעטְרָאפֶען.

עֶרְשְׁטֶענְס ווֵייסְט דוּא זֶעהֶער גוּט דֶעם אוּנְטֶערְשִׁיעד פוּן דַיין פַאמִילְיֶע אוּן בּוּרְגְמַאנְס פַאמִילְיֶע. אִין דַיין פַאמִילְיֶע בֶּעפִינְדֶעט זִיךְ

גאסט די דאנק קיין שווינדלער און קיין בעטריגער, ווערענד איינינע בורגמאנס האבען אויפגערודערט פיעלע שטעדט מיט זייערע שלעכטע טהאטען.

דוא ווערסט מיר זאגען אז היינטיגע צייטען קוקט מען ניט אויף יחוס. אז דער גלייכער פערשטאנד צייגט אונז אז דער עהרליכער דארף ניט ליידען פאר דיא זינדע פון דעם אונעהרליכען. איך וועל דיר צו געבען אז דאס איז נאהר. אבער וואס קענען מיר העלפען ווען דיא מענשען פעראכטען דאך דיא פאמיליען אין וועלכע עס בעפינדען זיך שלעכטע מענשען. און וויא עהרליך א מענש זאל זיין שעמט ער זיך דאך אויסצוזאגען אז זיין ברודער אדער זיין אנקעל איז א גנב, ווייל דאס פערשמוטצט זיין נאמען און שאדעט זיין קרעדיט.

אויסער דעם וואלט איך דיר שוין אללעס צוגעגעבען ווען דאס מעדכען אליין זאל ווירקליך זיין אנ'אנטיק. עס טרעפט זעהער אפט אז א ברילליאנט ליגט אין בלאטע און קיינער שעמט זיך ניט איהם פון דארט ארויסצונעמען. אבער מיין ליעבער זאהן חייקעל בורג־מאנס טאכטער איז צוואר א שעהן מעדכען, דאך האט זיא ניט קיין גוטען נאמען...

„דיא ליעבע פערדעקט אללע פעהלער" זאגען דיא פאעטען און אבוואהל איך האלט ניט שטארק פון פאעטישע פראזען אבער גראדע דאס מוז איך זיי צוגעבען אז עס איז ריכטיג.

ווען א מענש איז פערליעבט ווייזען אללע פעהלער פון זיין גע־ליעבטע אין זיינע אויגען אויס אלס שעהנע מעלות. דיא פעהלער דערזעהט ער ערשט שפעטער, נאך דער חתונה, ווען דיא פייערינע ליעבע ווערט אבגעקיהלט און דאן איז שוין צו שפעט זיך צוריק צוציהען.

דוא האסט נאך יעצט צייט מיין זאהן זיך פון אונגליק צו פער־

הטען, האב מטליד מיט דיר אליין, פערלעש דיא ליעבעספלאמטען וואס ברענגען אין דיין הערצען מיט גוואלד און דאדורך וועסט דוא אויך רעטען דיין פאטערס שעהנעם נאמען. —

הערץ גרין.

55.

אנ׳אלטער פאטער צו א זאהן.

דוד׳ל מיין זאהן!

איך שרייב אויס דיא דרייא ווערטער „דוד׳ל מיין זאהן״ און טרע־רען גיעסען זיך פון מיינע אויגען.

וויא אפט פלעג איך דיעזע געצעהלטע ווערטער אויסריידען אלס דוא ביזט א קינד געוועזן און וואס פאר א נוארעמען אנטווארט איך האב אויף זיי ערהאלטען.

איך פלעג דיך נעמען אויף מיינע הענד און אנפרעסענד אייניגע הייסע קיסע אויף דיינע קינדערשע ליפעלאך פלעג איך מיט פא־טערליכע געפיהלע אויסריידען דיעזע ווערטער און דוא פלעגסט מיט דיינע קליינע הענטעלאך ארומנעמען מיין האלז, פלעגסט מיך אויך קושען און פון דיין מיילכעלע פלעגען זיך ארויסרייסען דיא קינדערשע ווערטער „פאפא, ליעבער פאפא״.

איך האב דאמאלס זיך קיין בעסער גליק געוואונשען וויא דיך צו זעהען גרויס, אויסגעוואכסען, איך זאל דיך פיהרען צו דער חופה און זאל נאכהער זוכה זיין צו זעהען און קושען דיינע קינדערלאך.

גאטט האט מיין וואונש ערפיעלט.

דוא ביזט אויסגעוואכסען, איך האב דיך חתונה געמאכט, דיין פרויא האט דיר געשענקט שעהנע ליעבע קינדערלאך אבער...

אי דער „אבער״ ווארום האט מיך גאטט אזוי געשטראפט איך

זאל דאס ווארט דארפען פון מיין קעניגער ארויסלאזען, נור עס העלפט ניט איך מוז איהם יעצט געבריוועען.

יא מיין זאהן אלעס איז ערפיעלט געווארען נאך מיין וואונש אבער איך הער שוין פון דיר יעצט ניט די ווערטער „פאפא מיין ליעבער פאפא“, איך פיהל ניט מעהר דעם געשמאקען קוש פון דיינע ליפפען. איך וואלט שוין צופריעדען געוועזן מיט פיעל בילינגערע זאכען, איך וואלט מיך גליקליך געשעצט ווען דו זאלסט זיך האטש איין מאל אין מאנאט דערמאנט אז דו האסט אן אלטען קראנקען ארמען פאטער.

געלויבט איז גאטט דיר געהט עס אהן עין הרע גוט. דו פערדיענסט געלד, האסט א געטרייע פאמיליע און האסט אויך א שעהנעם נאמען.

אבער ווארום דערמאנסט דו זיך ניט אז דיין אלטער פאטער איז עלענד און הילפלאז, אז ער איז שוין צו שוואך געלד צו פערדיענען און אז דיין שולדיגקייט איז דו זאלסט איהם שטיצען די עטליכע געצעהלטע יאהר וואס ער האט נאך צו לעבען.

דו ווייסט מיין זאהן אין וואס פאר א טרויעריגע לאגע דיין פאטער איז און דו מאכסט זיך ניט וויסענדיג...

פערגעס ניט דוד'ל אז דו וועסט אויך אמאל זיין אלט. הלואי זאל דיר גאטט געבען א בעסערען עלטער אלס ער האט מיר געגעבען. אבער א מענש דארף פיר אלעס פארבערייטעט זיין, דו דארפסט אמאל א קלער טאהן פיעליכט בעהיטע גאטט וועסט דו אויך בעדארפען אין די עלטערע יאהרען אנקומען צו קינדערס הילפע און זיך פארשטעלען וואס עס וועט חלילה זיין ווען דיינע קינדער וועלען זיך מאכען ניט וויסענדיג דיין ביטערע לאגע אזוי ווי דו טוהסט יעצט.

ענטשולדיג מיר דוד'ל אויף דעם וואס איך האב דיר אויף אזא

אנזאַנגענעהמע זאַך אויפמערקזאם געמאַכט. גלויב מיר אַז ניט איך זאָנדערן מיין נויט רעדט יעצט פון מיר.

ועט אויך דיעזער בריעף אויף דיר ניט ווירקען דאַן וועל איך דיך בעהיטע גאטט ניט פלוכען, איך וועל נור בעטען ביי גאטט, אַז דוא מיין זאָהן זאלסט ניט האבען אַזאַ ביטערע ענדע וויא דיין אונגליקליכער פאטער.

עזריאל.

ליעבע בריעף.

56.

אנמערקונגען אויף ליעבע.

ווערטהעס פריילין אַמאַליע גוטין.

איהר וועט זיך געוויס וואונדערן אַלס איהר וועט דיעזען בריעף ערהאַלטען. איהר וועט זיך זעלבסט פרעגען: וואס פאר געשעפטען האט מיט מיר דער הערר... וואס ער שרייבט מיר בריעף?

אַבער ווערטהעס פריילין עס גיעבען זאלכע מאמענטע אין דעם מענשענס לעבען, אין וועלכע ער איז וויא געצוואונגען אויסדריקען זיינע געפיהלע. זיין קאפף איז צו ענג זיינע געדאנקען אין זיך צו האַלטען און דאס הערץ קען פריי ניט אטהעמען ווען דיעזע געפיהלע ברויזען אין איהר.

אַזאַ מאמענט האב איך אויך ערלעבט.

דיא פיעלע פערגעניגען וואס איך האב גענאָסען איינגע מאל אין אייער געזעלשאפט, האט אין מיר ערוועקט אַזאַ דאנקבארקייט צו אייך, דאס מיט מונדליכע ווארטען קען איך זיי ניט אויסדריקען און איך האב זיך געמוזט באפען צו דער פעדער.

אַבער מערקווירדיג איז דאס, וואס אויך מיין פעדער ענטזאגט

זיך אויסצושרייבען זאנאר אמויזענד טהייל, פון דעם וואס איך פיהל יעצט און איך קען בלויס אויסשרייבען דיא געצעהלטע ווארטען: פריילין אמאליע איך בין אייך דאנקבאר פאר אייער פריינדשאפט און בלויס אין אייער געזעלשאפט פיהל איך מיך גליקליך.

איהר וועט געוויס אויף מיר ניט בייז זיין פאר דיעזע ווערטער איהר זאלט ניט פערגעססען אז איהר אליין האט מיר געגעבען דעם מוטה זא וואס צו שרייבען דורך דער פריינדשאפט וואס איהר האט מיר געצייגט יעדעם מאל ווען איך האב דיא עהרע געהאט זיך מיט אייך צו בעגעגנען.

ווילט איהר מיר ערלויבען אייך אימּמער „פריינדין" צו נענען?

אויב יא, שרייבט עס מיר אום הימּמעלס ווילּלען און מיין דאנקבארקייט צו אייך וועט צעהנפאך פערגרעססערט ווערען.

מיט דער גרעססטער אונגעדולד און מיט דער גרעססטער זעהנזוכט, ערווארטעט אייער אנטווארט.

אייער פריינד און פערעהרער,

יאנאס גינז.

57.

אנטווארט.

ווערטהער הערר גינז!

אייער בריעף האט מיך ווירקליך איבערראשט.

איך מוז אייך זאגען הערר גינז דאס איהר האט קיין אירטהום געהאט דאמיט וואס איהר בעטראכט מיך אלס אייער פריינדין, איך בין דאס ווירקליך און זא וויא איהר פינדעט פערגעניגען אין מיין געזעלשאפט, זא פינדע איך דאס בעסטע גרעסטע פערגעניגען אין אייער געזעלשאפט און מיך וועט זעהער פרעהען אייך אין אונזער הויז צו זעהען.

מיט דער זעלבער אונגעדולד וואס איהר ערוואַרטעט מײַן אַנט־וואָרט. ערוואַרטע איך אײַער בעזוך און מיט דער זיסער האָפנונג איך וואס שנעללער אין אונזער הויז צו זעהען פערבלײַבע איך
אײַער הערצליכע פריינדין.
אַמאַליע גוטין.

אויף אַנ'אַנדרע אַרט.

58.

ווערטהער הער גינז!

איך האב אײַער בריעף ערהאַלטען און האב איהם מיט דער גרעסטער נייגיערדע געלעזען.

איהר פערשאַפט מיר ערהרע דאַמיט וואס איהר זוכט מײַן פריינד־שאַפט און איך פון מײַנער זײַטע קען אײַך פערזיכערען, דאס איך וועל אימער אײַער פריינדין פערבלײַבען.

איך געפין פאר נעטהיג אײַך אויפמערקזאם צו מאַכען ווערטהער הער, דאס איך בין מיט פערגעניגען בערייט אײַער פריינדין צו זיין ניט דערפאר ווייל איך וויל מיט אײַך מאַכען אַנ'אויסנאַהמע... זאָנ־דערען גאַנץ אײַנפאַך, ווייל איך בין אַפריינדין פון אַללע ערהרליכע אַנשטענדיגע מענשען.

לויט אײַער פערלאַנג פערבלייבע איך אײַער פריינדין
אַמאַליע גוטין.

59.

ליעבעס־ערקלערונג.

ווערטהעס פריילין עליזע גאַטפריעד!

מיר איז קיין וואונדער וואס דער ערשטער מענש (אָדם הראשון) האט זיך זאָגאר אין גן עדן ניט געקענט פיהלען גליקליך, ביז ער

האט רערזעהן דיא שעהנע תורה און ערשט דאן האט ער אנגעפאנגען צו פערשטעהען דעם ווערטה פונ'ם לעבען.

וויא אייך איז בעקאנט האב איך דאס גליק צו זיין א נוצליכעס מיטגליעד אין דער מענשליכער געזעלשאפט. איך פערדין מיר אליין מיט עהרע אללעם וואס איך ברויך און איך בין אויך אין שטאנד מיט מיינע פערדינסטע אנדערע געליעבטע פערזאנען צו ערנעהרען.

און דאך האב איך ביז אהער ניט פערשטאנען דעם ווערטה פונ'ם לעבען. אבוואהל מיר פעהלט גאמט זייא דאנק קיינע פריינדע און פערוואנדטע. וואס אין זייער קרייז פערברענג איך איינגע פערגעניגענדע שטונדען פאסט יעדען טאג.

אבער זייט איך האב דאס גליק געהאט אייך צו זעהען, האב איך אנגעפאנגען צו פיהלען זא וואס איך האב זיך קיין מאל פאר־געשטעלט.

און דיא מינוטען וואס איך האב מיט אייך פערבראכט האב איך מיר געפיהלט וויא אין א שענערע בעססערע וועלט און איך האב ענדליך זיך געשטעלט דיא פראגע: איז ניט מעגליך איך זאל אימער זא פיהלען? קען איך ניט האפפען אז אללע מינוטען פון מיין לעבען זאלען מיר זא אנגענעהם זיין?

דיזע פראגע האב איך אנפאנגס זיך זעלבסט געשטעלט. יעצט שיק איך זיא צו אייך ווערטהעם פריילין.

איך ערווארט הענגט אב דאס גליק פון אייער פער־געשטערער.

סימאן בלינד.

60.

אנטווארט.

עדלער גוטער סימאן!

אידר זעהט? איך ערלויב זיך אייך צו רופען מיט דעם איינפא־

בען נאממען סימאן אהנע זאגאר דאס העפליכע ווארט „הערר" איהם צו צוגעבען.

דאס בעווייזט אייך אז איך בעטראכטע אייך ניט אלס פרעמדע הערדען און אז איהר פערנעמט אין מיין הערצען א פיעל גרעסערע און וויכטיגען פלאטץ אלס אגעוועהנליכער פריינד...

איהר האט אין אייער בריעף דערמאנט דאס גליק פון דעם ערשטען מענשען אלס ער האט זיין חוהן דערזעהען און איך וועל דערמאנען דאס גליק פון דער ערשטער פרויא חוה אלס זיא האט צום ערשטען מאל דיא ליעבעס־ערקלערונג פון איהר אדם ערהערט.

אויך זיא האט פון דעם אזוי פיעל פערגעניגען געהאט וויא איך לעזענדיג אייער זיססען בריעף פערזיכערע איך אייך אז זיא איז גע־וועזען פאלשטענדיג גליקליך.

מיר שיינט דאס איך האב דא גענוג און דייטליך גערעדט איך דארף אייך בלויס ענטפערען אויף אייער פראגע: אויב איהר קענט ניט האפפען אז אללע מינוטען פון אייער לעבען זאל אייך זא אנ־גענעהם זיין (וויא יענע מינוטען אין וועלכע איהר האט אין מיין גע־זעלשאפט פערבראכט) אויף דעם בלייבט מיר איבער אייך צו ענט־ווערען אז אויב איהר דענקט ווירקליך, אז מיט מיין געגענווארט קען איך אללע אייערע לעבענס מינוטען פערזיססען, בין איך בע־רייט אימער, ביז דיא ענדע פון מיין לעבען, געבען אייך צו זיין.

דאס זאג איך ניט בלויס אויס העפליכקייט, דאס זאג איך ניט געצוואונגען, זא ערנסט בין איך נאך קיין מאל געוועזען.

איך זאג דאס דערפאר וייל איך פיהל אז אין אייער צוקונפט און אין אייער גליק איז פערבונדען דער שיקזאל פון אייער עליזע.

61.

אויף אַנ׳אַנְדֶער אַרְט.

וֶוערְטהֶער הֶערר סִימָאן !

עֶס אִיז קַיין וואוּנְדֶער וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶענְשׁ (אָדָם הָרִאשׁוֹן) אִיז אִיבֶּערְרַאשְׁט גֶעוָוארֶען, דֶערְזֶעהֶענְדִיג דִיא שֶׁעהֶנֶע חַוָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֶעהֶער גְלִיקְלִיךְ גֶעפִיהלְט. אַלְס זִיא אִיז זַיינֶע לֶעבֶּענְס־בֶּעגְלֵייטֶערִין גֶעוָוארֶען.

פֶערְגֶעסְט נִיט אַז עֶרְשְׁטֶענְס אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען אִין גַן עֵדֶן אוּן קַיין אַנְדֶער זַאךְ ווִי אַשֶׁעהֶנֶע פְרוֹיא הָאט אִיהם גֶעפֶעהלְט. צְווֵייטֶענְס הָאט זִיא אִיהם גֶעמוּזְט גֶעפֶעלֶען אַזַייא ווִיא עֶר הָאט גֶעמוּזְט אִיהר גֶעפֶעלֶען, ווַייל קַיינֶע אַנְדֶערֶע מֶענֶער אוּן אַנְדֶערֶע פְרוֹיֶען אוֹיסֶער זֵיי זַיינֶען דַאן אִין דֶער וֶועלְט נִיט גֶעוֶועזֶען.

אָבֶּער אִיהר וֶוערְטהֶער הֶערר זַייט נִיט אִין אַ גַן עֵדֶן אוּן אוֹיסֶער מִיר, זַיינֶען דָא פִיעלֶע פִיעלֶע פְרוֹיֶען שֶׁעהנֶערֶע אַלְס אִיךְ אוּן אוֹיךְ בֶּעסֶערֶע, צְווִישֶׁען זֵיי קֶענְט אִיהר לַייכְט אוֹיסְגֶעפִינֶען אַזֶעלְכֶע, וֶועלְכֶע וֶועט אַייעֶר וֶוערְטֶה בֶּעסֶער פֶערְשְׁטֶעהֶען צוּ שֶׁעטְצֶען אַלְס אִיךְ,

וָואס עֶס אָנְבֶּעלַאנְגְט וֶוערְטהֶער הֶערר צוּ אַייעֶר פְרַאגֶע: אוֹיבּ אִיהר קֶענְט הָאפְּפֶען אַלֶע מִינוּטֶען פוּן אַייעֶר לֶעבֶּען זָא אַנְגֶענֶעהם צוּ פֶערְבְּרֵיינְגֶען אַלְס אִין יֶענֶע מִינוּטֶען וָואס אִיהר הָאט אִין מַיין גֶעזֶעלְשַׁאפְט פֶערְבְּרַאכְט! דִיעזֶע פְרַאגֶע בִּין אִיךְ גֶעצְווּאוּנְגֶען צוּ בֶּע־אַנְטְוָוארְטֶען מִיט אַהֶערְצְלִיכֶען זֶעגֶען: גָאטט זָאל אַייךְ צוּשִׁיקֶען אַזַא לֶעבֶּענְסְבֶּעגְלֵייטֶערִין וֶועלְכֶע זָאל אַייךְ אַלֶע מִינוּטֶען פוּן אַייעֶר לֶעבֶּען הָאנִיג זִיס מַאכֶען.

אוֹיבּ דִיעזֶער זֶעגֶען וֶועט עֶרְפִיעלְט וֶוערֶען וֶועט זִיךְ הֶערְצְלִיךְ פְרֶעהֶען אַייעֶר פְרֵיינְדִין.

עֶלִיזֶע גָאטְפְרִיעד.

62.

ליעבעס־ערקלערונג.

ווערטהעס פריילין!..

איך מוז זיך זעלבסט יעצט פערגלייכען צו א פייערשפייענדען בארג.

געוויס ווייסט איהר דיא נאטור פון אזא בארג, ער איז א שטילער בארג, בעוואכסען מיט לויבבריינע בוימען, מיט פערשיעדענע בלומען און בעדעקט מיט וייכע שעהנע גרינע גראז.

קיינער בעמערקט גאר ניט אז אין איהם ברענט א העליש פייער, א פייער וואס מוז אויספלאמצען אין שרעקליכע פלאמען.

אללע מיינע פריינדע בעוואונדערן מיך וואס איך בין אין דער לעצטער צייט אזוי שטיל אזוי רוהיג און בעוידר זאגאר א פליעג אויף דער וואנד ניט.

אויך איהר ווערטהעס פריילין האט זיך איינע מאל אויסגעדריקט: דאס אזא רוהיגען שטילען יונגען מאן וויא איך בין האט איהר נאך ניט געזעהן.

קיינער ווייס, קיינער האט בעמערקט דאס אונטער מיין שטילקייט ליגט אוואולקאנישעס פייער, דארט לאדערען שרעקליכע פלאממען.

איך אליין האב געפיהלט דאס ווען איך וועל דאס פייער נאך לאנג אין זיך האלטען, ווען איך וועל יענע פערבארגענע פלאממען ניט ארויסגעבען פון זיך וועל איך געוויס פערניכטעט ווערען.

דארום עפען איך יעצט מיין הערץ דאס מעכטיגע פערוויסטענדע פייער זאל ארויספלאממען.

דארף איך אייך ערקלערען וואס איך מיין מיט דיעזע ווארטען?

פערשטעהט איהר זעלבסט ניט אז דיא פלאממען וועלכע איך האב דא דערמאנט זיינען קיינע אנדערע וויא ליעבעספלאממען?

און דיעזע פלאממען האט איהר ווערטהעס פריילין אין מיר אנגעצונדען ...

אבער איך וועל יעצט אויפהערען צו שרייבען פאעטישע פראזען און וועל ריידען מיט אייך גאנץ דייטליך: איך וועל ניט איבערטרייבען ווען איך וועל אייך זאגען אז מיין זעעלע מיין לעבען איז פערבונדען אין אייך, איך פיהל אז אהן אייך וועל איך אין גרעסטע רייכטהום קיין גליק פינדען.

אלזא פערשטעהט איהר אז אין אייערע הענד ליגט יעצט מיין שיקזאל, ריכטיגער געזאגט מיין גאנץ לעבען. איהר זייט יעצט מיין ריכטער און איהר האט צו ענטשיידען אויב איך זאל גליקליך אדער אונגליקליך זיין.

און אויף דיעזען אורטהייל ווארט מיט דער גרעסטער אונגעדולד

אייער היים און אויפריכטיג ליעבענדער

איזיק ליפשיטץ.

63.

אויף אנ'אנדער ארט.

עדלעס פריילין!..

דיא וועלט זאגט א ווערטעל: אז ריידען איז זילבער און שווייגען איז גאלד, איך האב געגלויבט אז עס איז ווירקליך אזוי. איך האב געדענקט דאס בלויס מיט מיין שווייגען וועל איך אייך צו פערשטעהן געבען וואס פאר א ווערטה איהר האט ביי מיר און איהר וועט מיר געבען דיא געלעגענהייט גאר אהן מיהע מיין ציעל צו עררייכען אבער זעהענדיג אז פון אונזער ביידענס שווייגען וועט קיין גאלד ארויסקומען. האב איך מיך בעשלאססען ענדליך צו ריידען, עס איז זעהער מעגליך אז דורך דעם ריידען וועל איך ערגער מאכען און איך וועל ערפאהרען. אז אללע מיינע האפנונגען וועלען וויא

מִיט דֶעם רוּיִךְ פֶערְשְׁווִינְדֶען, אָבֶּער דִיא גֶעווִיסְהַייט אִיז פִיעל בֶּעסְסֶער אַלְס דִיא אוּנְגֶעווִיסְהַייט...

עֶדְלֶעס פְרֵיילֵיין! אִיהר קֶענְט מִיךְ זֶעהֶער גוּט. אִיהר וֶוייסְט אוֹיךְ מַיין בִּיזְנֶעס לַאגֶע.

אִיהר וֶוייסְט דָאס אִיךְ בִּין אַ מֶענְשׁ מִיט אַ וַוייכֶען כַּארַאקְטֶער, אִיךְ בֶּעהַאנְדֶעל יֶעדֶען מֶענְשׁ גוּטְמוּטְהִיג אוּן פוּן דֶעם קֶענְט אִיהר לַייכְט פֶערְשְׁטֶעהֶען וִויא אִיךְ וֶועל בֶּעהַאנְדְלֶען דִיא פְרוֹיא וֶועלְכֶע אִיךְ לִיעבֶּע מִיט דֶעם גַאנְצֶען פַייעֶר פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער רֵיינֶער לִיעבֶּע.

אִיךְ בִּין צְוַואר נִיט גֶעבֶּענְשְׁט גֶעוָוארֶען מִיט רַייכְטְהוּם. אָבֶּער אַז אַיינֶע פְרוֹיא וֶועט פַאר מִיר לֶעבֶּען אַנְשְׁטֶענְדִיג, אַז אִיהר וֶועט קַיין זַאךְ פֶעהלֶען דָאס דַארְף אִיךְ אַייךְ נִיט עֶרְצֶעהלֶען.

אַלְזָא ווילְט אִיהר אִין מַיין בֶּעגְלֵייטוּנְג דֶעם לֶעבֶּענְסְבְּרִיק אִיבֶּער־גֶעהֶען? ווילְט אִיהר זִיךְ אָנְפֶערְטְרוֹיעֶן אִין מַיין שׁוּטְץ?

אִיךְ שְׁוֶוערֶע אַייךְ דָאס מַיין אַיינְצִיגֶער וואוּנְשׁ וֶועט נוּר זַיין אַייךְ גְלִיקְלִיךְ צוּ מַאכֶען.

אוּן אִיהר וֶוערְטְהֶעס פְרֵיילֵיין קֶענְט מִיךְ בֶּעגְלִיקֶען בְּלוֹיז מִיט דִיא פָּאאַר גֶעצֶעהלְטֶע וָוארְטֶען „אִיךְ בִּין דַיינֶע".

מַיין פֶעדֶער אִיז נִיט אִין שְׁטַאנְד אוֹיסְצוּשְׁרַייבֶּען וִויא אִיךְ עֶרְוַוארְ־טֶע דִיעזֶע גֶעצֶעהלְטֶע וָוארְטֶען צוּ זֶעהֶען גֶעשְׁרִיעבֶּען מִיט אַייעֶר הַאנְד.

בֶּעגְלִיקְט פְרֵיילֵיין... אַייעֶר הֵייסְלִיעבֶּענְדֶען

דָוִד פִישְׁמַאן.

64.

אַנ'אַלְמָן צוּ אַנ'אַלְמָנָה.

וֶוערְטְהֶע מַאדַאם...

אִיךְ בֶּעטְרַאכְט אַלְס אִיבֶּעריג זִיךְ פַאנ'אַנְדֶערְנִיעסֶען אִין פָּאעֶזִיע אוּן אַייךְ מַאכֶען אַ לִיעבֶּעס־עֶרְקְלֶערוּנְג דוּרךְ הוֹיכֶע פָּאעֶטִישֶׁע פְרַא־

וען, דיא ערשטע פערזאָדע אין וועלכע דיא ליעבע ווערט פארגע־שטעלט מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג איז ביי אונז ביידען פאראיבערגעגאנגען. מיר בעפינדען זיך ביידע אין אזא לאגע. וואס יעדער פון אונז בעדארף נאטהווענדיג דיא הילפע פון אנאַנדערען פריינד, אנ'אייגענעם מענשען, וועלכער זאל זיך אינטערעסירען פאר דעם אנדער'ן וויא פאר זיך זעלבסט.

דעם נאטהווענדיגען מיטהעלפער וועלכער קען מיר מיין צוקונפט פערזיכערען, געפין איך אין אייך מאדאם קאנענדיג אייער גוטען כאראקטער אייער ערדליכקייט און אייער ליעבענסווירדיגקייט, בין איך זיכער אז איך וועל אין אייך געפינען דאס גליק וואס איך זוך און אזוי וויא איהר קענט אויך מיין כאראקטער און מיין שטאנד וועט איהר אהנע צווייפעל פערשטעהען דאס אויך איהר וועט אין מיר געפינען דעם ריכטיגען בעשיטצער וואס אייך פעהלט.

איך מאך אייך דערפאר דעם פארשלאג מיר זאלען זיך פיר אימער אונד עוויג פערבינדען און איך האף אז איהר וועט מיט פריידע דיעזען פארשלאג אננעהמען, מיט דער ריכטיגער איבערצייגונג אז איך וועל אימער זארגען פאר אייך און וועל אייך פערבלייבען געטריי ביז מיין לעצטען לעבענסטאג וועט איהר שענקען אייער הערץ און אייער האנד אייער גרעסטען פערעהרער

משה לימון.

65.

אויף אנ'אנדער ארט.

עדלע ווערטהע מאדאם!

איך מוז צו געבען, אז דער גרויזאמער טויט האט אייך אשרעקליכען קלאפ דערלאנגט, דאמיט וואס ער האט אייער עדלען בראַ־

ווען מאן פון אייך אבגעריסען, אבער ווערטהע מאדאם איך גלויב דאס אזא קלוגע פרויא וויא איהר זייט פערשטעהט זעהער גוט דאס דיא פערלארענע זאך וועלכע מען קען פאר קיין פאל ניט צוריק גע־פינען מוז מען פערגעססען און אזוי וויא פאר א פרויא איז זעהער שווער אליין אהן א בעשיטצער צו לעבען איז אייער שולדיגקייט אייערע שעהנע אויגען צו ריכטען צו אן׳אנדער מאן וועלכער וועט אין שטאנדע זיין אייערע וואונדע צו פערהיילען און אייך צוריק גליקליך מאכען.

אויב איהר זייט גענייגט דאס צו טאהן דארפט איהר וייט ניט זוכען. איך וואגע מיך פאר אייך פארצושטעלען אלס דער יעניגער וועלכער איז בערייט מיט דער גרעסטער פריידע אייך אונטער זיין שוטץ צו נעמען.

איהר קענט מיינע פערהעלטניססע, אייך איז גוט בעקאנט מיין לאגע און איהר ווייסט דאס איך בין אין שטאנד א פרויא גליקליך צו מאכען. איהר ווייסט וויא מיין זעליגע פרויא האט פאר מיר געלעבט קיינער האט נימאלס פון איהר געהערט דיא מינדעסטע קלאגע אויף איהר שיקזאל, איך מוז איינגעשטעהען דאס איך האב זיא הערצליך געליעבט און איהר טויט וואר פאר מיר דער גרעסטער פערלוסט, אבער וויסענדיג דאס איך האב זיא פיר איממער פערלארען, פיהל איך דאס מיינע ליעבע צו איהר וועט צו אייך איבערגעהען מיט א דאפפעלטער קראפט.

ווילט איהר ווערטהע מאדאם מיין לעבענס בעגלייטערין זיין?

ענטפערט יא און איהר וועט נייא בעלעבען אייער וואהרען פערעהרער אונד בעוואונדערער

שמואל ראזענפעלד.

66.

אויף אַנ'אַנדער אַרט.

װערטהע פרויא!....

אמאן פון אייער שטאדט האט אייער פערזאן פאר מיר פאר־געשטעלט אין זאלכע שעהנע פארבען, דאס אין מיר האט זיך ערװעקט דער װאונש מיט אייך פערזענליך בעקאנט צו װערען און איך גלויב, דאס דיעזע בעקאנטשאפט װעט אונז ביידע פיהרען צו דער העכסטער פריינדשאפט....

װיסענדיג דאס מיין פערזאן און מיין נאמען איז אייך גאנץ אונבעקאנט, געפין איך פאר נעטהיג זיך זעלבסט פאר אייך פאר־צושטעלען.

מיין נאמען איז ד. ג. איך בין פירציג יאהר אלט, אמאל האבען שעהנע מעדכענס זיך אין מיר געליעבט דאס איז א בעװייז אז איך בין ניט העסליך, איך האב אטוך געשעפט אין מיין גע־בורטסשטאדט פ.... און גאטט זייא דאנק איך האב ביז אהער קיין אורזאכע געהאט זיך אויף שלעכטע געשעפטע צו בעקלאגען און איך האף דאס אויך װייטער װעט מיין געשעפט מיר געבען אללעס װאס איך ברויך.

מיינע פרויא װעלכע איז מיט צװייא יאהר צוריק געשטארבען, האט מיר איבערגעלאזט צװייא קינדער איונגע פון צעהן יאהר און א מעדכען פון זעכס יאהר אללע װאס קענען זיי זאגען אז זיי ביידע זיינען װאהרע ענגלען.

צוליעב דיעזע צװייא ענגלען זוך איך אזא פרויא װעלכע זאל אין שטאנד זיין דיא שטעללע פון אריכטיגע מוטער צו בעטרעטען און לויט איך האב װעגען אייך געהערט פערשטעה איך אז איהר זייט דיא ריכטיגע פערזאן װאס איך זוכע.

ווילט איהר מיינע גליקליכע פרויא ווערען, ווילט איהר בייא מיינע קינדער דיא שטעלע פון א מוטער בעטרעטען?

אויב איהר וועט זיך דאצו בעשליסען קען איך איך פון מיינער זייט פערזיכערען דאס איהר וועט אין מיר געפינען דעם ריכטיגען לעבענס בעגלייטער וואס וועט אייך מיט זיין לעבען שטיצען אין מיינע קינדערלאך וועט איהר געפינען צוויא ליבענדע דאנקבארע קינדער וואס וועלען אייך וויא זייער מוטער בעטראכטען.

איהר קענט וועגען מיר פרעגען וועמען איהר ווילט פון מיינע שטאדטלייטע און איך בין זיכער דאס איהר וועט בלויס גוטעס הערען וועגען אייער פערעהרער אונבעקאנטע ווייזע

דוד גאלדבערג.

67.

אנטווארט אויף דעם ערשטען בריעף.

ווערטהער הערר ר. ש.

איהר האט זעהער גליך געטאהן דאמיט וואס איהר האט אויס־געמיידעט דיא פאעזיע וואס א ליעבעס בריעף פארדערט, זאלכע לייטע וויא מירביידע זיינען דארפען זיין מעהר רעאליסטיש אלס פאנטאסטיש. מיר זיינען שוין קיינע יונגע קינדער מעהר און יעדער פון אונז דארף קוקען אויף דעם לעבען מיט ריינע קלארע בליקען....

איהר האט ריכטיג געזאגט אז אין אזא לאגע וויא מיר ביידע בעפינדען זיך, דארף יעדער פון אונז נאטהווענדיג האבען א מיט־העלפער, א וואהרען פריינד מיט וועלכען ער זאל קענען טהיילען פרייד און בעהיטע גאטט לייד.

איהר זאגט דאס איהר האט אין מיר געפונען דעם נאטהווענ־דיגען מיטהעלפער וועלכער קען אייך אייער לעבען אין דער צו־קונפט פערזיססען, איך פערזיכערע אייך אז איהר האט קיין אי־

טרוים , קענענדיג אייער פיינעם כאראקטער און אייער גוטעס הערץ בין איך מעהר וויא זיכער אז דיא פרויא וועלכע וועט דאס גליק האבען מיט אייך זיך צו פערבינדען, וועט אייך מוזען אכטען און ליעבען, איך בין איבערצייגט אז איהר וועט ניט בערייהען דאמיט וואס איהר וועט מיך פאר אייער לעבענס בעגלייטערין מאכען.

מיט הערצליכער פריידע נעם איך אייער פארשלאג אן, מיין האנד איז שוין אויסגעשטרעקט פאר אייך.

עמפפאנג זיא ליעבער פריינד און מאכט דאמיט גליקליך אייער ברויט

שרה קאמין.

68.

אויף אנ'אנדער ארט.

ווערטהער הערר!

איך פיעל מיך געשמייכעלט מיט דער עהרע וואס איהר האט מיר צו געטהיילט. מאכענדיג דעם פארשלאג איך זאל אייער לעבענס בעגלייטערין ווערען, פאר דיעזע עהרע דאנק איך אייך הערצליך, אבער ליעבער פריינד נאך האבען זיך ניט פערהיילט דיא בלוטיגע וואונדען וואס דער מערדערישער טויט האט אין מיין הערץ געמאכט דורך דעם וואס ער האט מיין ליעבען מאן פון מיר אבגעריססען.

ניין! איך קען מיך ניט בעשליססען זא שנעל טרויסט צו זוכען אין דעם שוטץ פון אנ'אנדער מאן.

מיר בלייבט איבער אייך צו ווינשען איהר זאלט אייער גליק געפינען ביי אנ'אנדערע פרויא, וועלכע וועט געוויס פערשטעהען אייער ווערטה זא גוט וויא איך און זיא וועט אייך א גליקליכען צוקונפט פערשאפפען.

ענטשולדיגט ווערטהער העדר וואס איך נעם אייער פארשלאג ניט אן, איך קען אייך אבער פערזיכערען דאס איך וועל אימער אייער וואהרע פריינדין פערבלייבען.

און אלס אייער וואהרע פריינדין צייכנע איך מיך אונטער

שרה קאטץ.

69.

אנטוואָרט אויף דעם דריטען בריעף.

ווערטהער העדר!

עס איז זעלבסט פערשטענדליך דאס איך האב פערגעניגען געהאט צו לעזען אין אייער בריעף דאס מען האט מיך פאר אייך אבגעמאלט אין דיא שענסטע פארבען, איך בין אויך צופריעדען אייער פערזענליכע בעקאנטשאפט צו מאכען.

איך מוז אייך אויך א קאמפלימענט מאכען ווערטהער העדר, דאס דיא איינענע לייטע וועלכע איך האב געפרעגט וועגען אייך האבען זיך זעהער גוט אויסגעשפראכען וועגען אייער כאראקטער און וועגען אייער עהרליכקייט.

איך קען א געטרייע פרויא זיין? איך פיהל מיך אויך פאלשטענדיג פעהיג בייא צווייא גוטע פערנויזטע קינדער דיא שטעלע פון א צערטליכע מוטער צו בעטרעטען און דארום וואלט איך זעהער צופריעדען געווען מיט אייך בעקאנט צו ווערען.

עס איז זעהער מעגליך דאס אונזער בעקאנטשאפט וועט אונז פיהרען וויא איהר האט זיך אויסגעדריקט צו דער העכסטע פריינדשאפט....

שרייבט מיר געפעלינסט ווען איך זאל אייך ערווארטען, מיר וועט זעהער אנגענעהם זיין אייך אין מיין הויז צו זעהען.

מיט האכאכטונג

עמיל גארדאן.

70.

פון אכלה צו אחתן.

מיין טהייערער הערצענס געליעבטער נאטהאן!

מיין הערץ איז אזוי פול דאס איך וואלט וועלען בעזיטצען מוזיק, קונסט אין שפראכע אום דורך זיי מיינע געפיהלע אויס־צודריקען.

דוא ביזט דוכט זיך ניט לאנג פון מיר אוועקגעגאנגען און דאך פעהלסט דוא מיר, עס ציהט מיך צו דיר, איך וויל דיך אבערמאלס זעהען. אבערמאלס אריינקוקען אין דיינע ליבליגע אויגען און ווי־דער אמאל הערען דעם זיסען קלאנג פון דיין קלינגענדע ערקווי־קענדע שטיממע.

ווען דוא ביזט נעבען מיר ווייזט מיר אויס אז אלעס ווערט ארום מיר אנדערש, דער געדאנק דאס איך אטהמע דיא זעלבע לופט וואס דוא, מאכט דער וועלט טויזענד מאל שעהנער אלס זיא איז, דיא ווענד פון דעם צימער וואו דוא זיצט ווייזען אין מיינע אויגען אויס וויא דיא ווענטלאך פון א שראנק אין וועלכען דער טהייערסטער שאטץ בעפינדעט זיך. וואס פאר א מאגנעטישע קראפט עס האט פאר מיר דער שפיגעל אין וועלכען דוא האסט געקוקט, יעדער גע־דאנק וועגען דיר מאכט מיר זא פיעלע פערגעניגען דאס מאנכעס מאל גיעסען זיך בייא זאלכע געדאנקען פריידענטרערען פון מיינע אויגען.

ניט אומזאנסט איז דיא ליעבע זא פיעל מאל בעזונגען געווארען. ניט אומזאנסט ניט מען איהר אב דעם שעהנסטען פלאטץ אין פאעזי און אין פראזא, דער מענש וועלכער פיהלט וויא איך דער וואונדערט זיך ניט אויף דיעזער גרויסער עהרע וואס מען טהיילט דער ליעבע צו, זיא האט נאך פיעל מעהר פערדיענט. פיעל מעהר.

איך האב יעצט אויסגעדריקט א טויזענד טהייל פון דעם וואס איך פיהל.

מיר ווילט זיך נאך ריידען, נאך שרייבען אבער דיין זאנפטעס געזיכט שוועבט פאר מיינע אויגען און צווינגט מיך דיא פעדער פון דער האנד ארויסצולאזען, איך וויל מיך ליעבערסט פערזינקען אין דיא זיססע געדאנקען וועגען דיר.

נאטהאן! קיין זאך אין דער וועלט האט ביא מיר קיין ווערטה אויסער דיר. דוא אליין ביזט דער איינציגער געדאנק, דאס איינציגע גליק פון דיין גרענצענלאז ליעבענדע ברויט

עווא.

71.

פון אהרן צו אבלה.

מיינע ליעבע עווא!

וויא בעוואונדער איך דיא פעסעמיסטען וועלכע ווערען ניט מיעד אויסצוזעטצען פעהלער אין אונזערע שעהנע וועלט און אין דער מענשהייט.

נאך מיינער מיינונג איז אונזער וועלט זא שעהן, זא ליעבענס־ווירדיג, דאס מען ברויך גאר ניט האפפען אויף דעם גן עדן וועלכער מען שטעלט אונז פאר אין יענער געהיימניס פאן דער וועלט.

יעדער מענש האט זיין גן עדן אויף אונזער גרויסער וועלט.

איך מוז אבער דאביא צוגעבען, דאס מען קען אויף אונזער וועלט אנדערש ניט פיהלען דיא פערגעניגען פון א גן עדן סיידען מען האט ביא דער זייט דיא פערזאן וועלכע איז אונז ווירקליך ליעב. דיא פערזאן וועלכע קען מיט איהר ליעבענסווירדיגקייט אויסגיעסען א זיססען צויבער אויף אלעס וואס רינגעלט אונז ארום.

ניט אומזאנסט רופט מען אן דיא פרויא מיט דעם נאמען

צווייטע העלפט׳ דאס איז ניט בלויס א גלייך ווארט, דאס איז די וואהרהייט אליין.

דער מאן וואס האט קיין פערבינדונג מיט אגעליעבטע און אליע־בענדע פרויא, דער איז נאר א האלבער געגענשטאנד, א האלבער מענש.

ניין! איך גלויב ניט יענע האלבע מענשען ווען זיי זאגען מיר אז זיי פיהלען זיך גליקליך און צו פריעדען מיט זייער שיקזאל.

עס איז אונמעגליך אז אזא האלבער מענש זאל ווירקליך גליק־ליך און פאלשטענדיג צופריעדען זיין. זיי בילדען זיך בלויס נור איין אז זיי זיינען גליקליך.

דעם בעווייז האב איך פון זיך אליין.

ביז איך האב דיך מיינע טהייערע עווא ערקענט האב איך קיין אהנונג געהאט וואס עס הייסט גליק. אבער זייט איך האב דיך ער־קענט פערשטעה איך דאס איך האב ביז אהער ניט געלעבט און האב ניט געוואוסט וואס עס הייסט פערגעניגען.

פון פריהמארגענס ביז שפעט אין דער נאכט געהסט דוא פון מיין קאפף ניט ארויס, זאגאר אין שלאף זעה איך דיין זאנפטעס גע־זיכט, און אללע געדאנקען ווענען דיר אללע טרייטע אין וויזכבע איך זעה דיך מאכען מיך זא גליקליך דאס מיר ווייזט אויס אז איך בין אין הימעל.

עווא מיינע ליעבע זיסע עווא, דוא אליין האסט מיר גליק גע־שענקט, דוא האסט אויף דער גאנצער וועלט און אויף דעם לעבען א זיסען צויבער אויסגעגאססען און עוויג דאנקען וועל איך נאטט דערפאר וואס ער האט אזא שאטץ ווי דוא ביזט געשענקט מיר דיין עוויגליעבענדע

נאטהאן.

72.

אנטווארט.

נאטהאן מיין גוטער ענגעל!

ליעבסט דוא מיך ווירקליך אזויא הייס און אזויא ערנסט וויא דוא שרייבסט?

א זאג עס נאך אמאל. וויעדערהאלע עס אבערמאלס. דען וויפיעל מאל איך וועל זאלבע ווארטען פון דיר הערען וועט מיר זיין וועניג. דוא קענסט זיך גאר ניט פארשטעלען וואס פאר א הימלישע פריידע עס איז פאר מיר צו הערען פון דיין מונד דאס דוא ליעבסט מיך.

דוא האסט רעכט מיין ליעבער נאטהאן דאמיט וואס דוא זאגסט אז דיא וועלט איז זעהער שעהן, זעהער אנגענעהם.

דאס פיהל איך אויך, צו דיזער איבערצייגונג בין איך אויך געקומען זייט איך האב דאס גליק געהאט דיך צו ערקענען און פון דיר צו הערען אז דוא ליעבסט מיך.

איך האב קיין מאל געוואלט אזויא לעבען וויא יעצט. איך האב נימאלס געפונען אזויא פיעל פערגעניגען אין דער וועלט וויא אין דער לעצטער צייט און דיזע ליעבע צום לעבען דיזע אללע פערגעניגען וואס איך גערנע האסט דוא אליין מיר פערשאפט.

איך בעטראכטע דיך אלס דיא זאננע מיינעס לעבענס.

וואס פאר א ווערטה וואלט דיא וועלט געהאט אהן דער זאננע.
וואס פאר א ווערטה וואלט דאס לעבען בייא מיר געהאט אהן דיר מיין טהייערער, אהן דיר מיין הערצענסגעליעבטען.

אבער איך וויל גאר ניט אויסריידען דיא ווארטען. אהן דיר ניין נאטהאן אהן דיר וויל איך ניט לעבען, מיט דיר צוזאממען וויל איך דורכגעהען מיינע יאהרע, אין דיין געזעלשאפט, אין דיין בעגליי־

טונג וועל איך אימער בלומען און ראזען זעהען אויסגע-
שפרייט אין אללע מיינע וועגען.

נאטהאן דוא ביזט מיינער און דיא גאנצע וועלט בעלאנגט צו
מיר דיין עוויגליעבענדע ברויט.

עווא.

73.

פון אנ'איפערזיכטיגען חתן.

מיינע טהייערע ראשעל!

איך זיטץ יעצט און לעז דיינעם א בריעף וואס דוא האסט צו מיר געשריעבען פאר אונזער פערלאבונג.

צווישען דיא אנדערע זיססע ווארטען וואס דער בריעף ענטהאלט אין זיך געפין איך אויך דיעזע ווערטער.

„עוויג ליעבען וועל איך דיך מיין ליעבער גוטער וואלף, זא וויא דער הימעל איז אונענדליך זא וועט מיינע ליעבע צו דיר אונענדליך פערבלייבען, דאס שווערע איך דיר ביי גאטט און ביי אללע הייליגע"

אלס איך האב דיעזע ווערטער צום ערשטען מאל געלעזען האב איך יעדעס ווארט געשלונגען, וויא דער טהייערסטער באלזאם האט מיך יעדעס ווארט פון דיעזע ציילען געקוויקט.

יעצט אבער....

עס איז מיר זעהער שווער מיט דיר אפפען וועגען אזא געגענשטאנד צו רעדען, אבער עס העלפט ניט, איך בין געצוואונגען מיין הערץ אויסלעריגען, ווייל איך פיהל אז איך וועל ערשטיקען אונטער דער שווערער לאסט וואס דריקט מיין ברוסט.

ראשעל! איז דאס וואהר דאס דוא האסט געהיימניסע מיט דעם הערן בערנארד גאלדבערג?

מיר ווילט זיך דאס ניט גלויבען, איך וואלט אהאלב לעבען אבגעגעבען ווען מען זאל מיר איבערצייגען אז דאס איז ניט וואהר. אבער פאקטען, טהאטזאכען בעשולדיגען דיך ליעבע ראשעל.

ביזט דוא אין דיעזער וואכע צוויא מאל ניט ארומגעגאנגען שפעט ביא נאכט מיט דעם העררען גאלדבערג אין וועלדעל?

לייגען דאס ניט אב ראשעל. מיר האבען דאס מיטגעטהיילט איינינע גלויבענסווירדיגע פערזאנען.

דוא ראשעל, דוא שפאציערסט שפעט ביא נאכט ארום אין וואלד מיט אפרעמדען יונגען מאן?

איך וויל אנ׳אויפקלערונג, איך וויל וויססען וואס דאס בעדייט. פיעלייכט האסט דוא זיך ארומגעזעהען אז דער העררר גאלדבערג איז פאר דיר אבעססערע פארטיע, ווארום זאלסט דוא פון דעם מאכען אגעהיימניס, זאג דאס מיר אפפען, געשטעה דאס מיר פרייא און איך וועל געווים דיין גליק ניט שטערען.

דיין ערקלערונג ערווארטעט מיט אונגעדולד דיין חתן
וואלף קרויסמאן.

74.

אנטוואורט.

מיין בייזער איפערזיכטיגער וואלף!

ווען איך זאל דיך ניט אויפריכטיג ליעבען, ווען דוא זאלסט ביא מיר ניט זיין זא טהייער, וואלט איך דיר אויף דיינע פארווירפע ניעגטפערט מיט אזא בייזען טאן דאס פון דיר וואלט זיכער פערשוואונדען דיא לוסט מיך נאך אמאל אנצוקוקען.

אבער מיינע ליעבע צו דיר איז צו שטארק. איך קען דיך ניט צירנען איך קען אויף דיר ניט בייז זיין דארום וועל איך מיך פערטהיידינען.

דיא לייטע וואס האבען דיר ערצעהלט דאס איך בין מיט דעם הערען גאלדבערג געגאנגען שפעט ביי נאכט שפאציערען אין וואלד דינען געמיינע ליגנער. זאלען זיי דאס אין מיין געגענווארט זאגען און אין דעם שפייא וואס איך וועל אויף זיי געבען וועט זייער ניעדערטרעכטיגקייט ערטרונקען ווערען.

דאס איז וואהר איך האב מיך דיעזע וואכע צווייא מאל בעגעגנט מיט דעם הערען גאלדבערג. אבער ניט אין וואלד זאנדערן ביי אונז אין גאס. איך בין געגאנגען פון אפטייק, דוא ווייסט אז מיינע מוטער איז קראנק, איך בין ביי נאכט געלאפען אין דער אפטהעקא קויפען פאר איהר דיא פיללען וואס דער ארצט האט פערשריעבען, הערר גאלדבערג איז גראדע געגאנגען פון קלוב, ער האט מיך בעגעגנט און געפרעגט וואהין איך געה זא שפעט און אלס איך האב איהם ערצעהלט אז איך געה פון דער אפטהעקא מיט א מעדיצין פאר מיינע מוטער האט ער מיך צוגעפיהרט ביז אונזער הויז.

דוא פערשטעהסט שוין וואס פאר אליעבע איך שפיעל מיט דעם הערר גאלדבערג? וואס האב איך בעדארפט טאהן ביי אזא פאל, איהם פארטיאגען פון זיך ער זאל מיך ניט צופיהרען אהיים? אדער איך האב איהם בעדארפט אנזידלען דערפאר וואס ער איז אזוי העפליך און ער וויל ניט לאזען א מעדכען אליין שפעט ביי נאכט געהען אין גאס?

אויב דאס הייסט ביי דיר א זינדע מאנסט דוא זיין בייז וויפיעל דוא ווילסט, מיך וועט דאס ניט אינטערעסירען ווייל מיין געוויססען איז ריין.

איך בין אבער זיכער אז נאך דיעזע ווארטען, וועט דיין געוויססען דיך פלאגען און דוא וועסט פערזענליך קומען פערצייאונג בעטען ביי דיין אונשולדיגע ברויט.

ראשעל.

75.

פון אנ'איפערזיכטיגע ברויט.

ליעבער סעם!

איך מוז יעצט אנדערן זעהער א געשפאנטע סטרונע. זיא וועט ענטווידער ארויסגעבען א זיסען טאן וואס וועט מיין ביטטער הערץ ערקוויקען, אדער זיא וועט ערטענען מיט א קראך פון א דאנער. א קראך וואס וועט צערשמעטערן אללע געביידען וואס איך האב אין דער פאנטאזיע אויפגעבויט...

איך האב שוין זייט איניגע וואכען בעמערקט, אז דיא הייסע ליעבע וואס דוא האסט מיר בעפאר אונזער פערלאבונג און א קורצע צייט נאך דעם געצייגט, איז אבגעקיהלט געווארען.

אין דער לעצטער צייט ווען דוא פלעגסט זיך מיט מיר בעגעג־נען, האב איך אין דיר געזעהען א זעהער אונצופריעדענע מינע. אויך דיינע ווארטען וואס דוא האסט צו מיר גערעדט האבען ניט געהאט דעם זעלבען זיססען קלונג פאר מיינע אויערען וויא זאנסט.

איך האב זיך אבער געפרואווט בערוהיגען מיט דעם געדאנק אז דאס ווייזט מיר בלויס אויס אזוי.

יעצט אבער האבען זיך מיינע אויגען געעפענט און איך האב אללעס דערזעהען דייטליך און קלאר.

איך האב ערפאהרען דאס דוא בעזוכסט יעדען אבענד פרייליין פ... און דוא זיצט מיט איהר ביז שפעט אין דער נאכט.

נוא עס איז זעלבסט פערשטענדליך דאס וויא באלד דיא געזעלשאפט פון פרייליין פ... איז דיר אנגענעהמער אלס מיין געזעל־שאפט איז דיין ליעבע צו איהר פיעל גרעסער אלס צו מיר.

אויב אזוי וואצו נוטצט דאס מאסקירען זיך?

אפפען ליעבער סעם! געה ארויס אפפען מיט א ריינער שפראך

אונ זאג מיר דאס דוא האסט זיך ארומגעזעהען אז דוא קענסט מיט מיר גליקליך ניט זיין.

אונ אויף אנ'אפפענע ערקלערונג ווארט מיט אונגעדולד דיין סאגע.

76.

אנטוואָרט.

ווערטהעס פריילין!

דיא סטרונע וואס איהר האט יעצט אנגערידערט וועט ווירקליך ארויסגעבען זעהער א ביטטערען טאן, אבער איך גלויב אז גראדע דיעזער ביטטערער טאן וועט אונז ביידען ברענגען פיעל נוטצען, וויסען מיר דען ניט דאס מאנכעס מאל קוריערט א ביטטערע מעדיצין אויס דיא געפעהרליכסטע קראנקהייט.

איהר שרייבט דאס איהר האט אין דער לעצטער צייט בעמערקט דאס דיא הייסע ליעבע וואס איך האב צו אייך געצייגט פאר און נאך אונזער פערלאבונג איז אבגעקיהלט געווארען.

מיר איז אוואונדער וואס איהר ווערטהעס פריילין האט נאך פאר אונזער פערלאבונג ניט בעמערקט דאס אין מיר ברענט ניט דיא געווינשטע ליעבע...

איך בין אייער ברויטיגאם געווארען ניט אויס ליעבע זאנדערן ווייל מיינע מוטער האט זא געוואלט. מיין מוטערס ווילען איז מיר אימער געוועזען א קייזערליכער בעפעהל, א בעפעהל פון א היילינע פערזאן, איך בין אימער בערייט געוועזען זיך אויפצואפפערן אום איהר קיינע ערגערניסטע צו פערשאפען.

ווייא איהר ווייסט איז מיינע מוטער מיט א מאנאט צוריק געשטארבען און וויססענדיג דאס דאמיט וואס איך וועל אייך קיינעם

קיין טובה טאהן און וועל בלויס זיך זעלבסט פעראונגליקען, האב
איך מיך בעשלאסען זיך פון אייך צוריק צוציהען.

איך טוה דאס ניט ווייל איך האב אין אייך א פעהלער געפונען.
א ניין אידר זייט זעהער ליעבענסווירדיג, איך בין זיכער דאס אידר
וועט געפינען אזא מאן וועלכער וועט אייך פערגעטטערען. אבער
איך האב אייך ניט געקענט ליעבען און וועל דאס אויך ווייטער ניט
קענען ווייל, אפפען גערעדט, איך האב שוין זייט צוויא יאהר ליעב
פריילין פ.... און איך פיהל דאס מיט אנ'אנדערע, זיא מעג זיין
א פרינצעססין, וועל איך גליקליך ניט קענען לעבען.

די וועלט זאגט א ווערטעל „אידער צוויא זאלען לעבען אין
ליידען זאלען בעססער פיער לעבען אין פריידען"

געפינט אידר ניט ווערטהעם פריילין אז דאס איז קלוג געזאגט?

איז ניט פיעל בעססער אז יעדער פון אונז זאל זיך אויסגעפינען
דאס וואס אידם איז ליעב און טהייער, אום צו ערשפארען פיעלע
פיעלע ליידען?

איך האף דאס אזא קלוגעם מעדכען וויא אידר זייט וועט צו
געבען אז איך האב רעכט און אידר וועט זיך צופרידען שטעלען
דאמיט וואס מיר וועלען פיר אימער דיא בעסטע פריינדע פער-
בלייבען.

זייט דאך ניט בייז אויף מיר אייער האך אכטענדער פריינד
צמח גאלדשמידט.

77.

טרויסט בריעף.

מיין ליעבער פריינד!

נאך ציטערט אין מיר מיין הערץ, נאך טרעסלען זיך אלע מיינע
גליעדער. דע מיט צויינגע מינוטען פריהער האב איך ערהערט

די שרעקליכע נאכריכט דאס דיין ליעבער פאטער לעבט שוין ניט מעהר, אז ער איז געגאנגען אין יענעם וועג פון וועלכען מען קומט נימאלס צוריק.

דיין פאטער איז טויט!

וואס פאר אנ׳אונגליק: וואס פאר א שרעקליכער דאנער־קראך דאס איז פאר זיינע קינדער פאר זיינע אונצעהליגע פריינדע און פאר מיר וועלכער האט איהם אימער פאסט פערגעטערט.

צוזאממען מיט דיר מיין פריינד וויל איך קלאגען, צוזאממען מיט דיר וויל איך פערגיעסען טרערען אויף זיין פרישען קבר.

קיין מאל וועל איך דיעזען טהייערען מענשען פערגעססען, קיין מאל וועל איך פערגעססען זיינע קלוגע ווארטען, זיינע ראטה־שלאגע און די פעטערליכע צערטליכקייט וואס ער האט מיר אימ־מער געציינט.

דוא מיין פריינד האסט אין זיין טויט פערלארען א פאטער און איך האב פערלארען מיין אורים ותומים *) מיין וועג ווייזער און מיין וואהלטהעטער.

די אלטע חכמים האבען געזאגט „צרות רבים חצי נחמה" ד״ה אלגעמיינע ליידען איז א האלבער טרויסט און אזוי וויא דיין פא־טערס טויט וועט פערשאפען די גרעסטע ליידען צו אללע זיינע פערוואנדטע, פריינדע און בעקאנטע גלויב איך אז דיינע שמער־צען וועלען דורך דעם א ביסעל לייכטער ווערען און דוא וועסט אין דעם גרויסען אונגליק חאטש עטוואס טרויסט געפינען.

ניט מיט טינט נור מיט בלוט און מיט טרערען שרייבט דיעזען בריעף דיין וואהרער פריינד.

זעליג ראטהשטיין.

*) אורים ותומים האט געהייסען דער „ארבאקעל" פון וועלכען די יודישע קע־ניגע האבען געפרעגט עצות אין אללע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען.

78.

טרויסט בריעף.

בעסטער פריינד!

דיין בריעף וועלכער האט מיר געמעלדעט דאס דיין ליעב קינד איז געשטארבען האט מיך און מיינע פרויא וויא אגיפטינגע פייל געטראפען און האט אונזערע הערצער שווער פערוואונדעט.

דוא ווייסט וויא ליעב מיר האבען דיך און וויא אונז אינטערעסירט אללעס וואס דיך בעלאנגט.

דיין פריידע איז אויך אונזערע און דיין שמערץ איז אונזער שמערץ.

גלויב מיר ליעבער פריינד דאס אלס מיר האבען דיין בריעף געלעזען איז אונז געוועזען צו מוטה וויא מיר זאללען אנאייגען קינד פערליערען.

מיר האבען ביטטערע טרערען פערגאססען און ווען עס זאל מעגליך זיין צו דיר פליהען, אום דיך פערזענליך צו טרויסטען, וואלטען מיר אללעס אוועק געווארפען אום וואס שנעלער צו דיר צו קומען.

לײדער מוזען מיר זיך בעפריעדיגען מיט דיא שטומע ווערטער פון א בריעף און דיעזע שטומע ווערטער זיינען צו שוואך אונזערע געפיהלע אויסצודריקען.

מיר קענען זיך בלויס טרויסטען מיט דעם געדאנק דאס אללעס וואס אונז טרעפט אין לעבען קומט פון גאטט און געגען גאטטעס ווילען טאהר מען ניט פראטעסטירען.

און איך האף אז דער גאטט וואס האט דיך יעצט אזוי אונערבארמליך געשטראפט, ער וועט דיר באלד דערלאנגען א טרויסט בעכער, ער האט אין זיינע אוצרות גענוג נטעם, גענוג ערקוויקענדעס.

מיר זאלען פון היינט אן פון דיר נור גוטעס הערען דאס איז דער הערצליכער וואונש פון דיין וואהרען פריינד

זלמן טאנענבוים.

79.

צו איינעם וואס האט געלד פערלארען.

מיין טהייערער פריינד!

איך קען דיר גאר ניט אויסדריקען די שמערצען וואס איך האב געהאט, אלס איך האב ערפאהרען דאס דוא האסט אן דעם געשעפט וואס דוא האסט געמאכט דיין גאנץ פערמעגען פערלארען.

געלד פערליערען איז זעהער א ביטטערע זאך, דאס קען א מענשען צו פערצווייפלונג ברענגען.

אבער נאך מיין מיינונג קען א געלד־שאדען צו פערצווייפלונג ברענגען נור אזא מענשען וואס קוקט אויף געלד ווי אויף דאס טהייערסטע אין דער וועלט, אדער אויף אזא פערזאן וואס האט וועניג מוטה צו ערטראגען אזא קלאפ.

דוא מיין פריינד דארפסט זיך שטארק ניט נעמען צום הערצען אזא אונגליק, וויל דוא ביזט גענוג קלוג צו פערשטעהען, אז זא שנעל ווי מען קען געלד פערליערען אזוי שנעל קען מען געלד פערדינען.

געלד פערדינען הענגט אב אן דער לויע פון דעם צופאל.

מיר האבען שוין געזעהען לייטע וועלכע וואַרען מיליאנערען און זיינען געוואָרען בעטלער און אזוי האבען מיר געזעהען מענשען וואס זיינען געוועזען בעטלער און זיינען יעצט מיליאנערע.

„געלד פערלארען איז האלב פערלארען, מוטה פערלארען איז גאנץ פערלארען" זאגט די וועלט און דאס איז זעהער ריכטיג.

פערליער ניט דיין מוטה ליעבער פריינד און דוא וועסט זעהען

וויא גיך דוא וועסט פערגעססען דיין גרויסען שאדען, ווייל דוא וועסט אונערוואַרטעט דאפפעלט אלס דיין פערלוסט פערדינען.

גיעב איבער מיין הערצליכען גרוס דיינע ליעבע פרויא און איך האף דאס דוא וועסט מיר אין גיכען ערפרעהען מיט דער גוטער נאכריכט דאס דוא ביזט צוריק אין דער בעסטער לאגע.

אזא נאכריכט ערוואַרטעט מיט דער גרעסטער אונגעדולד דיין וואהרער בעסטער פריינד.

סאלאמאן אייזיקס.

80.

צו איינעם וואס האט א זאהן פערלארען.

מיין אונגליקליכער פריינד!

איך זיטץ שוין אפירטעל שטונדע מיט דער פעדער אין האנד אום דיר א טרויסט בריעף צו שרייבען האטש אפאזר זיססע טרא־פענס אריינטריפען אין דעם ביטטערען בעכער וואס דער שיקזאל האט דיר דערלאנגט, אבער איך וויים ניט וואס צו שרייבען, וויא אזוי איך זאל אנפאנגען דיך צו טרויסטען.

דיין אונגליק איז אזוי גרויס און אזוי פריש דאס ווארטען קענען ניט ווירקען אידם אין א קליינינקייט צו פערוואנדלען.

גענוג ביטטער איז דיא עלטערען וועלכע ווערען דורך דעם טויט בערויבט פון זייערע קליינע קינדער. עס קען גאר קיין ער־גערע זאך זיין וויא צו זעהען דאס מען בעגראבט א געליעבט זים קינד אין דער שווארצער ערד, אבער טויזענד מאל ערגער איז דיא עלטערען פון וועלכע דער טיראנישער טויט נעמט צו א דערוואַקסענעם זאהן, נאך דיא פיעלע מיהע וואס זיי האבען גע־האט אידם צו ערציהען, בילדען און גרויס צו מאכען.

איך שטעל מיך פאר דיין לאגע און אללע ביינער ציטטערען

אין מיין לייב. אַ קאַלטער שווייס בעדעקט מיין שטערן און דיא טרערען קייקלען זיך אין שטראָמען איבער מיינע באַקען.

ביי אַזאַ פאַל קען אונז בערוהיגען בלויס איין געדאַנק:

איז דען דיא גאַנצע וועלט ניט אַ גרויס געפענגעניס וואו מיליאָנען אַרעסטאַנטען אַרבייטען שווער און ביטטער ביז דער טויט קומט און בעפרייעט זיי פון זייערע ליידען?

וועלכער מענש לעבט אויס זיינע יאָהרען אָהנע זיך צו בעקלאָגען אויף דיא פיעלע ליידען וואָס ער מוז איבערטראָגען?

אַלזאָ ליעבער פריינד דיין זאָהן איז ניט געשטאָרבען, ער איז בלויס פון געפענגעניס בעפרייעט געוואָרען.

ער וועט שוין מעהר ניט ליידען, ער וועט שוין ניט מעהר האָבען דיא שמערצען וואָס מיר לעבענדיגע מענשען מוזען ערטראָגען.

ער איז שוין יעצט אָנגעקומען צו דעם ריכטיגען פלאַטץ וואוהין דיא גאַנצע מענשהייט געהט, זיין וועג איז שוין געענדיגט. וועהרענד מיר ווייסען נאָך ניט וואָס מיר וועלען בעגעגענען געהענדיג אין דעם זעלבען וועג צו איהם.

דוא ווייסט זעהער גוט אַז דאָס וואָס איך האָב ערשט געזאָגט איז קיין פוסטע פאַנטאַזיע, דאָס איז אַ ריינע וואהרהייט און דיעזער געדאַנק אַליין דאַרף אונז טרויסטען אין דעם גרויסען שאַדען וועלכען מיר בעטראַכטען אַלס גרויס אונגליק.

איך האָב געטאָהן מיין שולדיגקייט און האָב אַלס דיין בעסטער פריינד דיך געטרויסט, יעצט ווינש איך דיר אַז גאָטט זאָל דיך טרויסטען, ער אַליין זאָל פערהיילען דיינע בלוטיגע שמערצענדע וואונדען.

און וועהרענד איך שרייב דיעזע וואָרטען, גיעסען זיך טרערען פון מיינע אויגען אויף דעם פאַפּיער אויף וועלכען איך שרייב דיעזע

חערטער. דאס וועט דיר דינען אלס צייכען אז דיין אונגליק איז אויך דאס אונגליק פון דיין וואהרענד פריינד.

אליעזר בלאשטיין.

81.

צו א שוועסטער וואס איז געווארען אוים כלה.

מיינע ליעבע טהייערע שוועסטער!

דיין בריעף אין וועלכען דוא האסט מיר בענאכריכטעט, דאס דיין חתן איז פלוצלונג דיר אונגעטרייא געווארען און האט צעררייסען דעם בונד וואס האט אייך בעדארפט פערבינדען פיר אייער גאנץ לעבען, דיעזער בריעף האט מיר פיעל גרויסע שמערצען פערשאפט.

ניט דערפאר וואס דיין הערצלאזער ברוטיגאם האט דיך אזוי שענדליך בעהאנדעלט איז מיין הערץ פערוואונדעט געווארען, זאנדערען דערפאר וואס דיעזער פאל האט אויף דיר אזא שלעכטען איינדרוק געמאכט און דיר אין פערצווייפלונג געבראכט.

ווען ניט דיינע ליידען וואלט איך פון דיעזען פאל זעהר צופריעדען געוועזען.

האט דער אונמענש מיט דיעזער שענדליכער טהאט ניט געצייגט אז ער האט אין זיך קיינע מענשליכע געפיהלע?

אלזא ליעבע שוועסטער שטעל זיך פאר וואס דיך האט ערווארטעט ווען דוא זאלסט בעהיטע גאטט זיך מיט איהם דורך א האכצייט פערבונדען.

בעדויערען דארף מען יענער אונגליקליכע פרויא וועלכע וועט אין זיינע הענד אריינפאלען.

ניט לאנג האט זיך אין אונזער שטאדט געטראפען אן עהנליכע געשיכטע, א שרעקליכערע אלס דיינע:

א שעהן מעדכען וועלכע איז געווען פערלאבט צו א יונגען מאן האט זיך שוין פערטיג געמאכט צו דער האכצייט.

איהרע עלטערען וועלכע זיינען רייכע לייטע האבען איהר א פרעכטיגע אויסשטאטונג געמאכט און האבען אללע פארבערייטונגען געמאכט צו פייערען זייער טאכטערס האכצייט.

דיא האכצייט'ס נאכט איז אנגעקומען.

אין דער כלה'ס וואהנונג האבען זיך צוזאממען געקליעבען פיעלע געסטע, אנ'ארקעסטער מוזיק האט געשפיעלט און עס האט נור געפעהלט דער חתן.

א שטונדע נאך א שטונדע איז איבער געלאפען און דער חתן איז נאך ניט געקומען.

דער כלה'ס פאטער איז אליין געפלויגען צום חתן זיך ערקונדיגען ווארום ער זאמט זיך אזוי און מען קען זיך פארשטעלען זיין שרעק אלס ער האט ערפאהרען אז זיין טאכטערס חתן איז אנטלאפען געווארען מיט אנ'אנדער מעדכען.

ער איז צוריק געקומען אהיים מעהר טויט אלס לעבענדיג, ער האט געפירכטעט דיעזע מיטטהיילונג זיין טאכטער איבערצוגעבען, גלויבענדיג אז אויס פערצווייפלונג וועט זיא בעהיטע גאטט פער־ריקט ווערען.

אבער ער האט דאך געמוזט ערקלערען דיא געסטע אז דיא האכצייט וועט שוין ניט געפייערט ווערען און געגען זיין ווילען האט ער געמוזט זיין טאכטער דיא ריינע וואהרהייט ערצעהלען.

קוים האט זיא דאס ערהערט, האט זיא פרעהליך אויסגערופען צו דיא געסטע מיינע דאמען אונד העררען, קיינער פון אייך זאל אונזער הויז פערלאססען, איך וויל איהר זאלט דיא גאנצע נאכט דא פערבלייבען און זיך רעכט לוסטיג מאכען דען איך בין פון גרעססטען אונגליק גערעטעט געווארען, ווען וואלט מיר געווען

װען יענער שורקע װאלט מיין מאן געװארען, יעצט בין איך פריא אונ איך קען ערשט האפפען אויף גליק.

אללע אנװעזענדע האבען געפאטשט בראװא און מען האט דיא גאנצע נאכט געהוליעט װיא אויף א חתונה.

דיעזע געשיכטע ליעבע שװעסטער זאל דיר דיענען אלס מוסטער.

אויף דוא דארפסט דאס זעלבע זאגען װאס יענע קלוגע כלה האט געזאגט, אויך דוא דארפסט זיך גליקליך שעטצען דאמיט װאס דוא ביזט ניט אריינגעפאלען אין דיא הענד פון אזא אונמענשען װיא דיין חתן איז.

האפפענדיג אז דוא װעסט ערשט רעכט פרעהליך און האפ־נונגספאל זיין פערבלייבע איך דיין געטרייער ברודער

82.

פון דער געשעפטס־װעלט.

װעגען קרעדיט.

װערטהער הערר!

איך האב דיא עהרע זיך פאר אייך פארצושטעלען מיין נאממען איז .... איך האב זייט א האלב יאהר היער ערעפענט א װיין געשעפט און נאטט זייא דאנק מיינע ביזנעס געהען ציםליך גוט.

צופעלליג האב איך ערפאהרען דאס איהר האט א גרויסען לאגער פון פערשידענע װיינען און דאס איהר שטעלט זעהער צופריעדען דיא לייטע װאס האנדלען מיט אייך. װיל איך דערפאר זיין איינער פון אייערע קונדען, אבער מיט דעם בעדינג איהר זאלט מיר געבען א קרעדיט אויף מינדעסטענס דרייסיג טעג.

איך פערזיכערע אייך װערטהער הערר דאס איהר װעט ניט בע־

בּייהֶען װֶוען אִיהר װֶועט מִיט מִיר הַאנְדְלֶען, אִיךְ בִּין אַ פִּינְקְטְלִיכֶער קוֹיפְמַאן און שְׁטֶעל צוּפְרִיעדֶען אַלֶלֶע פֶּערְזָאנֶען װָאס קוֹמֶען מִיט מִיר אִין בֶּערִיהרוּנְג.

דָאךְ אוּם אִיהר זָאלְט זַיין זִיכֶער דָאס אִיהר הָאט דָא צוּ טָאהן מִיט אַנ׳עֶרְלִיכֶען מַאן קֶענְט אִיהר װֶעגֶען מִיר אָנְפְרֶעגֶען בַּייא אֵיינֶעם פוּן אַייעֶרֶע בֶּעקַאנְטֶע אִין אוּנְזֶער שְׁטָאדְט, אִיךְ בִּין זִיכֶער דָאס אִיהר װֶועט װֶעגֶען מִיר דִיא בֶּעסְטֶע מֵיינוּנְג הֶערֶען.

אַכְטוּנְגְסְפָאל.

שְׁמוּאֵל גָאלְדְמַאן.

83.

װֶעגֶען פֶערְלֵיינְגֶערֶען דִיא צָאהלוּנְג.

װֶערְטְהֶער הֶערר!

עֶס טְהוּט מִיר הֶערְצְלִיךְ לֵייד װָאס אִיךְ קֶען נִיט פִּינְקְטְלִיךְ זַיין מִיט מַיינֶע צָאהלוּנְגֶען, פֶערְשִׁיעדֶענֶע צוּפֶעלֶע הָאבֶּען מִיר אִין דֶער לֶעצְטֶער צַייט זָא צוּגֶעדְרִיקְט דָאס טְרָאטְץ מַיין עֶהְרְלִיכְקַייט אוּנְד פִּינְקְטְלִיכְקַייט מוּז אִיךְ אוּנְעֶהְרְלִיךְ און אוּנְפִּינְקְטְלִיךְ זַיין.

אָבֶּער אִיךְ פֶערְזִיכֶערֶע אַייךְ בַּייא מַיין עֶהְרֶענְװָארְט דָאס אִיהר װֶועט דוּרְךְ מִיר קַיין שָׁאדֶען הָאבֶּען.

אִיךְ הָאף אִין אַ גַאנְץ קוּרְצֶע צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּפְּלָאנְטֶערֶען פוּן דֶער עֶנְגְשַׁאפְט אִין װֶועלְכֶע אִיךְ בִּין פֶערְשְׁטְרִיקְט און דַאן װֶעל אִיךְ אַייעֶר גֶעלְד מִיט דֶעם גְרֶעסְטֶען דַאנְק אָבְּשִׁיקֶען.

אַלְס פְּרַאקְטִישֶׁער קוֹיפְמַאן װֵייסְט אִיהר זֶעהֶער גוּט דָאס זָאלְכֶע פֶעלֶע קֶענֶען טְרֶעפֶען יֶעדֶען קוֹיפְמַאן און אִיהר װֶועט דַארוּם זָא גוּט זַיין און פֶערְלֶענְגֶערֶען דִיא צַייט פוּן מַיינֶע צָאהלוּנְגֶען אוֹיף נָאךְ דְרַייא מָאנַאטֶען.

מִיט דֶער אִיבֶּערְצַייגוּנְג אַז אִיהר װֶועט אִין מַיין לַאגֶע אַריינְגֶעהְן

און וועט ערפיללען מיין וואונש, פערבלייב איך אכטונגספאל אייער געטרייער דינער

שמואל גאלדמאן.

84.

וועגען ניט קיין פינקטליכע צאהלונג.

ווערטהער הערר ס. ג.

אלס איהר האט מיך געבעטען איך זאל אייך אלס איינעם פון מיינע קונדען בעטראכטען און זאל אייך אקרעדיט געבען, האב איך זאפארט אייער ביטע ערפילט, ווייל איך האב וועגען אייך בלוים גוטעס געהערט.

איך קען ניט לייגנען, דיא ערשטע צייט בין איך מיט אייך זעהער צופריעדען געוועזען. איהר זייט מיט אייערע צאהלונגען זעהער פינקטליך געוועזען.

אבער וואס איז מיט אייך געווארען אין דער לעצטער צייט.

איינינע מאל האט איהר מיר געבעטען איך זאל אייערע צאהלונגען אבלייגען און איך האב אייער וואונש ערפיעלט, אבער וויא איך זעה וועט צו מיין ווארטען קיין ענדע נעמען.

ניט אזוי האנדעלט מען ליעבער פריינד.

אויב איהר דענקט אז מיט דיא עטליכע דאללער וואס מיר קומט וועט איהר פיעל געווינען האט איהר אנ'אירטהום, א גוטער נאממען איז טהייערער פון געלד און ווען דער גוטער נאממען ווערט שלעכט, דאן קענען דיא בעסטע געשעפטע ניט גוט געהען.

אבער איך בין דא ניט אויסען אייך מאראל צו פרעדיגען, איך האב אייך בלוים געווארנט און איך האף, אז איהר וועט אויסמיידען דיא אונאנגענעהמע האנדלונגען וואס וועלען צווישען אונז ביידע פארקומען .... און וועט מיר מיין געלד אבשיקען.

ערוואַרטענד איהר אנטוואָרט פערבלייבע איך אכטונגספאָל.

צבי קאַטץ.

85.

עשרת הדברות פון מסחור.

ווערטהער הערר!

מיך האט זעהר געפרעהט אַלס איך האב ערפאהרען דאס איהר האט אַ שניט־וואַארען געשעפט ערעפענט, איך ווינש אייך פיעל גליק און איך האף דאס דורך איהר עהרליכקייט און פינקטליכקייט וועט איהר גאנץ גיך צו אַ הויכע שטופע קומען.

אלס פראקטישער קויפמאן בעטראכטע איך עס אלס מיין פליכט אייך אַ קורצע לעקציאן צו געבען אין הלכות ביזנעס.

1) בעטרויעט ניט שנעל יעדען קונד וואס וויל מיט אייך אין געשעפטליכע פערבינדונגען קומען, ווייל היינטיגע צייטען האט דער עולם ליעב פיעל צו פערשפרעכען אבער צו ערפילען דאס פערשפרעכען איז מען זעהר פויל....

2) ציהט ניט אן אייער געשעפט איבער אייערע קרעפטע, דען אַנגעצויגענע סטרונע מוז פּלאַטצען.

3) קויפט איהר עטוואס מוזט איהר זיך פריהער גוט איבערצייגען אויב דיא וואַארע איז גוט און אויב איהר קענט אן דעם עטוואס פערדינען.

4) גיט מען אייך פּראָפיט אויף אַ וואַארע נעהמט, זוכט ניט צו גרויסע פערדינסטע.

5) פערלעבט ניט מעהר אלס דאס געשעפט טראגט אייך איין, דען איהר וועט פערקריכען אין חובות און רואינירען דעם געשעפט.

6) בעמיהט זיך אין אייערע צאהלונגען פינקטליך צו זיין, דאמיט

דאס ווייטער אייער קרעדיט פערגרעסערען און קרעדיט אין געשעפט איז א הויפּטזאכע.

7) זוכט צו האנדלען מיט גרויסע בעקאנטע פירמען, דאס וועט אייער נאמען גרוים מאכען און וועט אייך פיעל גלאנץ צו געבען.

8 דערצעהלט קיינעם קיין סודות פון אייער געשעפט, זאגאר פאר אייערע בעסטע פריינדע און פערוואנדטע דארפט איהר זאלכע זאכען ניט ערצעהלען.

9) אייערע ביכער זאלען אימער זיין אין דער בעסטער ארדנונג.

10) גיט גוט אכטונג אויף דיא לייטע וואס איהר בעשעפטיגט אין אייער געשעפט, איינגע גנבים זיינען געפעהרליך.

ווען איהר וועט דיא ערשטע עשרת הדברות היטען בין איך זיכער אז איהר וועט האבען גרויס ערפאלג אין אללע אייערע אונטערנעהמונגען.

און מיט דעם זעגען איך זאל אימער פון אייער סוקסעס הערען פערבלייב איך אייער וואהרער פריינד

נתן שמולעוויטץ.

86.

ווענען בעטען א שטעלע.

ווערטהער הערר!

לעזענדיג אין „טאגעבלאט“ אז איהר דארפט האבען א קלערק (פריקאשציק) אין אייער שניטוואארען געשעפט, נעם איך דיא פריי־הייט אייך אום דיעזע שטעלע צו בעטען.

איך בין נאך צוואר „גרין“ אין אמעריקא. עס איז נאך קיינע זעקס מאנאטען דא זייט איך בין אהער געקומען פון רוסטלאנד, אבער איך פיהל מיך פעהיג פאר אזא שטעלע, ווייל אין רוסלאנד האב איך פינף יאהר נאך דער רייהע מיט שניטוואארע געהאנדעלט

איך קען דרייסט זאגען דאס איך בין א „פאר־מאן" אין דיעזע ביזנעס.

איך קען אייך פערזיכערען דאס איך וועל אללע מיינע קרעפטע אנווענדען אייער צופריעדענהייט צו געווינען, איך בין זיכער אז איך וועל אייך מיט מיינע ערפאהרונגען אין דיעזען האנדעלס־צווייג גרויסע נוטצען ברענגען און אויסער דעם, וועל איך אייך עוויג דאנקבאר זיין דערפאר וואס איהר וועט מיר געבען דיא געלעגענהייט מיינע פעהיגקייט ארויס צו צייגען און מיין ברויט צו פערדינען.

וואס אנבעלאנגט מיין עהרליכקייט, קענט איהר וועגען מיר אנפרעגען דעם העררען בנימין קאפלאן וועלכער קען מיך נאך פון דער היים אדער בייא אנדערע מענער פון מיין שטאדט פ....

האפפענדיג אז איהר וועט מיר ערלויבען צו אייך קומען, אום וועגען דעם מיט אייך מינדליך צו שפרעכען פערבלייבע איך מיט דער טיעפסטער אכטונג

אברהם גאלד.

87.

פערשיעדענע בריעפע.

צו א זאהן וואס וויל זיך טויפען.

מיין ליעבער זאהן יצחק!

מעגליך אז דאס איז דאס לעצטע מאל וואס איך רוף דיך אן „מיין ליעבער זאהן יצחק" ווייל וויא איך האב צו מיין גרויסען שרעק ערפאהרען ווילסט דוא איבערגעהען צו אנ׳אנדער פאלק אין אנ׳אנדער רעליגיאן און דאן וועסט דוא ניט זיין „מיין זאהן" און מיין ליעבער געוויס ניט.

וויא? איז דאס וואהר דאס דוא דענקסט אזא שרעקליכען שריט צו מאכען? ווילסט דוא ווירקליך דיינע עלטערן, דיין פאמיליע, דיין רעליגיאן און דיין פאלק דעם „עוויגען אדיע” זאגען.

ניין איך וויל דאס ניט גלויבען, דען ווען איך זאל יא גלויבען דארף איך אזוי וויא דער געפלאגטער איוב זיך זעטצען אויף דער ערד זיך בעדעקען מיט אש און פערשעלטען דעם טאג וואס איך בין געבארען געווארען און דעם טאג וואס דיינע מוטער האט דיך אין דער וועלט געבראכט.

דוא קענסט מיך זעהער גוט, דוא ווייסט אז איך בין קיין פאנאטיק און קיין אבערגלויבער. איך בעלאנג ניט צו יענע קלאססען מענשען וואס בעטראכטען דיא פערזאנען פון אנאנדער רעליגיאן וויא ווערטהלאזע סוביעקטען. ביי מיר זיינען אללע מענשען טהייער, ווייל זיי זיינען זאלכע מענשען וויא איך בין, איין גאטט האט אונז אללע בעשאפען, גלייכע זעללען בעלעבען אונז אללע.

איך האלט אבער פון דעם רעגעל אז אזוי וויא יעדער פיש דארף לעבען אין זיין טייך אזוי דארף יעדער מענש לעבען אין דעם קרייז פון זיינע רעליגיאנס ברידער און קוים געהט ער איבער צו אנאנדער רעליגיאן צייגט ער דאמיט אז ער פעראכטעט זיינע עלטערען זיינע פריינדע מיט וועלכע ער האט זיך צוזאממען ערצאגען און זיין גאנצע פאלק און ווי באלד ער גיט זיי אזא פאטש אין געזיכט דארפען איהם אללע אין געזיכט שפייען.

מיר יודען בעזאנדערס זיינען פערפליכטעט זיך פעסט צו האלטען אן אונזער רעליגיאן און אן אונזער נאציאן צוליעב צוויי אורזאכען:

ערשטענס איז דיא יודישע רעליגיאן דיא ערשטע וואס האט ערקלערט דיא ריכטיגע גאטטהייט. זיא איז דיא ערשטע וואס האט

דיא מענשען צו פערשטעהען געגעבען, אז עס איז דום און ווילד צו פערגעטערען שטיינער, ביינער און העלצער. אז אין דער גאנצער נאטור איז דא בלוים איין גאטט, איין שעפער וועלכען מיר קענען פערזענליך ניט זעהען אבער מיר פיהלען איהם אויף שריט און טריט.

דאס אליין וואס דיא גרעסטע צוויא רעליגיאנען אין דער וועלט דיא קריסטליכע און דיא מחמד'אנישע, זיינען טעכטער פון דער יודישער רעליגיאן. איז א ריכטיגער בעווייז דאס דיא יודישע אמונה איז א ריינע א היילינע און א ריכטיגע.

דאס אליין וואס אללע מיליאנען קריסטען פערגעטערען אונזערע היילינע און בעטראכטען אונזער תורה און אונזער גאנצען ביבעל אלס היילינ איז אבעוויז אז מיר מעגען שטאלצירען מיט אונזער אמונה און דער וואס פערלאזט זיא, דער וואס נעמט אן אנ'אנדער אמונה דארף בעטראכט ווערען וויא איינער וואס פערלאזט זיינע אלטע געטריע מוטער און געהט זיך צו חנפ'נען, צושמייכלען צו א שטיף מוטער וויל זיא איז א יונגע און א רייכע.

צווייטענס דארפען מיר ניט פארגעססען דאס מיליאנען פון אונ־זערע ברידער האבען זיך געלאזט אויפאפפערען צו ליעב אונזערע היילינע אמונה. און עס איז דיא גרעסטע שאנדע פאר א מענשען, ער זאל פרייוויליג אוועקווארפען דעם געגענשטאנד, וואס זיינע על־טערען און אור עלטערען האבען עס געוואונען דורך זייער בלוט און דורך זייערע ביטערע טרערען.

דאס איז וואהר אז מיר יודען זיינען איבעראל פעראכטעט און פערפאלגט. מען דריקט אונז און מען שטיקט אונז וויא נור מען קען.

אבער דיעזער האס און דיעזע אללע פערפאלגונגען שטאממען ניט אויס פעראכטונג צו אונזער רעליגיאן, זאנדערן אויס פעראכ־

טונג צו דעם ארעמאן, צו דעם בעטלער וואס וואנדערט ארום פון לאנד צו לאנד זוכען שטיצע.

דאס איז שוין א רעגעל אין דער נאטור אז דער שטארקער זאל דריקען דעם שוואכען. דער יונגער זאל פערדראכטען דעם אלטען.

אבער מיר זיינען נאך ניט אזוי שוואך וויא מען מיינט. מיר זיי־נען אויך ניט אזוי אלט וויא מען דענקט. זאל מען אונז נור געבען דיא געלעגענהייט מיר זאלען אליין שטיקלאך בעלי בתים ווערען מיר זאלען אונזערס אנ׳אייגען לאנד האבען. דאן וועלען מיר צייגען דער וועלט אז מיר זיינען יונג און קרעפטיג און דאן בין איך זיכער אז מען וועט אונז מעהר רעספעקטירען אלס אללע אנדערע פעלקער.

און ביא מיר איז קיין צווייפעל אז מיר וועלען אזא צייט ערלעבען.

דער שיקזאל פון א גאנץ פאלק. איז אזויא וויא דער שיקזאל פון אנ׳איינציגען מענשען. אזוי וויא די צייטען פון דעם איינציגען מענשען זיינען פערשיעדען, אמאל איז איהם גוט, אמאל שלעכט. אמאל ווערט ער קראנק און באלד וויעדער געזונד. אזוי זיינען אויך דיא צייטען פון א גאנצער נאציאן.

מיר האבען אמאל געהאט גוטע צייטען. דאס רעדעל האט זיך אדרעה געטאהן און אונז איז געווארען שלעכט. אבער אויך דאס רעדעל וועט זיך מוזען אדרעה טאהן און מיר וועלען ווערען נאך גליקליכער אלס מיר זיינען געווען.

אונזער פאלק איז נאך ניט געשטארבען און א לעבעדיגער מענש ער מעג וויא קראנק זיין קען ער נאך האפען צוריק געזונד צו ווע־רען. בעזאנדערס צייגען זיך אין דער לעצטער צייט ביא אונז סימפ־טאמען פון א פערבעסערונג.

איך ווארנע דיך דארום מיין זאהן דוא זאלסט בעהיטע גאטט זיך גאר ניט וואגען צו דענקען אזא שרעקליכע זאך.

צייג זיך ניט פאר דער וועלט אלס געוויסענלאזער מענש און פערביטער ניט דאס לעבען פון דיין געטרייען פאטער.

יעקב איש תם.

88.

צו א פריינדין.

מיינע ליעבע טהייערע פריינדין ליזא.

דיין לאנגען בריעף האב איך ערהאלטען, ער האט מיר פערשאפט פיעלע פערגעניגען אויך פיעלע שמערצען.

פערגעניגען האט ער מיר פערשאפט דאמיט וואס ערשטענס דוא ביזט א דאנק גאטט געזונד און צווייטענס וואס אפשר וואהל מיר האבען זיך זייט א יאהר ניט געזעהען, ביזט דוא מיר נאך אלץ פערבליעבען דיא זעלבע פריינדין וויא פריהער.

שמערצען האט מיר דיין בריעף פערשאפט דאמיט וואס דוא האסט זיך אינטערגענומען וועדען א הויך געבילדעטעס פרייליין, דוא ווילסט אללעס קענען. אללעס שטודירען אום דוא זאלסט (וויא דוא האסט זיך אויסגעדריקט) ניט פערשעמט ווערען ווען דוא וועסט א ריינקומען אין א קרייז פון געבילדעטע פערזאנען.

דוא מעגסט זיין בייז אויף מיר ליעבע ליזא און איך מוז דיר גאנץ אפען זאגען אז דאס איז א פוסטע זאגאר דומע איינבילדונג.

פרעג מיך, איך בין א פערהייראטהע פרויא, און דיא דרייא יאהר וואס איך בין פערהייראטהעט האב איך גענוג פראקטיק געהאט צו ערפארשען וואס בילדונג איז פאר אונזערע פרויען.

איך בין וויא דוא ווייסט אויך געוועזען אזוי וויא דוא איינגעבילדעט דאס א פרויא מוז אללעס קענען און אללעס וויסען.

אונטער דיא ווערטער "אללעס קענען און אללעס וויסען" האב איך געמיינט קענען איינע שפראכען, זיך אויסצייכנען אין מאטהע־

מַאטִיק, גֶעאָגְרַאפִי, הִיסְטָארִי אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע ווִיסֶענְשַׁאפְטֶען.

אִיךְ דַארְף דִיר נִיט עֶרְצֶעהלֶען, דוּא ווֵייסְט אַז אִיךְ בְּרוּיךְ מִיךְ נִיט צוּ שֶׁעמֶען גֶעגֶען אַלֶע גֶעבִּילְדֶעטֶע מֶענֶער. ווַייל אִיךְ הָאבּ בִּיז מַיין צְווַאנְצִיגְסְטֶען לֶעבֶּענְס יָאהר פְלֵייסִיג סְטוּדִירְט דִיא אָבֶּענְגֶער־ווֶעהנְטֶע גֶעגֶענְשְׁטֶענְדֶע.

אָבֶּער אוּנְטֶער דֶער צַייט ווָאס אִיךְ בִּין עֶהֶע פְרוּיא. בִּין אִיךְ אָפְּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין זֶעהֶער בֵּייז דֶערְפַאר ווָאס אָנְשְׁטָאט מַאטְהֶעמַאטִיק, גֶעאָגְרַאפִי, הִיסְטָארִי הָאבּ אִיךְ בֶּעסֶער נִיט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט גוּט קָאכֶען אוּן גוּט נֶעהֶען.

אַךְ לִיעבֶּע פְרַיינְדִין ווִיא שְׁלֶעכְט עֶס אִיז דֶער פְרוּיא ווֶעלְכֶע קֶען דִיא בֵּיידֶע זַאכֶען נִיט.

מַיין מַאן ווִיל פוּן אַלֶע מַיינֶע קֶענְטְנִיסֶע נִיט ווִיסֶען. פוּן אַגְּנְטֶען מִיטָאג אִיז עֶר פִיעל מֶעהר צוּ פְרִיעדֶען אַלְס פוּן אַלֶע מַיינֶע מַאטְהֶעמַאטִישֶׁע אוֹיפְגַאבֶּען אוּן אִיךְ גִיעבּ אִיהם גֶערֶעכְט, דֶעם גַאנְצֶען טָאג אַרְבֵּייט עֶר אוּן אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים ווִיל עֶר עֶסֶען אוּן הֲנָאָה הָאבֶּען פוּנֵ'ם עֶסֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַלֵיין נִיט גֶעקֶענְט קָאכֶען אוּן הָאבּ גֶעמוּזְט הַאלְטֶען אַ קֶעכִין. פוּן דִיעזֶע קֶעכִינְס בִּין אִיךְ שִׁיעוּר פֶערְרִיקְט גֶעווָארֶען הָאבּ אִיךְ אֵיינֶע גֶעזָאגְט אַ שְׁטְרֶענְג ווָארְט אִיז זִיא אַוועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט זוּכֶען אַנְ'אַנְדֶערֶע, בִּיז אִיךְ הָאבּ אַנְ'אַנְדֶערֶע אוֹיסְגֶעפוּנֶען הָאבֶּען מִיר אַלֶע גֶעהוּנְגֶערְט.

גָאטט הָאט מִיר גֶעשֶׁענְקְט צְווַייא שֶׁעהנֶע לִיעבֶּע קִינְדֶערְלַאךְ ווֶעלְכֶע פָארְדֶערֶען פַאסְט יֶעדֶע ווָאךְ אַנְדֶערֶע קְלֵיינִיגְקֵייטֶען, ווִיא הֶעמְדְלַאךְ, קְלֵיידֶעלַאךְ אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע ווִיכְטִיגֶע גֶעגֶענְשְׁטֶענְדֶע. אַלֵיין אוֹיסְנֶעהֶען הָאבּ אִיךְ דָאס נִיט גֶעקֶענְט אוּן הָאבּ דָאס אַלְץ גֶעמוּזְט קוֹיפֶען, לֵיידֶער אִיז אוּנְז דִיא צַייט נִיט גוּט גֶעווֶען אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁמֶערְצֶען פוּן דֶעם ווָאס אִיךְ בִּין נִיט אִין

שטאנד אליין מיט מיינע הענד אויפגעהעהן פאר זיך און פאר מיינע קינדערלאך אלס וואס מיר האבען נעטהיג.

וואו האב איך יעצט אין זינען בילדונג. איך בין צו פריעדען ווען איך קען בערוהיגען מיינע קינדערלאך און קען אין דער הויזווירטה־שאפט אלעס אין ארדנונג ברענגען.

דאס אלעס ליעבע פריינדין האב איך דיר יעצט ערצעהלט אום דוא זאלסט זיך ארויסשלאגען די פיקסע אידעע וועגען גראססער בילדונג פון דיין קאפף.

לערען זיך בעסער וויא א גוטע ווירטהין צו זיין. וויפיעל דוא האסט אויסגעלערענט קענטניססע איז פאר דיר איבער גענוג, נעם לעקציאנען אין קאכען און נעהען. דוא קענסט זיך גאר ניט פאר־שטעלען וואס פאר א נוטצען דיר וועט דאס שפעטער ברענגען און איך בין זיכער, אז דוא וועסט דאפיר עוויג דאנקבאר זיין דיין וואה־רע געטרייע פריינדין.

בעללא.

89.

צו א פריינד אין רוססלאנד וועגען אמעריקא.

ליעבער פריינד!

דוא בעטסט מיך אין דיין לעצטען בריעף איך זאל דיר שרייבען וואס אמעריקא איז פאר א לאנד און וויא אזוי לעבט מען דא.

איך האב א שמייכעל געטאהן לעזענדיג דיעזע ווערטער.

ביא דיר שיינט, וויא מיר ווייזט אויס, אז עס איז גאר א קליי־ניגקייט בעשרייבען וואס פאר א לאנד אמעריקא איז און וויא אזוי מען לעבט דא. יא איך קען דאס ווירקליך דיר אין עטליכע ווערטער בעשרייבען. איך קען דיר זאגען צום ביישפיעל אז אמעריקא איז אנ׳ארץ זבת חלב ודבש א לאנד וואס איז פערפלייצט מיט מילך און

מִיט הָאנִיג) און מֶען לֶעבְּט דָא פִיעל גְלִיקְלִיכֶער אַלְס אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער.

נוּא וֶועסְט דוּא זִיךְ צוּפְרִיעדֶען שְׁטֶעלֶען מִיט דֶעם אַנְטְוָוארְט? וֶועסְט דוּא מִיר נִיט עֶנְטְוֶוערֶען: נִיט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט פוּן דִיר צוּ הֶערֶען דָאס וֵוייס אִיךְ אָהְן דִיר.

וָואס דֶען ווִילְסְט דוּא מֵיין פְרֵיינְד אִיךְ זָאל דִיר בֶּעשְׁרַייבֶּען דֵייטְלִיךְ און קְלָאר אַלֶעס וָואס אַנְבֶּעלַאנְגְט אַמֶערִיקַא און אִיהְרֶע אַיינְוָואהְנֶער? אוּם דָאס צוּ בֶּעשְׁרַייבֶּען דַארְף אִיךְ לֶעבֶּען אַם וֶועניגְסְטֶענְס נָאךְ עֶטְלִיכֶע צֶעהְנְדְלִיג יָאהר און דַארְף בֶּעשְׁטֶעלֶען אַזֵוי פִיעל פַּאפִּיער, וָואס נִיט אִיךְ וֶועל הָאבֶּען אַ פְּלַאטְץ וואוּ עֶס צוּ הַאלְטֶען און נִיט דוּא וֶועסְט הָאבֶּען אַ פְּלַאטְץ וָואהִין עֶס אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען.

בֶּעשְׁרַייבֶּען אַמֶערִיקַא!

דָאס אִיז מֵיין פְרֵיינְד קֵיין דֶערְפֶעל אָדֶער אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטֶעל. דָאס אִיז אַ וֶועלְט מִיט וֶועלְטֶעלַאךְ, דָא לֶעבֶּען מֶענְשֶׁען פוּן אַלֶע עֶרְדְטְהֵיילֶען, פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, פוּן אַלֶע שְׁטֶעדְט און פוּן אַלֶע נַאצְיָאנֶען.

דָא וֶוערֶען יֶעדֶען טָאג עֶרְפוּנְדֶען זָאלְכֶע וואוּנְדֶערְבַּארֶע זַאכֶען וָואס דִיר קֶען זִיךְ זָאגַאר אִין דֶער פַאנְטַאזְיֶע נִיט פָארְשְׁטֶעלֶען. דָא פָאהְרְט מֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, און אִין דֶער הוֹיךְ אִיבֶּער דֶער עֶרְד און אוּנְטֶער דֶער עֶרְד, מֶען פָאהְרְט דָא זָאגַאר אוּנְטֶער דֶעם גְרוּנְד פוּן יַמִים (מַייכֶען) דָא אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער עוֹלָם־הַמַעֲשֶׂה און וֶוען מֶען זָאל וֶועלֶען בֶּעשְׁרַייבֶּען אַלֶעס וָואס מֶען זֶעהְט דָא וֵוייס מֶען נִיט פוּן וַואנֶען אָנְצוּפַאנְגֶען און וִויפִיעל מֶען זָאל וֶועלֶען אַיין וִויכְטִיגֶע זַאךְ בֶּעשְׁרַייבֶּען וֶועט אַלְץ זַיין וֶועניג.

וֶוען מֶען זָאל דוּרְךְ אַ צוֹיבֶּער פְלוּצְלוּנְג בְּרֶענְגֶען אַ הֶער אַ מֶענְשֶׁען פוּן דַיין שְׁטֶעדְטֶעל און מֶען זָאל אִיהם אַוֶועקְשְׁטֶעלֶען אִין אַיינֶע פוּן דִיא נוּיָארְקֶער קָאכֶעדִיגֶע גַאסְסֶען, בִּין אִיךְ זִיכֶער אַז עֶר וָואלְט

זאפארט משוגע געווארען. ער וואלט פאר קיין פאל געקענט פער־שטעהען וואס עס טוהט זיך ארום איהם.

פאר איהם וואלט זיך פארגעשטעלט פאלגענדעס בילד:

עלעקטרישע וואגאנען געפאקט מיט פרויען און מענער פליהען אהן אנ'אויפהער הין און צוריק. אויסער דעם פליהען אין דיא זעלבע גאססען אויטאמאבילס מיט פערפוצטע לייטע, עקיפאזשען, וועגען מיט פערשיעדענע וואארע, און דער טומעל פון דיא אללע פערערמישט זיך מיט דעם געדויש פון דיא עלעקטרישע וואגאנען וואס פליהען אין דער הויך אויף און דער לופט געמאכטע אייזענבאהנען, דיא טראטוארען זיינען זא געפאקט מיט מענשען דאס מען שטופט זיך קוים דורך, צו דעם אונגעהויערליכען טומעל קומט נאך צו דאס הילכענדע געשרייא פון דיא יונגעלאך וואס פערקויפען צייטונגען און שרייען „עקסטרא!"

דוכט זיך איך האב דיר שוין איין זאך בעשריעבען, אבער דאס איז נאך גאר קיין אנפאנג ניט, אזא סצענע מוז מען מיט דיא אויגען זעהען, דיא פעדער איז צו שוואך זיא צו בעשרייבען.

אבער אין קורצע ווערטער קען איך דיר זאגען אז אמעריקא איז נאך מיין מיינונג דיא געבענשטע בעסטע, גליקליכסטע לאנד אין דער וועלט.

איך וועל דיר ניט זאגען אז דא זעהט מען לויטער שעהנעס לויטער גוטעס און נור גליק. ניין מיין פריינד אויך דא בעגעגענט מען גענוג העסליכעס, גענוג שלעכטעס און גרויסע אונגליקען, אבער אין דעם איז ניט שולדיג דאס לאנד, דאס איז א נאטירליכע זאך. דארטען וואו עס איז דא ליכט מוז זיין א שאטען.

אבער אין פערגלייך צו דיא לענדער וואס איך קען איז אמעריקא דער ווארהער גן עדן, דא קען יעדער קרעפטיגער מענש זיך פיין ערנעהרען, דא קען יעדער פעהיגער מענש דיא העכסטע שטופפע

ערדרייכען, דא געפינט יעדער אונגליקליכער מענש א פלאטץ וואו מען ערקלערט זיך בערייטוויליג זיינע שמערצען צו לינדערן, דיא וואהלטהעטיגע הייזער פון נויארק צום ביישפיעל דארפען דיענען אלס מוסטער פאר דער גאנצער וועלט. א קראנקער געפינט שנעל אפיי־נעם האספיטאל מיט אללע נעטהיגע מיטעל וואס קענען איהם קוריי־רען, א יתום געפינט שנעל דעם ריכטיגען פלאטץ וואו מען עמפפ־פאנגט איהם אום איהם צו ערציהען און פאר א נוטצליכען מענשען צו מאכען, אן אלמנה מיט קליינע קינדער וועלכע איז געצוואונגען זיי צו ערנערען געפינט א פערעכטיגען פלאטץ וואו איהרע קינדער איבערצולאזען פאר א גאנצען טאג ביז זיא פערטיגט זיך אב פון איהר ארבייט, מעדכענס וואס האבען קיינע עלטערען און דארפען אירגענד וואו ארבייטען געפינען דא אינסטיטוטען וואו מען גיט זיי פיינע צימער, פיין עססען מיט דער שעהנסטער בעהאנדלונג פאר א גאנץ קליינעם פרייז. דער וואס וויל זיך בילדען געפינט דא אונ־צעהליגע ביבליאטהעקען און שולען וואו ער קען זיך לערנען אללעס וואס ער וויל אהנע דאפיר איין סענט (קאפיקע) צו בעצאהלען.

אבער קען מען דען אויסרעכענען דיא פיעלע וואלטהעטיגע הי־זער וואס בעפינדען זיך אין דעם איין נויארק?

בעשרייבען אמעריקא!

איך מוז ווידער לאכען זיך דערמאנענדיג אן דעם וואונש.

אום אזא זאך צו בעשרייבען מוז מען זיין א קינסטלער אין אללע פאכען, מען מוז זיין בעקאנט מיט אללע וויססענשאפטען און מען מוז קאנען אללע שפראכען, דאצו מוז מען אפפערען פיעל יאהר אללעס צו בעזעהען און אללעס צו בעטראכטען.

איך קען דיר בלויס א בעריכט געבען וועגען דיא יודען אין אמע־ריקא, ווייל דאס אינטערעסירט דיר געוויס מעהר פון אללע אנדערע זאכען.

הלואי זאלען מיר ערלעבען צו זעהען אונזערע יודען אין זייער

אייגען לאנד פאלעסטינא אזוי גליקליך וויא זיי זיינען דא אין אמעריקא.

לאך ניט מיין פריינד פון דיזען וואונש. ווען דוא זאלסט דא זיין און זאלסט בעטראכטען מיט אפענע אויגען דיא יודישע לאגע אין דיזער וועלט וואלסטו דוא פערשטאנען אז איך האב הערצליך ליעב מיין פאלק, און אז קיין בעסערע ברכה האב איך פאר מיינע רעליגיאנס ברידער ניט געקענט אויסגעפינען.

דוא זאלסט בלויז אנקוקען דיא הויפט געשעפטס גאססען אין ניויארק וואלסטו דוא ערשטוינט געווארען זעהענדיג אז דיא גרעסטע פיינסטע געשעפטע געפינען זיך אין אידישע הענד.

דוא וואלסט אויסער זיך געווארען דער זעהענדיג וויא פאסט אללע יודען וואס זיינען פון רוססלאנד אוועקגעפלויגען נאקעטע בארפוסע, בלויז מיט זייערע נשמות לעבען דא אנשטענדיג, אגרויסער פראצענט פון זיי זיינען גבירים, אקליינער פראצענט מיליאנערע.

דא אין אמעריקא האבען דיא יודען ארויסגעוויזען זייערע פעהיגקייטען און זייער ענערגיע.

דא קען מען זעהען וויא ווייט אונזער יענקעלע קען זיך ארויפארבייטען ווען מען גיט איהם פאללע פרייהייט.

דיא בעסטע שילער אין אללע פאלקסשולען, אין אללע אוניווערזיטעטען, זיינען פון אונזערע יודעלאך, דיא בעסטע ערצטע, פראפעססארען (אין מעדיצין און אין מאטהעמאטיק) זיינען אידען, ווער זיינען דיא גרעסטע בעסטע אדוואקאטען? יהודים, לויטער יהודים.

אבער איך זאל וועלען בעשרייבען אלעס וואס אנבעלאנגט אונזערע יודען אין אמעריקא דארף איך אויך אפאאר יאהר נאך דער רייהע שרייבען און וועל צו קיין ענדע קומען.

איך וועל דארום מיין בריעף ענדיגען אבערמאלס מיט דער

וואונש אז מיר זאלען זוכה זיין צו זעהען אונזער פאלק אין זייער
אייגען לאנד אזוי גליקליך וויא זיי זיינען דא אין אמעריקא.

דיעזע ברכה געהט ארויס פון דעם טיעפען הערצען דיינעס גע־
טרייען פריינדעס.

יצחק דוב אייזענשטיין.

90.

וועגען ליטעראטור.

מיין ליעבער גוטער פריינד!

איך בין דיר זעהר דאנקבאר פאר דיין בריעף, איך האב פון
איהם פיעל פערגעניגען געהאט. דוא שרייבסט פארטרעפליך גוט.
דיין יעדע פראזע איז בריליאנט.

דוא האסט מיר אבער אזוי פיעל פראגען געשטעלט דאס איך
ווייס ניט וועלכע איך זאל פריהער בעאנטווארטען. דוא וועסט מיר
דארום ענטשולדיגען ליעבער פריינד ווען איך וועל דיר יעצט בלויס
אויף איין פראגע ענטווערען, נעמליך דיין פראגע וויא שטעהט עס
מיט דער יודישער ליטעראטור אין אמעריקא.

איך קען דיר אויף דעם ענטווערען אז עס איז א פריידע צו זעהען
וויא אונזער זשארגאנישע ליטעראטור האט זיך דא אין אמעריקא
ענטוויקעלט. עס זיינען נאך קיין מאל אזוי פיעל גוטע שרייבער און
פראכטפאלע פאעטען אין אונזער ארמע שפראכע געוועזען וויא הייטע.

אז דיא זשארגאנישע ליטעראטור אין אמעריקא האט זיך ניט
צו שעמען געגען אנדערע ליטעראטורען, האסט דוא א בעווייז פון
דעם וואס ענגלישע גרעסטע צייטונגען נעמען איבער זעהר אפט
ערצעהלונגען און ארטיקלען פון זשארגאן אין ענגליש און דרוקען
זיי אין זייערע בלעטער.

דיא הויפט ערקוויקענדע ערשיינונג אין דער זשארגאנישער לי־

טעראטור דא אין אמעריקא, איז דאס וואס אללע גוטע שרייבער פערדיענען שעהן געלדט און לעבען זעהר פיין.

דוא ווייסט דאך אז פריהער מיט צעהן יאהר האט א זשארגאני־שער שרייבער געדאנקט גאטט ווען א רעדאקציאן האט צוגענומען זיינעם א נ'ארטיקעל אהן געלד, פאסט אללע שרייבער האבען ניט געהאט איינפאך וואס צו עססען, דארום פלעגען זיי עסען איינער דעם צווייטען, איינער האט געזידעלד דעם אנדערען בעזאנדערס פלעגען זיי בעפאלען די ווענינע שרייבער וואס האבען דאס גליק געהאט יא צו פערדינען א שטיקעל ברויט.

היינט אבער האט דאס אויפגעהערט.

זעהער זעלטען זעהט מען יעצט אין דער פרעססע שענדליכע שטומציגע ווערטער פון איין שרייבער אויף דעם אנדערן, און ווען מען בעגעגענט יא זאלכע שמוטץ, דארף מען פערשטעהן אז דאס קומט פון אזא שרייבער וואס מען וויל זיין טאלענט ניט אנערקענען און קיין רעדאקציאן וויל איהם פאר זיין שרייבאכץ בעצאהלען.

ניט ער געבען נור זיינע צרות ריידען פון איהם.

עס איז שוין געווען א צייט ווען אללע יודישע שרייבער פון נו־יארק האבען זיך פעראייניגט און האבען געמאכט „א פעראיין" מיט דעם צוועק זיי זאלען זיך אללע האלטען צוזאמען, אללע זאלען זיין פערבונדען אום קיינער פון זיי זאל אין א רעדאקציאן בעלידיגט ווערען, אדער שלעכט בעצאהלט ווערען.

ליידער אבער איז דער פערבאנד צוריסען געווארען, ווייל איי־ניגע מיטגליעדער פון דעם פעראיין האבען זיך ניט געפיהלט גענוג טומחיג זיך אין אזא פעראיין פעסט צו האלטען.

ווער וואלט דאס געגלויבט אז אין דער שטאדט נויארק אליין זאלען ערשיינען פינף טעגליכע צייטונגען אין זשארגאן אויסער וואך־ענבלעטער מאנאט זשורנאלען און יאהרביכער.

מיט פופצען יאהר צוריק האט איין וואכענבלאט ניט געקענט עקסעסטירען און היימע, אבוואהל דיא הוצאות פון א טעגליכע צייטונג זיינען שרעקליך פיעל. האלטען זיך אזוי פיעל טעגליכע בלעטער און ארום זיי לעבען הונדערטע פאמיליען.

ווער וואלט דאס געגלויבט אז אין נויארק זאלען זיין פינף יודישע טהעאטערע וועלכע שפיעלען יעדע נאכט (און צו צוויא מאל שבת און זאנטאג).

דוא פערשטעהסט מיין פריינד וויא דיא זשארגאנישע ליטעראטור האט דא געשטיגען און וויפיעל יודען עס געפינען זיך אין נויארק? (כן ירבו) וואס קענען אזוי פיעל צייטונגען און אזוי פיעל טהעאטערע אויסהאלטען.

איך גלויב אז איך האב דיר וועגען דיעזער פראגע גענוג גיענטפערט און אין מיינע ווייטערע בריעפע וועל איך אויך דיינע איבעריגע פראגען בעאנטווארטען, ווייל צו דיר צו שרייבען איז א גרויס פערגעניגען פאר דיין וואהרען פריינד.

יעקב משה וועקסמאן.

91.

וועגען זוכען א כלה.

מיין טהייערער פריינד!

מיט דיין בריעף פון דעם פופצעהנטען מאי האסט דוא מיר געצייגט, דאס איך האב קיין אירטהום געהאט דאמיט וואס איך האב אין דיר איממער פאלעם צוטרויען געהאט. דען וויא אין א שפיעגעל האט זיך מיין צוטרויען צו דיר אבגעשפיעגעלט אין דיין הערץ, איך האב דערזעהען דאס אויך דוא פיהלסט דאס זעלבע פערטרויען אין מיר.

איך בין שטאלץ מיט דעם וואס דוא האסט זיך צו מיר געווענ־

דעם מיט אזא וויכטיגע ביטטע, אין א גענענשטאנד וואס בעלאנגט צו דיין גאנץ לעבען.

דוא פערלאנגסט פון מיר איך זאל דיר א ראטה געבען וויא אזוי דוא זאלסט פאר זיך אויסקלייבען א פרויא נאך דיין ווינש. א פרויא וואס זאל אין שטאנד זיין דיין לעבען צו פערזיססען.

דיא וואהרהייט געזאגט מיין ליעבער פריינד קען מען אין אזעלכע זאכען קיין ראטה געבען. ווען דער פהילאזאף קהלת האט געקענט זאגען: אז ער האט צווישען טויזענד פרויען ניט געפונען אזעלכע וויא ער האט געזוכט, וואס זאלען מיר קליינע מענשעלאך זאגען.

דער וואס גערעט זוכען פאר זיך א פרויא איז גלייך צו דעם וואס גערעט שפיעלען אין דער לאטעריא. איינער נעמט ארויס א צעטעל וואס ברענגט איהם גליק און אנאנדערער דערטאפט א פוסטען צעטעל...

ווען מיר נעמען א ראמאן אין האנד לעזען מיר דארט פון דער היילינער געטטליכע ליעבע. ווען מיר גיעבען א קוק אינ'ם לעבען זעהען מיר אויף שריט און טריט געליעבטע און פערליעבטע. נעמען מיר א ליעדער בוך און אונזערע העלד זעהען מיר דארט ליעדער געווידמעט צו געליעבטע, ליעדער וואס בעזינגען דיא ליעבע.

קורץ גערעדט דיא „ליעבע" שפיעלט דיא הויפט ראליע איבער־ראל.

פערזאנען פון ביידע געשלעכטען קענען זיך אנדערש ניט פער־בינדען וויא נור דורך ליעבע. (מיט אויסנאהמע פון דיא וואס פערקויפען זיך פאר געלד).

מיר וויסען זעהער גוט אז דיא ליעבע איז בלינד.

דיא פערליעבטע זעהען איינ'ם אין אנדערען לויטער מעלות, דיא דיא געליעבטע מעג ארויס ריידען דיא גרעסטע דומהייט קלינגט דאס אין דיא אויערען פון דעם פערליעבטען וויא דיא גרעסטע חכמה, דער געליעבטער מעג טאהן דיא גרעסטע זינדע געפינט דיא ליע־

בענדע זאפארט א פערטהיידיגונג פאר איהם און איהר ווייזט אויס, אז ער האט ניט אזינדע בעגאנגען זאנדערן א וואהלטהאט.

אללא וויא זא קען מען געבען איינעם א ראטה וויא אזוי ער זאל פאר זיך א פרויא אויסקלייבען, ווען צום ביישפיעל איך זאל איהם זאגען: האב חתונה מיט יענער מעדכען, איז דאך דא איינס פון דיא ביידע ליעבט ער זיא דארף ער מיין ראטה ניט, קען ער זיא ניט ליעבען וועט איהם מיין ראטה ניט העלפען.

זא איז אויך ווען איינער זאל זיך פערליעבען אין א מעדכען און איך זאל איהם זאגען: דוא זאלסט זיא ניט הייראטהען. איך בין זיכער אז ער וועט מיך בעטראכטען אלס א פערדריקטען דערפאר וואס איך פערשטעהע ניט דעם גרויסען ווערטה פון זיין שאטץ און ער וועט דערפאר ווערען בייז אויף מיר.

נאך אזאך ליעבער פריינד וועל איך דיר זאגען.

דוא זאלסט נור בעטראכטען מיט אפפענע אויגען וועסט דוא צו דער איבערצייגונג קומען אז אללע מעדכענס זיינען גוטע ענגלען.

דוא מעגסט ארומגעהען מיט א מעדכען א גאנץ יאהר, דוא מעגסט דיין גאנצען פערשטאנד אנווענדען איהר כאראקטער צו סטודירען וועסט דוא דיא ריכטיגקייט ניט אויסגעפינען, דוא וועסט אין איהר אימער נור גוטעס געפינען, ווייל אין דער צייט וואס זיא דארף פאר זיך דיא צווייטע העלפט צופאסען, בעזיטצט זיא פון דער נאטור דיא גאנצע זאנפטהייט און צערטליכקייט פון א גוטע עדלע פרויא, דאצו בעמיהט זיא זיך מיט אללע קרעפטען איהר נאטירליכע שלעכטיגקייט ניט ארויס־צוצייגען, איהר ריכטיגען כאראקטער ווייזט זיא ערשט ארויס נאך דער חתונה.

וויפיעל מענשען האבען געגלויבט אז זיי פערבינדען זיך מיט ענגלען און זיי האבען זיך שפעטער ארומגעזעהען אז זיי האבען זיך פערבונדען מיט טייפלען.

וויפיעל מענער האבען געמיינט אז די הייראטהען פרייען וועלכע זייגען א מוסטער פון ריינקייט און ציכטיגקייט און נאך דער חתונה האבען די זיך ארומגעזעהען אז זי האבען דערטאפט פערשלומפערטע פערדריפטע ווייבער.

וויא איך האב פריהער געזאגט איז זעהער שווער אין אזא זאך יעמאנדען אראטה צו געבען.

אבער אזוי וויא איך בין געוואוינט געווארען מיינע פריינדע אימטער צופריעדען שטעלען, וועל איך, וויא מען זאגט, פון יוצא וועגען דיר אראטה געבען.

1) אורטהייל ניט א מעדכען נאך איהר פוטץ און נאך איהר שעהנעם געשמאק אין איהר קליידונג.

2) זאל דיך ניט בעצויבערען איהרע זיססע צערטליכע ווארטען.

3) איהרע עלטערען זאלען ביא דיר זיין א הויפטזאכע דען דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פונ'ם בוימעלע.

4) שעהנהייט זאל ביא דיר ניט זיין דער עיקר, דען א שעהן מעדכען איז ניט מעהר וויא א בלום, אין פריהלינג בליהט זיא פרעכטיג און אין הערבסט פערוועלקט זיא.

5) פארשע גוט נאך פון איהרע נאכבארען וועגען איהר אויפפיהרונג און כאראקטער.

וואס נאך זאל איך דיר זאגען? עס האט דען א גרענעץ רעגעלען פיר אזא זאך צו געבען, דוא ביזט גאטט זיי דאנק אליין אויך א מאן מיט פערשטאנד און דאס איבעריגע קענסט דוא אליין פערשטעהען.

איך ווינש דיר דוא זאלסט א גוטען צעטטעל ארויסנעמען, און דאן וועט זיך הערצליך פרעהען דיין בעסטער פריינד

סנדר קרנעל.

92.

רעקאמענדאציאנס בריעפע.

ווערטער פריינד!

דער איבערברינגער פון דיזען בריעף איז מיינער איינענד פריינד, איך האב איהם איממער געליעבט און געאכטעט פאר זיין עהרליכקייט קלוגהייט און שערנע בענעהמונג. ער פאהרט יעצט נאך דער שטאדט וואו דוא וואהנסט און וייל ער האט דארט קיינע פריינדע אדער בעקאנטע, וויל איך איהם בעקאנט מאכען מיט דיר. איך בין זיכער אז דוא וועסט ניט בעריהען די בעקאנטשאפט מיט איהם און וועסט איהם אלס גוטען גאסט עמפפאנגען וויא אויך איהם געבען די נעטהיגע בעריכטע וועגען די געגענשטאנדע וואס ער וועט דיך פרעגען.

זיין נאמען איז העררן ברוך גאלאנט, ער איז א זעהער אנ־געזעהענער קויפמאן און א געבילדעטער מענש, ווען דוא וועסט מיט איהם ריידען וועסט דוא פערשטעהען זיין ווערטה און איהם צו אכטען און ליעבען זא וויא איך דיין גליקווינשענדער פריינד.

נפתלי שולמאן.

93.

ווערטהער הערר!

דער יונגער מאן וועלכער וועט אייך דיזען בריעף איבער־געבען העררן שלום ראבין איז זעהער א פעהיגער טיכטיגער מענש. ער וואר איינע יאהר בעשעפטיגט אין דעם גרויסען געשעפט פון העררן ס. וואלד, אין אונזער שטאדט. צוליעב א געוויסע אורזאכע האט ער זיך פון זיין שטעלע ענטזאגט, און וויל איך ווייס אז אין אייער געשעפט קען ער פון גרויסע נוטצען זיין, עמפפעהל איך

אידם צו אייך מיט דער האפפנונג אז אידר וועט אידם געבען אנ'אנשטענדיגען פלאטץ אין אייער געשעפט.

פאר זיין ערדליכקייט גאראנטירט אייער פריינד
שמואל קעניג.

94.

מיין ליעבער טהייערער פריינד.

צו אלעם ערשטען בעגריסע איך דיך, דיינע ווערטהע פרויא און דיינע ליעבע קינדער.

צווייטענס וויל איך פאר דיר פארשטעלען דעם איבערברייננגער פון דיעזען בריעף.

זיין נאממען איז מארקוס בערגקראנץ, וויא דוא קוקסט אידם אן איז ער א יונגער מאן, אבער ערפאהרונגען האט ער וויא אנ'אלטער פראקטישער קויפמאן.

ער האט פאר זיין פראקטיק גענוג בעצאהלט דען ער האט אין פערלויף פון פינף יאהר פערלארען א גרויס קאפיטאל, דורך דעם וואס איינגע פירמען וואס האבען מיט אידם געהאנדעלט האבען באנקראטירט.

ער איז געבליעבען אהן געלד און איז געצוואונגען פאר אנדערע צו ארבייטען און וויל אין אונזער שטאדט קען ער ניט געפינען א פאססענדען פלאטץ פיר זיינע טהעטיגקייט, האט ער זיך בעשלאס־סען נאך דיין שטאדט צו פאהרען.

איך האב עס בעטראכט אלס מיין שולדיגקייט אידם א רעקאמענדאציאנס בריעף צו דיר ליעבער פריינד צו געבען, ערשטענס ביזט דוא אליין א גרויסער קויפמאן און געבען בעשעפטיגונג דיעזען יונגען מאן וועסט דוא גרויס פיעל פראפיטירען, צווייטענס האסט דוא דאך א גרויסע בעקאנטשאפט אין דער סוחרישער וועלט און

דיינס א ווארט וועט געגוג זיין אידם א גוטע פאסענדע שטעלע צו פערשאפען.

איך וועל דיר זעהער דאנקבאר זיין ווען ער וועט דורך דיר גע־פינען דאס וואס ער זוכט.

און האפפענדיג אז דוא וועסט ערפילען דעם וואונש פון דיין וואהרען פריינד פערבלייבע איך דיין אימער געטרייער און ערגעבענער

דזשייקאב דאגין.

P. S. מיינע פרויא מיט מיינע קינדער שיקען דיר און דיין פא־מיליע זייער הערצליכסטען גערוס

ד. ז.

95.

ליעבער סאמואיל.

דער איבערברייגער פון דיעזען בריעף יונה גראסמאן איז אונ־זער א נאהענטער פערוואנדטער. ער איז דער זאהן פון אונזער אנקעל חיים גראסמאן.

אלזא ער איז אונזער פלייש און בלוט און אונזער שולדיגקייט איז מיר זאלען אידם ניט פערלאססען אין זיין נויט.

ער איז ווירקליך אין אגרויסען נויט, זיין קליינעם קאפיטאל ריכטיגער געזאגט זיין נדן האט ער פערלארען און גאטט האט אידם געבענשט מיט זעהער א פיינע פרויא און פיער ליעבענס־ווירדיגע קינדערלאך.

דאס וואלט געווים געווען א ברכה פון גאטט ווען ער זאל האבען מיט וואס זיי צו ערנעהרען, ליידער אבער קען מען אהן געלד און אהן א בעשעפטיגונג קיין פאמיליע ערנעהרען און אזוי ווי א אונזער שטעדטעל איז ווי דוא ווייסט זעהער אן ארם שטעד־

מעל און זאגאר מיט געלד ווייס מען ניט צו וואס זיך צו כאפען, האבען מיר איהם אללע געראטהען ער זאל פאהרען נאך דער שטאדט וואו דוא וואהנסט. ווייל ערשטענס איז דאס א גרויסע שטאדט, וואו א פעהיגער מענש קען לייכט געפינען בעשעפטי-גונג, צווייטענס בין דוא דאך דארטען און וויא איך קען דיין גוטע הערץ ווייס איך אז דוא וועסט פאר איהם פיעל אדער וועניג טאהן.

איך האב איהם געשטיצט וויא ווייט איך האב געקענט, גאטט איז מיין עדות אז איך האב פאר איהם געטאהן איבער מיינע קרעפטע יעצט איז געקומען דיא רייהע אן דיר און איך בין זיכער אז דוא וועסט ביי אזא פאל צייגען דיין עדעל-מוטה,

מיר אללע זיינען גאטט צו דאנק געזונד און דאס זעלבע ווינשען מיר דיר.

איך פערבלייבע דיין דיך ליעבענדער קאזין

עזרא גראסמאן.

96.

דאנקבארע בריעפע,

עדלער הערר!

דאנקבארע טרערען גיסען זיך פון מיינע אויגען שרייבענדיג דיעזען בריעף צו אייך.

מיין פעדער איז ניט אין שטאנד אויסצושרייבען מיינע דאנקבארע געפיהלע, מיין גוטער עדלער הערר איהר האט זיך צו מיר געצייגט אלס מיין מלאך הגואל. מיט דער שטיצע וואס איהר האט מיר געשיקט האט איהר מיך מיט מיין פאמיליע פון גרעסטען אונגליק געראטעט. עס געהט ניט איבער דיא מינוט וואס מיר

דערמאנען נים אייער נאמען מיט א ברכה פון טיעפען הערצען
וואס זאל איך אייך ווינשען פאר אייער גוט הערץ.

איך ווינשע נור אז אללעס וואס איך, מיינע פרויא און קינדער ווינשען אייך זאל ערפיעלט ווערען.

עס איז זעלבסט פערשטענדליך אז איך בין ניט אין שטאנד אייך פאר אייער וואהלטהאט צו בעלאהנען. דארום בעט איך ביים גאטט ער זאל אייך מיט זיין אפפענער האנד בעלאהנען. וויא איהר האט פערדינט און וויא אייך ווינשט אייער עוויג דאנקבארער געטרייער דינער.

לאזאר גאלדבערג.

97.

ווערטהער הערר!

מיט הערצליכע פריידע קען איך אייך בענאכריכטען אז אייער בריעף צום הערען...... האט דיא געווינשטע ווירקונג געמאכט און אייך צוליעב האט ער מיך אין זיין געשעפט צוגענומען אלס קלערק (פריקאשציק)

איהר קענט אייך לייכט פארשטעלען מיין פריידע און מיין צופריעדענהייט.

מיט ווערטער קען איך מיין דאנקבארקייט צו אייך ניט אויסדריקען, איך קען אייך נור פערזיכערען דאס עוויג געדענקען דיעזע טובה וועט אייער ערגעבענער דינער

לאזאר גאלדבערג.

98.

ווערטהער הערר!

דיין זאהן האט מיר געשריעבען וויא פריינדליך אונד עדעלמוטהיג איהר בעהאנדעלט איהם זייט ער בעפינדעט זיך אין אייער שטאדט.

וואס זאל איך אויף דעם זאגען?

איהר ווייסט ווערטהער הערר דיא געפיהלע פון א פאטער, איהר ווייסט וויא עלטערען טהוט וועה דאס הערץ, ווען זייער א קינד פאהרט פון זיי אוועק און בעפינדעט זיך אין א פרעמדע שטאדט, צווישען פרעמדע מענשען און דארום קענט איהר זיך לייכט פארשטעלען. וויא זאלכע עלטערען זיינען דאנקבאר דעם מאן, וועלכער צייגט זיך פריינדליך צו זייערם א קינד אין א פרעמדער שטאדט.

עמפפאנגט עדלער ווערטהער הערר דעם דאנק פון מיר און פון מיינע פרויא.

איך קען אייך נור פערזיכערען דאס בייא יעדער געלעגענהייט וועל איך מיך העכבסט גליקליך פיהלען ווען איך וועל אייך קענען אבדינען.

איך בעט בלויס בייא גאטט אז דאס אבדינען אייך זאל זיין אין פרעהליכע אנגענעהמע זאכען.

אימטער דאנקבאר וועט איך זיין אייער געטרייער דינער
ברוך צעדערמאן.

99.

ליעבער פריינד!

עמפפאנגט מיין הערצליכען דאנק פאר דעם קרעדיט וואס איהר גיט מיר. איך קען אייך פערזיכערען דאס איהר וועט דאס ניט בערייהען זא ערהליך וויא איך האב אימטער געהאנדעלט מיט אלע וואס זיינען מיט מיר אין געשעפטליכע פערבינדונגען געשטאנען, זא ערליך וועל איך מיט גאטטעס הילף גענען אייך האנדלען.

יעצט ביטטע איך אייך מיר ארויסצושיקען דיא פאלגענדע אר־

טיקלעך. (היער קומט אַ ליסטע פון די אַרטיקלען וואס מען פערלאַנגט) און איך האָף דאס איהר וועט גוט אַכטונג געבען אַז די אַללע אַרטיקלען זאָלען זיין צו דער צופריעדענהייט פון מיינע קונדען.

מיט דער גרעסטער אַכטונג פערבלייב איך וועדטהער הערר אייער געטרייער קונד.

גמליאל בערענשטיין.

100

צו אַללע לעזער פון דעם בריעפענשטעלער.

איך האב אייך דא געגעבען אַ בריעפענשטעלער מיט אַלערהאנד בריעפע. די אַללע בריעפע זיינען אַך גינעלע. געשריעבען נאך דעם נייסטע פון היינטיגער צייט, נאך די געפיהלע פון די וואס דארפען שרייבען זאָלכע בריעפע.

וועט איהר מיר דאנקבאר זיין דאפיר?

וויא געפעלט אייך אַזא פראגע—הער איך די לעזער פרעגען—ער וויל גאר מען זאָל איהם פאר אַ זעלכע זאכען דאנקבאר זיין, וואס איז? מיר צאהלען קיין געלד פאר דיזען בריעפענשטעלער? עפעס מיינט איהר אַז איהר שענקט אונז חלילה אַ נדבה?

ניין ליעבע לעזער! איך מיין דאס ניט. איך וויים אויך אַז איך האב ניט געשריעבען דאס בוך אום אייך בלוים אַ טובה צו טאהן, איך האב עס געשריעבען וויל גאנץ איינפאך מען האט מיר דערפאר גוט בעצאהלט און אַזוי וויא איך דארף אייך ניט דאנקבאר זיין, דערפאר וואס איהר קויפט דיזען בריעפענשטעלער, אַזוי דארפט איהר מיר ניט דאנקבאר זיין דערפאר וואס איך האב איהם געשריעבען, אָבער מיט מיין פראגע האב איך בלוים געמיינט אויב איהר וועט צוגעבען אַז איך האב אייך אין די בריעף וואס איהר ברויכט ריכטיג צוגעטראָפען.

איך קען שוין גוט אונזערע אידישע לעזער, איך ווייס אז זיי האבען דיא נאטור פון יענעם מענשען, וועלכער האט יאהרען־לאנג געגעססען אין איין רעסטאראן און דיא עססענס האבען איהם זעהער גוט געשמעקט, זיא האבען אויך אויף זיין געזונד זעהער גוט געווירקט, אבער איין מאל איז איינער געקוממען צו איהם און האט איהם געזאגט: אום הימעלס ווילען ווארום עסט דוא זאלכע גיפטיגע שפייזען „זיי וועלען דיך דאך צום טויט ברענגען" קוים האט דאס דער מאן דערהערט האט ער גאר פערגעססען אללע מעלות פון דיא עססענס וואס האבען איהם אזוי גוט גע־שמעקט און וואס האבען איהם געזונד געמאכט און ער האט אויך אנגעהויבען צו שרייען „מות בסיר" (טויט ליגט אין דיא טעפ פון דיעזען רעסטאראן.

זא זיינען דיא יודישע לעזער.

זיי מעגען פון אווערק דאס גרעססטע פערגעניגען האבען, זיי מעגען פון דעם דיא גרעססטע נוטצען ציהען, קוים זאגט זיי יעמאנד אז דאס ווערק טויג ניט, גלויבען זיי איהם אויף נאמנות און זאגען אויך דאס זעלבע.

דארום פרעג איך אייך: אויב איהר וועט גענוג פערשטאנד האבען, אליין צו פערשטעהען דיא וויכטיגקייט פון דיעזען בריעפען־שטעלער און זיך ניט פערלאזען אויף דיא מבינות פון זאלכע לייטע, וואס האבען דיא נאטור צו מאכען פון ווייס שווארץ און פון ליכט פינסטער?

אויב יא וועט דאס שטארק פרעהען אייער אלטבעקאנטען

פערפאססער.

אײנלאַדונג צו אַ בּרית.

װערטהער הערר!

מיר בּעטען אײך אונז צו פערשאַפען פערגעניגען מיט אײער געזעלשאַפט בּײא דעם בּרית פון אונזער נײ־געבּאָרענעם זאהן װאס װעט זײן דאָנערשטאג, סעפּטעמבּער 3, 11 אוהר אין דער פריה. אין אונזער װאהנונג, 76 גאָרפּאָלק סט.

מר. און מרס. לעססער.

אײנלאַדונג צו אַ בּר־מצוה.

װערטהער הערר!

מיר בּעטען אײך אונז צו פערשאַפען פערגעניגען מיט אײער געזעלשאַפט בּײא דעם מאהלצײט, װעלכען מיר גיבּען צו עהרע פון אונזער זאהן, װאס איז געװאָרען בּר־מצוה. דער מאהלצײט װעט זײן שבּת, סעפּטעמבּער 7, 11 אוהר אין דער פריה, אין אונזער װאהנונג, 65 עססעקס סט.

מר. און מרס. פעלדמאַן.

אַ מיטלײדס בּריעף אויף דעם טויט פון אַ מיטגליעד אין דער פאַמיליע.

מײן טהײערער פרײנד!

איך האָבּ געהערט מיט איניגסטען שמערץ װעגען דעם גרויסען פערלוסט װאס איהר האָט געהאט, און איך שרײבּ אײך צו פערזיכערען מײן ערנסטע סימפּאַטהיע. אײער ליעבּע צו דעם פערשטאָרבּענעם איז געװען צו גרויס, אַז מען זאָל אײך קענען טרויסטען; אָבּער איך װינש פון טיעפען הערצען, דאס אײער בּלוטענדעס הערץ זאָל װערען געטרויסט.

מיט דעם גרעסטען מיטלײד, בּין איך, װיא אימער, אײער פרײנד.

איינלאדונג צו א לויה.

ווערטהער הערר!

איך לאד איך איין דורך דיעזעם שרייבען צו דער לויה פון מיין ברודער יעקב, וועלכער איז געשטארבען לעצטען שבת. פערפעהלט ניט צו קומען, ווייל אייער זיין דערביי וועט מיר פערשאפען א שטיקעל טרויסט. דיא לויה וועט זיך אנפאנגען פון דער וואהנונג פון דעם פערשטארבענעם, 112 קלינטאן סטריט, אום 10 אוהר מארגען אין דער פריה.

אייער טרויערנדער פריינד,

יוסף בערנסאן.

איינלאדונג צו א קאנצערט (מיט איינגעשלאסענע טיקעטס).

ווערטהער הערר!

ביטע אן צונעהמען דיא איינגעשלאסענע טיקעטס (בילעטען) פיר א בענעפיט קאנצערט, וואס ווערען געגעבען פון דער „עדיוקיישאנעל סאסייאטי" (בילדונגס פעראיין). וויסענדיג דיא אינטערעסע, וועלכע איהר געהמט אין אזעלכע ארבייט וואס דער פעראיין טהוט, האף איך אז איהר וועט זיך ניט ענטזאגען צו איהם בייצושטייערן אויף דיעזער ארט.

מיט דאנק אין פאראויס, זיינען מיר, זעהער אכטונגספאל,

דאס קאמיטע.

רופען א מיטגליעד צו א פערזאמלונג.

ווערטהער הערר!

איהר זייט געבעטען צו זיין ביי דער פערזאמלונג פון דער „היברו יאנג מענ'ס בענעוואלענט אססאסיאיישאן", וואס וועט שטאטפינדען דיענסטאג, סעפט. 3, 7 אוהר נאכמיטטאג, אין דער וואהנונג פון מר. א. פליטא, 207 איסט בראדוויי.

אויף דעם בעפעהל פון פרעזידענט,

שמעון פינן, סעקרעטער.

פּאַרמֶען פון שְׁטָרֵי חובות.

א שטר־חוב מיט א זמן פרעון.

מגיע ממני הח"מ לר' אברהם גוטמאן סך חמשים רו"כ שקבלתי ממנו במזומן, על פי היתר עסקא כתקון מור"ם ז"ל, לשלם לא יאוחר מיום העשרים לחדש טבת ש"ז. ונתפשרתי עם בעל השטר על חלקו ברוח חמשה למאה לשנה. ולראיה באתי עה"ח ג' לחדש סיון תרס"ג פה נויארק.

נאום ברוך ליאזנאיק.

א שטר חוב אהן א זמן פרעון.

מגיע ממני הח"מ לר' אברהם גוטמאן סך שבעים רו"כ שקבלתי במזומנים עפה"ע כתקון מור"ם ז"ל, ומתחיב אני לשלם לו בכל עת שידרשם ממני הוא או בא כחו, הרוח חמשה למאה לפי הזמן, ולראיה באתי עה"ח ב' איר תרס"ג, פה שיקאגא.

נאום מענדיל פינקעלמאן.

פארמע פון א שטר שלישית.

הושלש ת"י סך אלף רו"כ השיך להזוג החתן ה' אברהם ב"ר פסח שאמבאדאל והכלה מ' בתיה בת ר' דוד מאלקין. הס"ך הנ"ל קבלתי עפה"ע כתקון מור"ם ז"ל על רוח 5% למאה לפי הזמן וכדת"נ להזוג הנ"ל נגדי הח"מ לעולם. שטר שלישית כזה מסרתי לשני הצדדים ואין לי רשות לתת מהסך המשולש או מהרוח לאחד מהצדדים מבלי השני. ולראיה באתי על החתום ה' תמוז תרס"ג פה פילאדעליא.

נאום מרדכי ב"ר הלל כהן.

פאָרמע פון אַ תנאים.

למז״ט יעלה ויצמח כגן רטוב, מצא אשה מצא טוב. ויפק רצון מה׳ הטוב.

המגיד מראשית אחרית, יתן שם טוב ושארית, לדברי התנאים והברית שהותנו בין שני הצדדים, היינו מצד החתן—הוא העומד מצד עצמו ה׳ אברהם ב״ר פסח שאמבאראל ומצד השני אבי הכלה ר׳ נחום דוד מאלקין העומד מצד בתו הכלה בתיה תחי׳.

ר״ד החתן הנ״ל ישא למז״ט את הבתולה הנ״ל בחופה וקדושין כדמו״י, ואל יעלימו לא הוא ממנה ולא היא ממנו שום דבר, ויחיו בשלום באהבה ורעות, וישלטו בנכסיהם שוה בשוה כארח כל ארעא.

החתן הנ״ל התחיב לתת להכלה מתנות כמנהג בע״ב חשובים גם מ״ט.

אבי הכלה התחיב לתת להזוג מזונות על שלחנו שנה תמימה, גם בגדי שבת ויו״ט.

החתונה תהי׳ אי״ה בשעה שיתרצו החתן והכלה. וקנינא מהצדדים והכלה על כל הנאמר לעיל במנא דכשר למקני ביה.

והכל שריר וקים.

אור ליום ו׳ עשרה ימים לחדש כסלו, תרנ״ו פה נויארק.
נאום גבריאל ב״ר גדליהו זבאורסקי.
נאום שמחה ב״ר אריה כהנא מגיד מישרים דפה.

וליתר תוקף ועוז באו החתן והכלה בעצם כתב ידם עה״ח יום הנ״ל שנת תנ״ל פ״ק הנ״ל.

נאום אברהם ב״ר פסח שאמבאראל.
נאום בתיה בת ר׳ דוד מאלקין.

כתובה דבתולתא.

בחמשה בשבת שמנה ימים לחדש שבט שנת חמשת אלפים שש מאות חמשים ושש לבריאת עולם למנין שאנו מונים כאן עיר נויארק איך שמרו אברהם ב״ר פסח אמר לה להדא בתולתא מרת בתיא בת ר׳ דוד הוי לי לאנתו כדמו״י ואנא אוקיר ואיזון יתיבי ליכי כהלכת גוברין די מוקירין וזנין לנשיהון. וצביאת מרת בתיה והות ליה לאנתו ומן נדוניא דהנעלת ליה בין בכסף בין בשמושא דערסא הכל קבל ר׳ אברהם חתן דנן והוסיף מדיליה עוד... כנגדן. ס״ה... כסף צרוף. וכך אמר החתן ר׳ אברהם: אחריות כתובתא דא קבילת עלי ועל ירתי בתראי להתפרע מכל קנינין דאית לי תחות שמיא. כלהון יהון ערבאין לפרוע מנהון כתובתא דא מן יומא דנן ולעלם. וקנינא מן מורנא ר׳ אברהם דנן לטו׳ בתיה דא על כל דכתוב ומפורש לעיל במנא דכשר למקניא ביה.

והכל שריר וקים.

נאום ולמן ב״ר יעקב מאיאנין.
נאום גבריאל ב״ר יצחק פבזוזן.

די פראַנצויזישע אַ־בע־סע גרויס אונד קליין־האַנד, געדרוקט:

א	בע	סע	דע	ע	עף	זשע	אש
Aa	**Bb**	**Cc**	**Dd**	**Ee**	**Ff**	**Gg**	**Hh**
אי	זשי	קא	על	עם	ען	אָ	פּע
Ii	**Jj**	**Kk**	**Ll**	**Mm**	**Nn**	**Oo**	**Pp**
קיו	ער	עס	טע	יו	ווע	דובלי־ווע	
Qq	**Rr**	**Ss**	**Tt**	**Uu**	**Vv**	**Ww**	
איקס	איגרעק	זעד					
Xx	**Yy**	**Zz.**					

די פראַנצויזישע אַ־בע־סע גרויס אונד קליין־האַנד, געשריעבען:

א	בע	סע	דע	ע	עף
Aa	*Bb*	*Cc*	*Dd*	*Ee*	*Ff*
זשע	אש	אי	זשי	קא	על
Gg	*Hh*	*Ii*	*Jj*	*Kk*	*Ll*
עם	ען	אָ	פּע	קיו	ער
Mm	*Nn*	*Oo*	*Pp*	*Qq*	*Rr*
עס	טע	יו	ווע	דובלי־ווע	איקס
Ss	*Tt*	*Uu*	*Vv*	*Ww*	*Xx*
איגרעק	זעד				
Yy	*Zz*				

דיא דייטשע אַ בע צע גרויס אונד קליין־האַנד געדרוקט:

אַ	בע	צע	דע	ע	עף	גע	הא	אי
Aa	Bb	Cc	Dd	Ee	Ff	Gg	Hh	Ii
יאָט	קא	על	עם	ען	אָ	פּע	קו	ער
Jj	Kk	Ll	Mm	Nn	Oo	Pp	Qq	Rr
עס	טע	או	פֿאו	װע	איקס	איפּסילאָן	צעט	
Sſs	Tt	Uu	Vv	Ww	Xx	Yy	Zz	
ח	ש	שט	ס	צק				
ch	sch	ſt	ß	ck				

דיא דייטשע אַ בע צע גרויס אונד קליין־האַנד, געשריעבען:

Aa Bb Cc Dd Ee Ff

Gg Hh Ii Jj Kk Ll

Mm Nn Oo Pp Qq

Rr Sſs Tt Uu Vv

Ww Xx Yy Zz

די ענגלישע איי בי סי גרויס אונד קליין־האַנד, געדרוקט:

איי	בי	סי	די	אי	עף	דזשי	אייטש
Aa	Bb	Cc	Dd	Ee	Ff	Gg	Hh
איי	דזשיי	קיי	על	עם	ען	אָ	פּי
Ii	Jj	Kk	Ll	Mm	Nn	Oo	Pp
קיו	אר	עס	טי	יו	ווי	דאבליו	
Qq	Rr	Ss	Tt	Uu	Vv	Ww	
עקס	אואיי	זעד					
Xx	Yy	Zz.					

די ענגלישע איי בי סי גרויס אונד קליין־האַנד, געשריעבען:

איי	בי	סי	די	אי	עף
Aa	*Bb*	*Cc*	*Dd*	*Ee*	*Ff*
דזשי	אייטש	איי	דזשיי	קיי	על
Gg	*Hh*	*Ii*	*Jj*	*Kk*	*Ll*
עם	ען	אָ	פּי	קיו	אר
Mm	*Nn*	*Oo*	*Pp*	*Qq*	*Rr*
עס	טי	יו	ווי	דאבליו	עקס
Ss	*Tt*	*Uu*	*Vv*	*Ww*	*Xx*
אואיי	זעד				
Yy	*Zz*				

קינדער־בריעף

קורצע פאמיליען־בריעף ספעציעל פאר יונגע קינדער

1

פון א קינד צו זיין פעררייזטען פאטער

ליעבער, טייערער פאטער!

איך קען דיר ניט ארויסגעבען ווי איך פיהל זייט דו ביזט אוועק־געפאהרען. מיין ליעבע צו דיר איז איצט שטארקער ווי פריהער, ווען דו ביזט געווען אין דערהיים. דאס איז אפשר טאקע צוליעב דעם, ווייל איך קען די ליעבע ניט אויס־דריקען דורך קושען און צערטליכקייט.

איך קוש דיין פאטאגראפישער בילד פילע מאל אטאג, אבער איך קען זיך דערמיט ניט זעטיקן. מיר דוכט, אז עס וואלט מיר פיעל לייכטער געווארען, ווען איך וואלט דיך זעלבסט געקושט.

ליעבער, זיסער טאטעלע, דו ווייסט דאך, אז איך פאלג דיר שטענדיג, נור דאס וואס דו האסט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל נאך דיר ניט בענקען, מוז איך מודה זיין, פאלג איך דיר ניט, אבער איך בין אין דעם ניט שולדיג.

שרייב, ליעבער פאָטער, אָפטע
בריעף, און גאָט זאָל העלפען, אז
דו זאָלסט אונז שטענדיג דערפרע-
הען מיט גוטע נאָכריכטען.
פון מיר דיין טרייער זוהן...
(טרייע טאָכטער)

2

אן ענטפער פון א קינד צו זיין פאטער

ליעבער, זיסער טאָטעלע!
איך קען דיר גאָר ניט אָפּמעלדען
די שמחה וואָס איך האָב געהאָט,
ווען איך האָב געלייענט דיין ליעבען
גרוס צו מיר. איך בין ניט אימשטאנד

ארויסצוגעבן אפילו א טויגענד חלק
פון דעם, וואס איך האב דאמאלס
געפילט. מען דארף זיין א גרויסער
קענער ארויסצובריינגען מיט'ן פעדער
די אינערליכע געפילען פון הארצען,
און דאס בין איך פארלויפיג ניט.

דיין פערלאנג, ליעבער פאטער,
אז איך זאל פאלגען דער מאמען,
היט איך אפ. דען ווי פאלגט מען
עס ניט אזא ליעבע, טהייערע מאמע-
לע? ווען דו וועסט אי"ה אהיים
קומען, וועט די מאמע, זאל לעבען,
זיכער קיינע שלעכטעס אויף מיר ניט

דערצעהלען , מיט דער אויסנאהמע
אפשר, וואס איך בין צופיעל אריינ-
געטהאן אין לערנען, און דאס, האף
איך, וועסטו מיר מוחל זיין.

איך ענדיג מיין שרייבען, ווייל
איך האב היינט שווערע לעקציאנען
צו מאכען און יעדע מינוט איז ביי
מיר טהייער.

פון מיר דיין איבערגעגעבענער
זוהן (איבערגעגעבענע טאכטער)...

3

פון א קינד צום פאטער, ווען ער ערווארטעט זיין קומען.

גוטער און טהייערער פאטער!
איך פערשפאר דיר זאגען, אז
איך בענק נאך דיר. איך גלויב,
אז דו ווייסט עס און פיהלסט עס
אליין, ווייל א הארץ פיהלט א
הארץ. אבער היינט בענק איך נאך
דיר פיעל מעהר ווי פריהער.
אפשר איז דאס צוליעב דעם,
ווייל דער טאג פון דיין קומען אהיים
דערנעהענטערט זיך. — דאס איז
אקוראט אזוי ווי מאנכע קינדער,

וואס ווען עס קומט נאהענט צו דער
צייט, ווען די שולען און חדרים דאר-
פען זיך שליסען, ערווארטען זיי עס
מיט גרויס אומגעדולד. איך בין ניט
פון דיעזען סארט. מיר ווערט דאס
לערנען קיינמאל ניט נמאס, אבער
איך גיב עס דיר, ליעבער פאטער,
בלויז א ביישפיעל וועגען מיין בענקען
נאך דיר.

איך וואלט שוין וועלען דערלעבען
דעם גליקליכען מאמענט, ווען איך
וועל קענען זיין אין דיינע ארמס און
בעדעקען דיין פנים מיט הייסע קושען.

פון מיר דיין זוהן (טאכטער)
וואס האפט צו זעהן דיך אין
גיבען...

4

פון א קינד צום פאטער, ווען ער געהט איבער אין א העכערען קלאס.

ליבער, הארציגער פאטער!
מיט גרויס צופרידענהייט קום
איך דיר יעצט בענאכריכטען, אז
איך בין איבערגעגאנגען אין א
העכערען קלאס. דאס פערשאפט
מיר גרויס פערגעניגען, אבער איך
שטאלציר ניט דערמיט, דען ווי אזוי

קען איך שטאלצירען מיט א זאך
וואס בעלאנגט ניט צו מיר?

דער קרעדיט פאר מיין בילדונג
קומט דיר, ליעבער פאטער, וואס דו
לאנגט מיך לערנען און שטודירען און
צו דיר געהער דער כבוד און דער
שטאלץ פאר מיין אויסצייכענען זיך.

מיט איין זאך אבער קען איך
יע שטאלצירען, און דאס איז דער
מיט, וואס איך האב אזא טהייערען
טאטעלע ווי דו ביזט. איך בעדויער
זעהר וואס דו ביזט דא ניט געווען
און קיין אנטהייל גענומען אין מיין

שמחה, וואס איך מעהר דיינע. אבער איך האף, אז פאר דיין טרייהייט צו מיר, וועל איך דיר נאך איה״ש פערשאפען כבוד און נחת.

פון מיר דיין הייס ליעבענדער זוהן (ליעבענדע טאכטער)...

5

פון א קינד צום פאטער, א דאנק פאר א מתנה.

ליעבער, טהייערער פאטער!

איך האב ערהאלטען דעם שעה־ נעם פרעזענט, וואס דו האסט מיר געשיקט. דעם פערגעניגען וואס איך

האב דערפון איז ניט משער צו זיין.
אבער אין דער זעלבער צייט ער-
גערט מיך זעהר וואס איך בין ניט
אימשטאנדע אפצודאנקען דיר
שריפטליך.

איך בין איצט מקנא די יעניגע
וואס קענען גוט שרייבען. איך וואלט
זיך געפיהלט גליקליך, ווען איך
קען ארויסברייגען אויפ'ן פאפיר
דאס וואס איך דענק און פיהל,
אבער איך קען עס פארט ניט.

איך פערהאף, טהייערער טא-
טעלע, אז דו וועסט אננעהמען מיין

שטומע דאנקבארקייט וואס קומט פון
טיעפען הארצען. פילייכט מיט דער
צייט וועל איך דיר קענען ריכטיג
אבדאנקען פאר די גוטעס, וואס דו
האסט מיר געטהאן און וואס דו
וועסט מיר נאך טהאן.

דיין דאנקבארער זוהן (דאנק-
בארע טאכטער)...

6

פון א קינד, וואס איז אין קאונטרי, צום פאטער.

ליעבער, זיסער פאטער!

איך בין ב"ה געזונד און איך

פערברענג דא די צייט זעהר גוט.
די היגע לופט ווירקט אויף מיר צו
גוטען. איך עס מיט מעהר אפעטיט
און פיהל זיך קרעפטיגער ווי פרי-
הער. דא זיינען פאראן אנשטענדיגע
קינדער, מיט וועלכע איך שפיעל זיך
און פערברענג. מיט די וואס געפע-
לען מיר ניט, וויל איך זיך ניט חבר'ן.
אבער וועהרענד איך באד זיך
אין פערגניגענס, בעטראכט איך זיך
פיר א פערברעכער געגען דיר,
ליעבער פאטער, דען וואס פאר א
יושר איז דאס, אז דו זאלסט זיין

שטענדיג בעשעפטיגט, ניט האבען
קיין רוה, און איך זאל זיך דא!
לאזען וואוילגערן אויף דיין חשבון?
אט צוליעב דעם געהען מיר אפט
ניט איין מיינע פערגניגענס.

איך האב קיינע נייעס דיר מיט.
צוטהיילען, וויל די מאמע, זאל לעבען,
האט דיר שוין אלעס אויסגעשריבען.
פון מיר דיין שטענדיג ליעבענדער
זוהן (ליעבענדע טאכטער)...

7

דער זעלבער בריעף אויף אן אנדער אופן.

ליעבער, טרייער פאטער!

איך האב געלייענט דיין האר-
ציגען בריעף און גרויס פערגניגען
געהאט. גלויב מיר, טייערער פאטער,
אז די אלע פערגעניגענס וואס איך
גענים דא, זיינען גאר ניט אין פער-
גלייך מיטן תענוג וואס איך האב,
ווען איך לייען דיינעם א בריעף. די
מאמע, זאל געזונד זיין, וועט דערויף
עדות זאגען.

דו שרייבסט מיר, טאטעלע, אז

איך זאל ניט שטיעפען צופיעל, קען
איך דיר פערזיכערן, אז דיין
וואונש ווערט שטענדיג ערפילט, ווייל
דאס הארץ דערלאזט מיך גאר ניט
צו שטיעפען און זוכען צופיעל תענוגים.
ווען איך דערמאהן זיך, אז דו
דארפסט נעבאך ארבייטען שווער
צו בעזארגען מיך מיט פערגעניגענס,
פערגעהט מיר דער חשק פון שטיע-
פען און אפילו פון עסען.
איך ווינש נור און בעט ביי גאט
אז איך זאל אמאהל קענען בייטען
זיך מיט דיר מיט די ראלען, — איך

זאָל טהאָן דיין אַרבייט און דו
זאָלסט אַרויספּאַהרען אין אַ זומער
פּלאַץ.

פון מיר דיין איבערגעגעבענער
זוהן (איבערגעגעבענע טאָכטער)...

8

פון א פערזינדיגט קינד צו די עלטערן.

ליעבע, טהייערע עלטערן!
איך שטעה איצט פאַר אייך
כעני בפתח און איך בעט אייך,
אַז איהר זאָלט מיר מוחל זיין אויף
די זינד וואס איך האב בעגאַנגען.

מיין הארץ איז פול מיט חרטה
און איך שעהם זיך פאר זיך אליין,
וואס איך האב געגעבן אייך אזוי
מאס געהאנדעלט. איך קען זיך
אליין קיין חשבון ניט אפגעבן, ווי
אזוי האב איך עס געוואגט צו
טהאן אזא זאך און ווידערשטעהן
אייער ווילען? איך וואונדער זיך,
ווי אזוי האב איך עס אזא ליעבען
טאטעלע און אזא ליעבע מאמעלע
ניט געפאלגט?

איך פיהל, אז איך וועל דיזען
פערברעכען מיינעם קיינמאל ניט פער-

געסען. גאַנצע טעג איך וואַנדער לעבען ווענט
עס איר פון זײַנען ניט אַרויס. אָבער
אײַך, מײַנע טײַערע, בעט איך, אַז
איהר גאַנץ עס פערגעסען און מיר
פערצײַהען די טעג אַלע. איך פער-
גיבער אײַך, אַז נאָך אַלעמען וואָס
אַנגעטאָן ניט פאַרזיכערן.

אײַער זוהן (טאַכטער) וואָס
איז געפאַלען פון חרטה...

9

פון אן אייניקער צו א זיידען און באבען.

טהייערע און ליעבענדע זיידע
און באבע!

עס פרעהט מיך זעהר וואס איך
בין שוין אימשטאנד צו שרייבען צו
אייך מיט מיין אייגענע האנד. איך
בין זיכער, אז אייך וועט עס אויך
הנאה טהאן. מיין פרייד איז דערי-
בער א דאפעלטע, דען איך פרעה
זיך אויך דערמיט, וואס איך וועל
אייך דורך מיין שרייבען פערשאפען
פערגעניגען.

טהייערע גיידעלע און באבע!
איך ליעב אייך הערצליך. דיר,
גיידעניו, וואלט איך איצט אויסגע-
קושט יעדע האר פון דיין שעהנע
בארד, און דיר, באבעניו, וואלט
איך אויסגעקושט יעדען קנייטעלע
אויף דיין פנים.
איך געדענק נאך די שעהנע
מעשה'לאך, וואס איהר פלעגט מיר
דערצעהלען. איך בעדויער זעהר,
וואס דער שיקזאל האט אונז צו-
שיידט און איך קען אייך ניט אפ-
דערצעהלען אנדערע מעשה'לאך פון

תנ״ך און פון ביכלאך, וואס איך
לערען אין שולע.
אבער לאמיר, טהייערע מיינע, הא-
פען, אז מיר וועלען זיך נאך זעהן
אין א גוטען אופן און מיר וועלען
קלייבען נחת איינע פון די אנדערע.
פון מיר אייער איינקעל...

10

צום זיידען און צו דער באבען פאר׳ן ווערען בר־מצוה.

פיעל געליעבטע און טהייערע
זיידע און באבע!
מיט גרויס שמחה קום איך
אייך איצט אנזאגען די פרעהליכע

בשורה, אז קומענדיג וואך איה"ש
ווער איך בר-מצוה.

איך דארף אייך ניט דערצעה-
לן, אז איך ווער באלד דרייצעהן
יאהר אלט, ווייל דאס ווייסט איהר
זיכער אליין. איך מיין אבער אנצו-
זאגען אייך, אז איך וועל איה"ש
זיין אן אמת'ער בר מצוה. איך וועל
ניט פטורן בלויז מיט טראגען דיזען
נאמען, נאר איך וועל טאקע זיין
איבערגעגעבען צו מצות און מעשים
טובים.

איך בעדויער זעהר, וואס איהר

וועט מוזען אנטהייל נעהמען אין אונ-
זער אלעמענס שמחה פון דערווייטענס,
איך בין זעהר גערן אז איהר
זאלט אין איין גרויסען יום טוב זיין
דא מיט אונז, אבער אז גאט'ס ווי-
לען איז דערביי ניטא, קען מען ניט
העלפען.

איך האף אז אייערע ברכות
פון דערווייטענס וועלען מקוים ווערען
און מיר וועלען האבען נחת איינע
פון די אנדערע.

אייער איבערגעבענער אייניקעל...

11

דאנקזאגונג פאר א בר־מצוה פרעזענט.

ליעבער, טהייערער אנקעל!

איך האב ניט גענוג ווערטער און אויסדריקע אבצודאנקען אייך פאר דער שעהנער מתנה וואס איהר האט מיר געשיקט צו מיין בר־מצוה שמחה. ווען איך וואלט געווען בעקומען דיזע מתנה דורך אייער אייגענע האנד, וואלט אונזער שמחה געווען גאר פאר פול.

איהר ווינשט מיר, טרייער אנקעל, אז איך זאל זיין א גוטער און

פרומער ליב, פערהאף איך צו גאט
אז איך וועל דאס זיין. איך וועל
קיינמאל ניט פערגעסן, אז איהר
האט מיר די שעהנע מתנה געשענקט
צוליעב מיין בר־מצוה ווערן און איך
וועל שטענדיג זיין א בר־מצוות — א
מענש פון מצוות, א מענש פון גוטע
און ערליכע טהאטען.

איך האף אז דורך מיין געבן
בדרך הישר וועל איך אמבעסטען
אויסדריקען מיין פולע דאנקבאר־
קייט צו אייך און צו אלע וואס

האבען אנטהייל גענומען אין מיין
שמחה.

אייער הערצליך ליעבענדער
פלימעניק...

12

צו א פעררייזטען ברודער.

ליעבער הארציגער ברודער!

מיר האבען ערהאלטען דיין בריעף
און אין אלגעמיין האבען מיר זיך
זעהר געפרעהט צו הערען פון דיין
ליעבען געזונד. אבער איך פון מיין
זייט האב היבש פערדרוס אויף דיר,

וואס דוא פטור'סט מיך אפ מיט א
גרוס פון איין שורה.

ווארום שרייבסטו ניט מעהר? ביזטו
דאס אזוי פערנומען, אז דוא פער-
גינסט מיך ניט דיא צייט צו שרייבען
צו א ברודער אייניגע שורות? סיי-
דען דוא פערלאנגסט ניט אז איך
זאהל צו דיר שרייבען, דעריבער
שרייבסטו צו מיר ניט.

אבער מעגסט זיך, ברודערקע,
ניט וועלען, וועסטו דאך זיין געצוואונ-
גען צו לייענען מיין שרייבען און דוא
וועסט מיר אויך מוזען אנטווארט

געבען, ווען ניט, וועל איך דיר עס
קיינמאל ניט מוחל זיין.
איך האָב אייך ערוואַרטעט, אז דו
וועסט פערגיטיגען דיין ביז יעצטיגען
פעהלער און אין דיין צווייטען בריעף
וועסטו צו מיר מעהר שרייבען.
דיין עוויג-ליעבענדער ברודער
(עוויג-ליעבענדע שוועסטער)...

13

צום זעלבען אויף אן אנדער אופן.

האָכגעשעצטער, גוטער ברודער!
דיין שרייבען ספּעציעל צו מיר, האָט
מיר פיעל פערגעניגען פערשאַפט. ווען

איך וואָלט בעגײַצען מעהר קענטניס
און איך וואָלט מעהר צייט געהאַט,
וואָלט איך דיר אױצט אָנגעשריע-
בען אַ גאַנץ לאַנגען בריעף, און
איך האָף אַז ער וואָלט דיר ניט
געווען צו לאַנג. אָבער איך קען
ניט שרייבען פיעל און דו ווײסט ניך
מוזען בענוגענען מיט אײניגע צײלען.
ווענען מײן לערנען, וואָס דו ווילסט
ווייסען, קען איך דיר מיטטהײלען, אַז
איך לערנען גאָהר פלײסיג און מאַך
גוטע פאָרטשריטע. אַז דו ווײסט קו-

מען אהיים וועסטו זיך עס איבערזיי-
גען.

איך האָב צו גוט אַז דו, מיין
ליעבער ברודער, וועסט קיינמאָל ניט
האָבען צו שעהמען זיך מיט מיר. דו
וועסט מיט דער צייט זיין מעהר יחסן
ווי איך. דען איך וועל האָבען אַ
פּראָסטען ברודער און דיין ברודער
(שוועסטער) וועט זיין אַ געבילדע-
טער (געבילדעטע).

פון מיר דיין טרייער ברודער
(טרייע שוועסטער)...

א נייער דריי שפראכיגער

ווערטערבוך

— פון —

אלכסנדר הארקאווי

אידיש, העברעאיש און ענגליש

אלכסנדר הארקאווי, וואס האט זיך בעריהמט געמאכט מיט זיינע ווערטער ביכער, וועלכע האבען געדינט פאר א וועג ווייזער א גאנצען דור צו ערלערנען די ענגלישע שפראך, האט יעצט בעקרוינט זיין ארבייט מיט דעם נייעם ווערק, וועלכע שיינט איבער אלע זיינע פריהעריגע שאפונגען.

דער ווערטערבוך איז דאס ערשטע ווערק וואס פעראייניגט אלע דריי שפראכען צוזאמען דורך יודיש. און שטעהט העכער פון א טרוקענעם ווערטערבוך ווייל אויסער וואס ער פערטייטשט ריכטיג יעדען ווארט אין דריי שפראכען איז ער אויך א זאמלונג פון אלע אלטע און נייע שפריכווערטער, ליטערארישע פראזען אין פאלקסטימלכע אויסדרוקען פון טעגליכען לעבען, וועלכע ער טראגט אריבער אין א זאפטיגען העברעאיש און ענגליש.

שעהן געדרוקט, געבונדען אין סילק קלאטה

פרייז 5 דאלאר

HEBREW PUBLISHING COMPANY

632-34 Broadway, New York.